STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02081

DI YAM ARBEYTER

Victor Hugo

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



װיקטאָר הוגאָ.

די ים ארבייטער

א ראמאן

פֿון וויקטאר הוגא.

איבערזעצט

פֿון ש. יאנאווסקי.

אַרויסגעגעבען פֿון

די לאנדאן אידישע פאבלישינג קאמפאני.

לאָנדאָן, 1910.

גערדוקט ביי י. נאַראָדיצקי 48 מייל ענד רויד, לאָנדאָן, איסט.

ערשטער בוך.

I.

קריסטמאַס אין גערנסי, אין דעם יאָהר — 182, איז געווען אַזעלכער, וואָס איז ווערט צו געדענקען, וויil אין יענעם טאָג איז אַ שנעע געפֿאַלען. אין יענע מקומות, איז אַ שטאַרקער ווינטער אַ גרויסע זעלטענהייט, און אַ שנעע ווערט דאָרט בעטראַכט אַלס אַ פֿאַל, איבער וועלכען עס איז ווערטה צו ריידען.

יענעם פֿריהמאָרגען איז דער גאַנצער וועג, פֿאַר אַ גוטע עטליכע מייל, געווען ווייס מיט שנעע; ער האָט אָנגעהויבען פֿאַלען אין מיטען דער נאַכט און האָט ניט אויפֿגעהערט ביז עס איז געוואָרען טאָג.

אַרום אַזייגער ניין, ווען עס איז נאָך געווען צו פֿריה פֿאַר די פֿרומע צו געהן אין די קירכע, האָט מען אַחוץ דריי פּערזאָנען, אַ מאַן, אַ פֿרוי און אַ קינד, קיין לעבעדיגען מענשען ניט געזעהן אויף׳ן וועג, זיי זיינען געווען אַ גרויסע שטרעקע ווייט איינע פֿון די אַנדערע, און ווי עס האָט אויסגעזעהן, איז צווישען זיי קיין שייכות ניט געווען.

דאָס קינד, אַלט אַ יאָהר אַכט, איז געגאַנגען גאַנץ לאַנגזאַם און האָט מיט פֿערוואונדערונג בעטראַכט דעם שנעע. דער מאַן איז געווען מיט אַ הונדערט טריט הינטער דער פֿרוי, און ביידע, ווי עס האָט געשיינט, זיינען געקומען פֿון דעם דאָרף סאַן סאַמפּסאָן. דער מאַן האָט אויסגעזעהן צו זיין נאָך זעהר יונג. זיין ערשיינונג האָט געמאַכט דעם איינדרוק פֿון איינעם, וואָס איז העלפֿט אַרבייטער, העלפֿט מאַטראָז. ער איז געווען אָנגעטהאָן גאַנץ וואָכעדיג, און יעדער האָט געזעהן, אַז טראָץ די הייליגקייט פֿון דעם טאָג, האָט דער טרעגער פֿון דיעזע וואָכעדיגע קליידער גאָר בדעה ניט געהאַט צו געהן אין קירכע. זיינע שווערע שיך זיינען געווען פֿון אונגעגערבטען לעדער, די פּאָדעשוועס זיינען געווען צוגעשלאָגען גאַנץ געדיכט מיט שטאַרקע אייזערנע טשוועקלעך; זיי האָבען געלאָזען אויף׳ן שנעע אַ

שטעמפּעל, וואָס האָט מעהר אויסגעזעהן ווי דער שלאָס פון אַן אָסטראָג, אַלס דער שליאַד פון אַ מענשליכע פוס.

די פרוי, פערקעהרט, איז געווען אָנגעטהאָן אין איהר סאַמע יום-טוב. זי האָט געטראָגען אַ געוואַטעטען זיידענעם מאַנטעל, אונטער דעם מאַנטעל איז זי געווען אָנגעטהאָן אין אַ חן'עווריג פערפוצטע קלייד פון איירישע שפּהנע וואָהל מיט ווייסע און רויטע שטרייפען, און ווען זי וואָלט ניט געווען אָנגעטהאָן אין רויטע זאָקען, וואָלט מען איהר געקענט האַלטען פאַר אַן עכטע פאַריזערין. זי איז געגאַנגען מיט אַ לייכטען און זאָרגלאָזען טראָט. מען האָט דערפון געקענט פערשטעהן, דאָס זי איז נאָך געווען אַ זעהר יונגע מיידעל וואָס האָט נאָך גאָר קיין בעקאַנטשאַפט ניט געמאַכט מיט די זאָרג און ביטערניש פון לעבען. יעדע בעוועגונג איהרע האָט געציינט, דאָס זי איבערלעבט די העכסט דעליקאַטע צייט אין אַ פרוי'ס לעבען — די צייט, ווען די יונגע מיידעל הויבט אָן אויפבליהען אין אַ פרוי; אַ צייט, וואָס איז דער גרענעץ צווישען דעם אָנפאַנג פון דער פרוי און דאָס ענדע פון דעם קינד.

עס האָט ניט אויסגעזעהן, אַז דער מאַן זאָל זיך האָבען אינטערעסירט ווער דאָס איז געווען די מיידעל. מיט אַמאָל איז זי שטעהן געבליבען, האָט זיך פערטראַכט פאַר אַ רגע, און דאַן האָט זי זיך איינגעבויגען און האָט אָנגעשריבען עטוואָס מיט איהר פינגער אויף'ן שנעע.

דאָס האָט שוין בעוועגט דעם מאַן צו בעטראַכטען איהר אויפמערקזאַמער. זי האָט זיך באַלד ווידער אויסגעגלייכט און האָט אָנגעפאַנגען גיכער צו געהן. באַלד האָט זי זיך אַ נעהם געטהאָן לינקס, און דער מאַן האָט איהר מעהר שוין ניט געזעהן. ווען זי האָט זיך גענומען לינקס, האָט דער מאַן איהר דערקענט. דאָס איז געווען ד ע ר ו ש ע ט ע, איינע פון די שעהנסטע מיידלאַך אין דעם גאַנצען געגענד. ער האָט קיין נייגונג ניט געפיהלט צו געהן אַביסעל גיכער, נור געהענדיג מיט זיין געוועהנליכען טריט, איז ער באַלד געווען ביי דעם פלאַץ, וואו די יונגע מיידעל האָט זיך איינגעבויגען און האָט עטוואָס אָנגעשריבען אויף'ן שנעע.

די מיידעל, דעם אמת זאָגענדיג, איז איהם שוין גאַנץ אַרויס פון זינען, און וואָלט פיליכט אַ פויגעל פערבייגעלאָפען, וואָלט ער געווים ווייטער געגאַנגען זיין וועג, מיט זיינע אויגען געצילעוועט אויף'ן פויגעל, אָבער דורך אַ צופאַל האָט ער געהאַלטען זיינע אויגען אַראָבגעלאָזען צו דער ערד און גאַנץ מעכאַניש איז זיין בליק געפאַלען אויף דעם פלאַץ, וואו די מיידעל האָט זיך אָבגעשטעלט. דאָרט האָט ער געזעהן דעם שליאַד פון צוויי קליינע

פּים, און אַביסעלע ווייטער האָט ער געלעזען דעם וואָרט, וואָס די מיידעל האָט געשריבען אין שנעע:

ג י ל י א ט.

דאָס איז געווען זיין אייגענער נאָמען, מען האָט איהם גערופען ג י ל י א ט.

פאַר אַ שעהן שטיקעל צייט איז ער געשטאַנען גאַנץ אָהן בעוועגונג, קוקענדיג אויף דעם נאָמען, אויף די קליינע פוס-טריט, אויף דעם שנעע, און דאַן אַזוי ווי אַביסעל פערזאָרגט, איז ער ווייטער געגאַנגען.

II.

גיליאַט האָט געלעבט אין דעם דאָרף סאַן סאַמפסאָן, פון וועלכען די איינוואוינער האָבען איהם גאָרניט אַזוי שטאַרק געגליכען. אָבער זייער ניט גלייכען איהם האָט געהאַט פיעלע טעמים, ערשטענס האָט ער געלעבט אין אַ „שדים-הויז".

וואָס איז דאָס אַ שדים-הויז?

אין געוויסע פלעצער אויף'ן לאַנד, און מאַנכעס מאָל זאָגאַר אין די גאַסען פון גרויסע שטעדט, טרעפט איהר הייזער, דער אַריינגאַנג צו וועלכע איז גאַנץ פערקלאַפּט, די טהיר איז פערשפאַרט מיט קלעצער, און די פענסטער זיינען פאַרשלאָגען מיט עסליכע ברעטער, די שויבען זיינען אַלע צוטראַסקעט, דער הינטער הויף איז פול מיט שטיינער, פון צווישען וועלכע לאַנגע גראָז שפּאַרט אַרויס, די קוימענס זעהען אויס, אַזוי ווי זיי וואָלטען געהאַלטען ביים איינפאַלען און אין פיעלע פלעצער איז דער דאַך לעכערדיג. דער בליק, וואָס איהר כאַפּט דורך די צובראָכענע שויבען, צייגט אייך אַ סצענע פון אַ שרעקליכען חורבן, די מעבעל איז צופרעסען פון ווערים, די אַביטשע פון די ווענד הענגט אין לאַנגע פאַסען. לאַנגע שפּין-וועבס פול אָנגעשטאָפּט מיט פליגען אָהן אַ צאָהל, דערצעהלען פון די לאַנגע און אונגעשטערטע הערשאַפט פון גאַנצע דורות פון שפינען. שטיקלעך צובראָ-כענע כלים זעהט איהר אויף די פּאָליצעס. איז עס אַ וואונדער, ווען מען גלויבט, אַז שדים קומען מאַכען דאָרט זייערע וויזיטען יעדע נאַכט?

הייזער האָבען אַ גרויסע עהנליכקייט מיט זייערע איינוואוינער; ווי זיי, קענען זיי אויך שטאַרבען. אַן אָטהעם-צוג פון אַבערגלויבען איז די פאַר-ניכטונג פון אַ וואוינונג און דאַן איז איהר אויסזעהען שרעקליך.

דיעזע שרעקליכע הייזער זיינען פאַר קיין פאַל ניט אַ זעלטענהייט אין

די „קאַנאַל אינזלען". אַלע קלאַסען פֿון לאַנד־אַרבייטער און זעע־לייט האָ־
בען אַ גרויסען גלויבען אין דעם לעבען און טהעטיגקייט פֿון שד.

דיעזע איינפֿאַכע לייט גלויבען ניט נור אין די קראַפֿט פֿון שד אַליין,
זיי גלויבען אויך, אַז דיעזער פּרינץ האָט אויך איבעראַל זיינע אַגענטען. עס
איז אַ גוט בעקאַנטע טהאַטזאַך, דאָס דער שד בעלפֿעגאָר איז די שדים'ס
אַמבאַסאַדאָר אין פֿראַנקרייך, הוטגין אין איטאַליען, בעליאַל אין טערקיי,
טהאַאומוז אין שפּאַניען, מאַרטינעט אין דער שווייץ, און דער שד מאַמאָן
אין אַמעריקאַ. דער שד איז אַזאַ אימפּעראַטאָר ווי אַן אַנדער צעזאַר־שד:
אויך ער האָט זיינע משרתים און יוצר משרתים.

די אַלטע איינוואוינער פֿון דיעזע מקומות דערצעהלען, דאָס אין די
פֿריהעריגע צייטען זיינען די רוימישע קאַטאָליקען געווען פֿיעל בעפֿריינדע־
טער מיט'ן שד, ווי די פּראָטעסטאַנטען, ווארום דאָס זאָל אַזוי זיין, קענען
מיר אייך ניט זאָגען, נור די קאַטאָליקען האָבען ניט ווייניג געליטען דערפֿון.
זיין הויבט־טייוועלשען טריק פֿלעגט ער אויפֿשפּיעלען די פֿערהייראַטהע
קאַטאָליקען. ביי נאַכט, ווען דער קאַטאָלישער מאַן פֿלעגט שטאַרק שלאָפֿען,
פֿלעגט ער אָבשטאַמען אַ בעזוך זיין קאַטאָלישער פֿרוי, וואָס פֿלעגט נור
וואָס האָבען איינגעדרעמעלט, און אַזאַ בעזוך פֿלעגט אָנמאַכען פֿיעלע צרות
אין דעם פֿאַמיליען־לעבען. וואָס דאַרפֿט איהר מעהר, אַ גרויסער גלח האָט
בעהויפּטעט, אַז וואָלטער פֿערדאַנקט זיין לעבען צו אַזאַ מין נאַכט־בעזוך
פֿון דעם טייוועל צו זיין מוטער, און ווען מען בערעכענט זיך, ווער וואָלטער
איז געווען, איז די געשיכטע גאָר ניט אַזוי שווער צו גלויבען. אַזעלכע פֿעלע
האָבען גאַנץ אָפֿט פּאַסירט. אין אַ גרויסען פֿרויען־קלויסטער ענדע פֿון
פֿאָריגען יאָהר הונדערט האָט דער טייפֿעל געמאַכט נעכטליכע וויזיטען, פֿון
וועלכע פֿרעגט שוין גאָר ניט, וואָס איז אַרויסגעקומען. קיין צווייפֿעל, אַז
דאָס איז געווען אַ שטראָף פֿאַר די פֿאַרברעכען פֿון דער גרויסער פֿראַנ־
צויזישער רעוואָלוציאָן, ווייל די צרות, וואָס קומען פֿון אַ רעוואָלוציע, זיינען
גאָר ניט אָבצואוועגען און אָבצומעסטען.

ווי די מעשה איז, די מעגליכקייט פֿון אַזאַ מין טייוועלשען נאַכט־
וויזיט האָט געמאַכט שווערע זאָרג פֿאַר די פֿרומע קאַטאָלישע פֿרויען: אַ
קליינינקייט צו ברייננגען אַ טייוועלשען וואָלטער אויף דער וועלט! דאָס איז
געווען אַ געדאַנק, וואָס האָט זיי געמאַכט ציטערן אין אַלע זייערע אברים,
און מען דערציילט, דאָס ווען אַ קאַטאָלישע פֿרוי האָט זיך געווענד צו איהר
גלח, פֿאַר וועלכען זי פֿלעגט זיך מתודה זיין, ער זאָל איהר געבען אַ מיטעל,
אויסצוגעפֿינען אין דער פֿינסטער, אויב דאָס איז ניט דער טייוועל, וואָס
לעבט מיט איהר אָנשטאָט איהר מאַן, האָט ער איהר פֿאָלגענדעס געזאָגט:

„ווען דו ווילסט זיכער זיין, אַז דאָס איז דיין מאַן, און ניט דער טייוועל, מוזטו אַרויפלייגען דיין האַנד אויף זיין קאָפּ, און ווען דו געפינסט דאָרט ניט קיין הערנער, קענסטו זיין זיכער, אַז עס איז אַלעס אין בעסטע אָרדנונג", אָבער מען דערצעהלט, אַז די גוטע פרוי האָט ניט אויסגעפונען, אַז דער מיטעל זאָל זיין אַן אמת ריכטיגער.

גיליאַט'ס הויז איז געווען אין דעם באַזיץ פון שדים, און האָטש איצט איז זי געווען אַ הויז, ווי אַלע הייזער, דאָך האָבען די גוטע דאָרפס־לייט נאָך אימער געקוקט אויף איהר מיט אַ חשד.

און אָט פאַר וואָס: אַלע ווייסען, דאָס ווען אַ מענש באַזעצט זיך אין אַ הויז, וואו דער טייוועל האָט געלעבט, בעטראַכט עס דער טייוועל, אַזוי ווי ער וואָלט דאָרט אַוועקגעזעצט אַ וועכטער, אַ הויזקיפּער, נור ער האָט אין זיך די פיינקייט ניט צו קומען אַהין מעהר, סיידען ער ווערט ספּעציעל איינגעלאַדען, ווי אַ דאָקטאָר למשל.

דיעזע הויז האָט מען גערופען לע בי דע לאַ רי, זי איז געשטאַנען אויף אַ פעלד גאַנץ נאָהענט פון וואַסער. אַרום הויז איז געווען אַ קליינער גאָרטען, וועלכער פלעגט מאַנכעס מאָל ווערען גאַנץ פערטרונקען, ווען דער וואַסער פלעגט זיך אויפהויבען פון זיינע ברעגעס. צווישען די הויז און דעם דאָרף סאַן סאַמפּסאָן איז געווען אַ הויכער באַרג, אויף וועלכען עס איז געווען אַ שלאָס פון די אַלטע צייטען, זאָ דאָס אין דעם דאָרף סאַן סאַמפּ־סאָן האָט מען גיליאַטס הויז פאַר קיין פאַל ניט געקאָנט זעהען.

בישוף־מאַכער זיינען ניט קיין זעלטענע ברואים אין גערנסי. זיי געהען אָן מיט זייער פּראָפעסיע, טראָץ די ערציהונג, וועלכע די קינדער קריגען אין די שהולען. איינינע פון זייערע קונסט־שטיק זיינען ווירקליך צו באַוואונ־דערען. זיי קאָכען גאָלד, זיי רייסען קרייטיכער אין מיט'ן דער נאַכט, זיי וואַרפען אַן עין הרע אויף זייערע שכנים'ס אָקסען. ווען מען פרעגט ביי זיי אַן עצה אין אַ קראַנקהייטס־פאַל, הייסען זיי זיך ברייננען אַ פלעשעלע השתנה פון דעם קראַנקען, און מען האָט געזעהען, ווי זיי שאָקלען מיט די קעפּ און מורמלען. דיעזע השתנה זעהט אויס זעהר שלעכט. אין דעם מאָנאַט מאַרטש 1857, האָט איינער פון דיעזע דאָקטוירים אויסגעפונען גאַנצע זיבען שדים און איין אַזעלכע פלעשעל.

קיין וואונדער, דאָס אַ יעדער האָט פאַר זיי פּשוט מורא. איינער האָט נאָך גאָר ניט לאַנג אַ פולך אַרויפגעוואָרפען אויף אַ בעקער און זיין אויווען, אַן אַנדערער איז געווען אַזוי גרויזאַם צו פאַר'חתמ'ענען קאָנווערטען, אין וועלכע עס איז גאָר ניט געווען אַריינגעלייגט, און נאָך פיעלע שרעקליכע זאַכען. דאָס אַלעס זיינען פאַקטען, וועלכע קענען לייכט בעוויזען ווערען.

אייניגע כשוף־מאַכערס זיינען אמת גוט הערציג, פאַר אַ קליינינגקייט פון אַ צעהן, פופצעהן דאָלאַר, וועלען זיי נעהמען אויף זיך יעדע אַרט קראַנקהייט, פון וועלכע איהר ליידט, זיי קייקלען זיך דאַן אויף'ן בעט מיט משונה'דיגע געשרייען, וועהרענד איהר זאָגט זיך: „חלעבען, איך פיהל דאָך טאַקע בעסער". אַנדערע ווידער קורירען אייך, נור אַרומבינדענדיג אַ פּאַטשיילקע אַרום אייך — אַ רפואה, וואָס איז אַזוי איינפאַך, אַז עס נעהמט פשוט וואונדער, ווי אַזוי קיינער האָט עס פריהער ניט אויסגעפונען.

אין דעם פאָריגען יאָהרהונדערט פלעגט די קעניגליכע הערשאַפט פון גערנסי פערברענען דיזע כשוף־מאַכערס לעבעדיגערהייד; איצט קריגען זיי אַכט וואָכען אין אַסטראָג: פיער וואָכען אויף ברויט און וואַסער און פיער וואָכען איינזאַמע געפאַנגענשאַפט. אָה, צייטען, ווי איהר ענדערט זיך דאָס!

דער לעצטער פערברענען פון אַ כישוף־מאַכער אין גערנסי האָט פּאַסירט אין דעם יאָהר 1747. עלף האָט מען פערברענט צווישען די יאָהרען 1565—1700. אין אַלגעמיינעם פלעגען די פערברעכער צוגעבען דאָס זיי זיינען שולדיג. די מייסטע פון דיזע וידוי'ס פלעגט מען אַרויסקריגען פון זיי נאָך דעם, ווי מען האָט זיי אָנגעטהון שרעקליכע יסורים, אָבער ניט נור כשוף־מאַכערס אַליין פלעגט מען פערברענען, דער שטאַט און די רעליגיאָן האָבען בענוצט דעם שייטער־הויפען פאַר זייערע צוועקען, רעבעלען און אונגלויביגע פלעגען פערברענט ווערען.

וועהרענד דער הערשאַפט פון מאַריאַ טיודאָר, האָט מען פערברענט אַ מוטער און איהרע צוויי טעכטער, איינע פון דיזע טעכטער איז געוועזען טראָגעדיג, און זי האָט געהאַט דעם קינד אין מיטען פון די פלאַמען. דאָס ערשט געבאָרענע עופה'לע האָט זיך אַרויס געקייקעלט אויסערן פייער און אַ מאַן, וואָס איז געוועזען אַ צוזעהער, האָט עס אויפגעהויבען. דאָס האָט דערזעהען דער טשינאָווניק, וואָס האָט אויפגעפאַסט אויף דיזע צערעמאָניע, און ווי אַ גוטער קאַטהאָליק, האָט ער אַרויסגענומען דאָס קינד פון דעם מאַן'ס הענד, און האָט עס צוריק אין פייער אַריינגעוואָרפען.

III.

לאָמיר זיך צוריק קעהרען צו גיליאַט.

די אַלטע לייט דערצעהלען, דאָס געגען די ענדע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, איז אַ פרוי, מיט אַ קליין קינד אויף די הענד, געקומען זיך צו בעזעצען אין גערנסי. קיינער האָט ניט געוואוסט, צו זי איז

ענגליש אָדער פֿראַנצויזיש. זי און דאָס קינד האָבען געלעבט גאַנץ אַליין. איינינגע האָבען געזאָגט, אַז דאָס קינד איז איהר אייגענער, אַנדערע, אַז דאָס איז איהר פּלימעניק, און גאָר אַנדערע האָבען געזאָגט, אַז דאָס קינד איז אַ גאַנץ פֿרעמדער צו איהר, וועלכען זי האָט זיך אָנגענומען אויפֿצוהאָדעווען אַלס איהר אייגען קינד. זי האָט געהאַט פּונקט גענוג צום לעבען. זי האָט געקויפֿט אַ שטיקעל ערד אין אַ געגענד פֿון גערנסי, אַ צווייטע שטיקעל ערד אין אַן אַנדער פּלאַץ. צו יענער צייט האָט די הויז בי דע לאַ רי געהאַט דעם שם פֿון אַ שדים הויז, פֿאַר איבער דרייסיג יאָהר האָט דאָרט קיינער ניט געוואוינט.

די הויז איז געוואָרען שוין באַלד אַ חורבה, דער גאָרטען איז פֿערניכ־טעט געוואָרען פֿון די שטענדיגע איבערשוועמונגען, אָבער אַלס אַ צוגאָב האָבען זיך פֿון דאָרט געהערט מאָדנע שטימען, און אויך ליכט, האָבען איינינגע געשוואָרען, אַז זיי האָבען געזעהען נאָך דעם, ווי עס איז פֿינסטער געוואָרען. די הויז האָט מען אָנגעבאָטען פֿאַר אַ קלייניגקייט. די פֿרוי, ווי עס שיינט אַנגערעדט פֿון דעם טייוועל אַליין, האָט אָבגעקויפֿט דיעזע הויז, און האָט זיך דאָרט בעזעצט מיט איהר קינד. פֿון יענער צייט האָט מען שוין ניט געהערט פֿון קיינע איבערנאַטירליכע קולות. „דער איינוואוינער פּאַסט פֿאַר די הויז", האָבען די שכנים געזאָגט. קיינע ליכט האָט מען שוין דאָרט ניט בעמערקט שיינען, אויסער די חלב־ליכטעל פֿון דער איינוואוינע־רין. די פֿרוי האָט בעאַרבייט די איינינגע אַקערס לאַנד, און האָט געקויפֿט אַ קוה פֿון אַזאַ סאָרט, וואָס איהרע מילך מאַכט גוטע פּוטער. אַלעס, וואָס זי האָט אַרויסגעקראָגען פֿון איהר פֿעלד, פֿלעגט זי פֿערקויפֿען אויף'ן מאַרק, זי אַליין איז אין מאַרק ניט געגאַנגען, אָבער דער אייגענטהימער פֿון דעם שענק סאַן סאַמפּסאָן איז געווען איהר אַגענט, וועלכער פֿלעגט פֿערקויפֿע. איהרע קאַרטאָפֿעל, ציבעלע, בעבלאַך א.ז.וו.

די הויז האָט זי געמאַכט אַזוי, דאָס דער רעגען זאָל ניט קענען אַריין. די הויז איז בעשטאַנען פֿון צוויי שלאָף־צימערן, אַ פּאַרלאָר און אַן אויבער־שטיבעל, צו וועלכע מען האָט נור געקענט צוקומען מיט די הילפֿע פֿון אַ אַ לייטער. די פֿרוי האָט אויפֿגעפּאַסט אויף די ווירטהשאַפֿט, און האָט גע־לערענט דעם קינד לעזען און שרייבען. זי איז קיינמאָל אין קלויסטער ניט געגאַנגען, און נעהמענדיג דאָס אין אַנבעטראַכט, האָבען מענשען געזאָגט, דאָס זי מוז זיין אַ פֿראַנצויזקע. ניט צו געהן „ערגעץ ניט" איז אַ זעהר ערנסטע זאַך. עס איז מעגליך, דאָס זי איז געווען פֿראַנצויזיש. די וואולקאַנען שפּייען אַרויס שטיינער, און רעוואָלוציאָנען צושפּרייטען און צושליידערען די מענשען.

גאַנצע פֿאַמיליען ווערען פֿאַרוואָרפֿען גאָט וויס וואו. בירגער מוזען לויפֿען פֿון זייער פֿאָטערלאַנד און ווערען צושפּרייט און צעזייט, מענשען פֿאַלען, אַזוי ווי פֿון די וואָלקענס, אין דייטשלאַנד, אין ענגלאַנד, אייניגע ווערען פֿאַרוואָרפֿען זאָגאַר אַזוי ווייט, ווי אין אַמעריקאַ און די איינוואוינער פֿון לאַנד קוקען אויף זיי מיט פֿערוואונדערונג: פֿון וואַנען קומען אַלע דיעזע אונבעקאַנטע מענשען? דאָס איז דער וואולקאַן, וואָס פֿלאַקערט מיט דעם פֿייער פֿון רעוואָלוציאָן, וואָס האָט זיי אַלע אַרויסגעשפּיגען, אַרויסגעשטויסען און פֿאַריאָגט פֿון זייערע געבורסטלאַנד, זיי זוכען אַ פּלאַץ, וואו זיי זאָלען קענען דאָך ווי עס איז לעבען, ניט אימער אָבער געלינגט עס זיי. מען רופֿט זיי: פֿליכטלינגע, רעוואָלוציאָנערען, און מאַנכעס מאָל גאָר אַוואַנטיור־ריסטען. פֿאַרבלייבען זיי דאָרט וואו זיי קומען, ליידט מען זיי, געהען זיי אַוועק, איז יעדער צופֿריעדען.

מאַנכעס מאָל זיינען דיעזע וועלט־וואַנדערער, די פֿרויען איבערהויפּט, גענצליך אונבעקאַנט מיט די פֿאַקטען, וועלכע האָבען זיי פֿערטריבען פֿון זייער היים. זיי האָבען קיינעם קיינמאָל קיין שאָדען ניט געטהאָן, און וויסען ווירקליך ניט, פֿאַר וואָס דער גרויסזאַמער שיקזאַל פֿערפֿאָלגט זיי; אַזוי אָבער אַזוי איז שוין דער כאַראַקטער פֿון יעדער רעוואָלוציאָן: זי שאַנעוועט קיינעם, זי פֿערניכטעט און צוטרעט די, וועלכע זיינען איהר אין וועג, מאַכט ניט אויס, בעוואוסט אָדער אונבעוואוסט. פֿיליכט איז די פֿרוי גיליאַט פֿון גערנסי געווען איינע פֿון דיעזע קרבנות.

די פֿרוי איז געוואָרען עלטער און עלטער און דאָס קינד איז געוואָרען אַ יונגער מאַן. זיי האָבען געפֿיהרט אַן איינזאַמען לעבען, אויסגעמידען פֿון אַלע, אָבער זיי זיינען געווען גליקליך אין זייער ליעבע און אַנהענגליכקייט פֿון איינער צום אַנדערען. איין טאָג איז די פֿרוי געשטאָרבען, זי האָט גע־לאָזען ירושה צו גיליאַט דאָס פֿעלד, די הויז, אַ הונדערט גינעס אין אַן אַלטע זאָק. די הויז איז געווען ניט שלעכט פֿאַרזאָרגט מיט מעבעל, ווי צוויי קאַמאָדען, זעקס שטוהלען, צוויי בעטען, אַ טיש, געפֿעס, און אַלעס, וואָס געהערט צום קיך. דאָרט זיינען אויך געווען אייניגע ביכער אויף אַ פּאָליצע, וואָס איז געווען צוגעשלאָגען צום וואַנד. צו דעם אַלעס איז נאָך געווען אין הויז אַ לעדערנער סעפּעט, ווען גיליאַט האָט איהם געעפֿענט נאָך זיין מוטערס טויט, האָט ער דאָרט געפֿונען אַ פֿאָלשטענדיגע חתונה־אויסשטאַ־טונג פֿאַר אַ מיידעל, אַלעס ניי, אַלעס פֿון די בעסטע סחורה — העמדער, אונטעררעק און אייניגע שטיקער זייד פֿאַר קליידער, אויף אַ שטיקעל פּאַ־פּיער איז געווען אָנגעשריבען: „פֿאַר דיין כלה".

דער יונגער מאַן האָט שרעקליך געליטען פֿון זיין מוטערס טויט. ער

האָט קיין מאָל ניט געשטרעבט זיך בעקאַנט צו מאַכען מיט זיינע שכנים, און אויך איצט האָט ער זיי אויסגעמידען. דאָס איז שוין ניט מעהר געווען אָבגעזונדערטקייט, דאָס איז געווען פאָלשטענדיגע איינזאַמקייט; ווען צוויי לעבען צוזאַמען, איז נאָך דער לעבען מעגליך, ווען אָבער מען בלייבט אַליין, זעהט עס אויס, אַזוי ווי דער לעבען וואָלט געוואָרען אונערטרעגליך, עס האַרט אונז דאַן ניט פאַר קיין זאַך, און מיר מאַכען קיין אָנשטריינגונג. דאָס איז דער ערשטער סימן פון פערצווייפלונג. ווען יאָהרען פליהען אַזוי אַוועק, געפינען מיר אַז פליכט איז נור אַ רייהע פון ענטזאַגונגען.

מיר קוקען אויף אונזער לעבען, מיר דיינקען פון אונזער טויט, און מיר בייגען זיך צו אונזער שיקזאַל, אָבער ווען מיר אונטערוואַרפען זיך אַזוי, פיהלען מיר אַזוי ווי די בלוט ווערט אַרויסגעצאַפּט פון סאַמע האַרץ.

אָבער נאָך אַלעמען, גיליאַט איז געווען יונג, און מיט דער צייט האָט זיך זיין וואונד פאַרהיילט. ביסלעכוויז האָט זיך זיין שמערץ פאַרקלענערט און פאַרקלענערט, ביז עס איז צושמאָלצען געוואָרען אין דעם לעבען, וואָס איז געווען אַרום איהם. די נאַטור האָט איהם געשלעפּט אַלץ ווייטער און ווייטער פון די מענשען און אַלץ נעהנטער צו זיך, און זיין זעעלע איז צו־געוואוינט געוואָרען צו די איינזאַמקייט, אין וועלכע ער האָט געלעבט.

IV.

ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, גיליאַט'ס שכנים האָבען איהם גאָר ניט געגליכען, אָבער דיעזע פיינדשאַפט צו איהם איז געווען אַ גאַנץ נאַטירליכע, עס זיינען געווען גענוג טעמים, פאַרוואָס מען זאָל איהם ניט גלייכען.

ערשטענס, די הויז, אין וועלכע ער האָט געלעבט; דאַן זיין זעהר צווייפעלהאַפטע אָבשטאַמונג. ווער איז געווען די פרוי? וועמעס קינד איז ער טאַקי געווען? דער עולם פון דאָרף האָט ניט ליעב אַ געהיימניספולען גר, וואָס קומט צווישען זיי גאָר אָהן אַ שום ערקלעהרונג. דאַן, חאָטש ער האָט זיך געקליידט ווי אַן אַרבייטער, דאָך האָט ער געהאַט גענוג צום לע־בען. דאַן איז געקומען זיין גאָרטען, פון וועלכען ער האָט פערשטאַנען אַרויסצושלאָגען אַ שעהנעם פראָפיט, טראָץ אַלע שטורמס און איבערשווע־מונגען. דאַן זיינען געווען פיעל געגען איהם די גרויסע ביכער, אין וועלכע ער פלעגט אַמאָל אַריינקוקען, און נאָך פיעלע און פיעלע טעמים.

וואָרום האָט ער עס געפיהרט אַזאַ איינזאַמען לעבען? די בו־דע־לאַ־רי איז געווען אַן אַרט לאַזורעט אין וועלכער גיליאַט איז געהאַלטען געוואָרען אין אַ מין מאָראַלישען קאַראַנטין. זיינע שכנים האָבען עס געהאַלטען פאַר

גאַנץ ריכטיג אויסצומיידען זיין הויז און צו האַלטען איהם פֿעראַנטוואָרטליך וואָס אַלע האָבען זיין הויז אויסגעמיטען. ער איז קיינמאָל אין קירכע ניט געגאַנגען, און פֿלעגט אָפֿט פֿאַרברייננגען נעכט אין דרויסען, ער פֿלעגט ריידען מיט בשוף־מאַכערס. איין מאָל האָט מען איהם געזעהען זיך אַוועקזעצען אויף דער ערד מיט פֿאַרוואונדערונג אין זיין פּנים. ער האָט געהאַט אַ שלעכטע געוואוינהייט אַרומצוואַנדערען הינטערען שטאָדט, אַריינצוגעהן אין די היילען, צו בעטראַכטען די שטיינער אַזוי ווי ער וואָלט זיך מיט זיי געהאַלטען אַן עצה. ער פֿלעגט זיין פֿערטיג אָבצוקויפֿען וויפֿיל פֿויגעל מען זאָל איהם נור ברייננגען, און נאָך דעם, ווי ער האָט בעצאָהלט פֿאַר זיי, זיי פֿריי צו לאָזען. ער איז געווען אימער העפֿליך צו די, וועלכע ער פֿלעגט בעגעגענען אין גאַס, פֿלעגט זיך אָבער קיינעם ניט אָנהייגען מיט געוואַלד אַלס חבר. ווען ער פֿלעגט נור אַרויס פֿאַנגען פֿיש, פֿלעגט ער קיין מאָל ניט קומען מיט ליידיגען. ער האָט געהאַט אַ סעט פֿייפֿלאַך, אָבגעקויפֿט פֿון אַ דורכוואַנדערענדען סאָלדאַט אויף וועלכע ער פֿלעגט שפּיעלען אַמאָל אין אָבענד, זיצענדיג אויף די פֿעלזען ביין ברעג פֿון ים. מען האָט איהם געזעהן מאַכען באַוועגוננגען מיט'ן האַנד, אַזוי ווי ער וואָלט פֿאַרזייט קערנער. נו ווי קען אַ דאָרף אָנגעהן האָבענדיג ביי זיך אַזאַ שרעקליכען מענשען?

דאַן זיינען געווען די ביכער, וועלכע ער האָט גע'ירש'ענט פֿון זיין מוטער. זיכערליך, דאָס אַליין איז שוין גענוג שטאָף צו מאַכען איינעם פֿערדעכטיג. דער גלח פֿון דעם דאָרף האָט זיך באַנוצט מיט די באַגרע־בענים פֿון זיין מוטער, און האָט איבערגעלעזען די נעמען פֿון איינינגע פֿון זיי, איינער איז געווען אַ ווערטער־בוך, דער צווייטער „קאנדיר" פֿון וואָל־טער, אַ דריטער „אַ ראַטה צו מענשען וועגען זייער געזונדהייט" פֿון טיססאָ. אַ פֿראַנצויז וואָס האָט געזוכט שוץ פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציאָן אין גערנסי, האָט באַמערקט וועגען דיעזען בוך: „עס איז זעהר מעגליך, אַז דאָס זאָל זיין דער טיססאָ, וואָס האָט געטראָגען דעם קאָפּ פֿון דער פּרינ־צעססען לאָמבאַט אויף'ן שפּיץ פֿון אַ שפּיז.

דער גלח האָט אויך בעמערקט, דאָס איינער פֿון דיעזע ביכער האָט געהאַט גאָר אַ שרעקליך פֿערדעכטיגען נאָמען, „דע־רהו־באַרבאַראַ". לאָמיר זיך אָבער גלייך צו איילען צו בעמערקען, דאָס דער בוך, ווי זיין טיטעל ציינגט, איז געווען געשריבען אין לאַטייניש, און דאָס עס איז כמעט ווי זיכער, דאָס גיליאַט, וואָס האָט ניט פֿערשטאַנען קיין וואָרט לאַטייניש, האָט דעם בוך געוויס ניט געלעזען, אָבער עס איז פונקט פֿאַר די ביכער, וועלכע אַ מענש לעזט ניט, פֿאַר וועלכע די וועלט פֿאַרדאַמט איהם. די געשיכטע פון רדע אינקוויזיציאָן איז אַ גוטער בעוויז פֿאַר דיעזע בעהויפּטונג. דאָס בוך,

נאָך אַלע מעשות, איז געווען אַ גאַנץ אונשולדיגער נעבאַך, דאָס איז געווען אַן אָבהאַנדלונג איבער רהובאַרב, געשריבען פֿון אַ דייטשען דאָקטאָר אין יאָהר 1679. עס איז אויך געווען אַ שטיקעלע חשד, דאָס גיליאַט פֿלעגט פֿאַרפֿערטיגען אַלערליי פולווערס און מעדיצין, אַ ראיה האָט איהר, מען האָט דאָך געזעהען אַ פאָר פֿלעשלאַך ביי איהם אין שטוב; וואָרום פֿלעגט ער זיין ביי'ן ברעג ים, איבערהויפט צוועלף ביי נאַכט, אויב ניט צו טרעפֿען זיך דאָרט מיט די שדים, וועלכע וואַנדערען דאָרט, איינגעוויקעלט אין טומאַן?

איין מאָל האָט ער געהאָלפֿען אַן אַלטע פֿרוי, וועלכע איז געווען בעקאַנט אַלס אַ צויבערין אַרויסצושלעפען איהר וואָגען פֿון בלאָטע. ווען מען האָט איין מאָל געהאַט אַ צענזוס (ציילונג פֿון די באַפֿעלקערונג) האָט ער זיך געלאָזט בעשרייבען בזה הלשון: „אַ פישער, ווען עס זיינען דאָ פיש צו כאַפען". נו, פרובירט זיך אַוועקשטעלען אויף דעם פלאַץ פֿון גיליאַטס שכנים און דענקט נאָך, ווי אַזוי וואָלט איהר עס געגליכען אַזאַ ענטפֿער?

גיליאַט האָט געהאַט, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, אַ פֿעלד און אַ הויז זיין אייגענס. פֿערגלייכענדיג איהם מיט די וואָס האָבען גאָרניט, איז ער געווען גוט אָב. איין מאָל, האָט אַ מיידעל געמאַכט, וואָס מען רופֿט דעם ערשטען טריט — ווײל, עס זיינען דאָ ב"ה פֿרויען, וואָס וואָלטען חתונה געהאַט מיט'ן טייוועל אַליין, ווען ער איז נאָר ניט קיין, „אָרימער טייוועל" און זי האָט איהם געפֿרעגט, ווען רעכענט ער אַמאָל צו נעהמען אַ פֿרוי, זיין ענטפֿער אויף דעם איז געווען: „איך וועל נעהמען אַ פֿרוי, ווען דער קרעהענדער פֿעלז וועט נעהמען אַ מאַן". נון דיעזער פֿעלז איז אַ גרויסער שטיין אויף אַ מיטען פֿעלד, ער האָט אין זיך עטוואָס אָבשרעקענדעס, ווייל קיינער ווייס ניט צו וואָס ער איז דאָרט, אַ מאָל הערט מען דאָרט אַ האָהן קרעהען, און דאָס איז אַ זעהר ניט אַנגענעהמע זאַך. מען האָט געזאָגט, אַז דער האָהן ווערט אַהין געשיקט פֿון די שדים, וואָס מען רופֿט סאַרראַגוזזעטס. ווען עס דונערט, ביי נאַכט און איהר זעהט אַ מאַססע מענשליכע געשטאַלטען שוועבען אין דער לופֿט, דאָס, זאָלט איהר וויססען, זיינען עס די סאַרראַגוזזעטס, עס איז געווען אַ פֿרוי וועלכע האָט זיי געקאָנט אויסגעבונדען, איהר מעגט זיך וועטען וויפֿיעל איהר ווילט אַליין, אַז דיעזע פֿרוי איז געווען אַ מכשפה.

דזשיימס I, יענער קלוגער און געלעהרטער קעניג, האָט געהאַט די געוואוינהייט צו קאָכען פֿרויען פֿון דעם סאָרט לעבעדיגערהייט, און פֿערזוכענדיג די וואַסער אין וועלכע די פֿרוי האָט זיך געקאָכט, פֿלעגט ער זאָגען: „דיעזע איז געווען אַ מכשפה" אָדער: „דיעזע איז ניט געווען קיין

מכשפה" ווערליג דעם געשמאַק פֿון די וואַסער. עס איז ווירקליך צו בעדוי־ערען, דאָס די הערשער און רעגירער פֿון די היינטיגע צייטען האָבען ניט דיזען מערקווירדיגען טאַלאַנט, מיר וואָלטען דאַן לכל הפחות געזעהן, אַז זיי זיינען חאָטש פּאַר עפּעס ניצליך.

מיר זעהען אַלזאָ, אַז עס זיינען געווען גענוג טעמים צו פֿאַרדעכטיגען גיליאַט׳ן אַלס איינעם, וואָס פֿערשטייט די שוואַרצע קונסט. איין מאָל, אין אַ גרויסען שטורם ביי נאַכט, איז ער געווען גאַנץ אַליין אויף׳ן ים, און מען האָט געהערט איהם פֿרעגענדיג:

„קען איך זיך דורכקריגען דורך דעם קאַנאַל?"

און אַ שטימע פֿון די הויכע פֿעלזען האָט איהם געענטפֿערט:

— רודער נור דרייסט!

צו וועמען האָט ער אַלזאָ געקענט רײדען, אויב ניט צו איינעם, וואָס האָט איהם געענטפֿערט? דאָס שיינט צו זיין אַ קלאָרער בעווייז, אַז ער האָט געהאַט צו טאָהן מיט די „ניט גוטע".

איין מאָל האָט מען געזעהען גיליאַט׳ן גיסען וואַסער פֿון אַ קריגעל ביי נאַכט אויף דער ערד, און ווער ווייס עס ניט, דאָס וואַסער אויף דער ערד ביי נאַכט ווערט אומגעוואַנדעלט אין אַ שד?

אַנדערע האָבען געזעהען גיליאַט׳ן ריידען מיט אַ זשאַבע, און אַזוי ווי אין גערנסי זיינען קיין זשאַבעס ניטאָ, האָט דיזע זשאַבע געמוזט ספּעציעל אַריבער שווימען פֿון דזשערסי, אום צו האַלטען אַ שמועס מיט גיליאַט אין גערנסי, און דאָס די מעשה איז אמת, איז דאָ פֿאָלגענדער קלאָהרער בעווייז: ער האָט מיט דער זשאַבע גערעדט לעבען די דריי גרויסע שטיינער, און די שטיינער זיינען נאָך אימער דאָרט, טאָמער צווייפֿעלט איינער, טו זאָל ער טאַקי אַליין געהן, און ער וועט זיך איבערצייגען, אַז די שטיינער זיינען דאָ. אַ מאַן מוז זיין אַ פֿאָלשטענדיגער אפיקורוס אָבצולייקענען די עקזיסטענץ פֿון דיזע שטיינער. אָט דיזע אַלע פֿאַקטען האָבען שטאַרק געשעדיגט גיליאַט׳ס חאַראַקטער.

איין אָווענד, ווען ער איז געזעסען אויף׳ן ברעג פֿון ים און האָט גע־שפּיעלט אויף זיינע פּייפֿעלאַך, זיינען אַנדערע געגאַנגען כאַפּען פֿיש, דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די פֿישער זיינען געקומען מיט ליידיגען, ווער איז שולדיג אין דעם? נאַטירליך, גיליאַט, אין אַן אַנדער אָווענד האָט זיך אַ וואָגען איבענגעקעהרט לעבען זיין הויז, עס איז גאָר קיין ספק ניטאָ, דאָס ווײלע ער האָט מורא געהאַט געבראַכט צו ווערען פֿאַר׳ן ריכטער אַלס מכשף, האָט ער אַליין מיט זיינע אייגענע הענד געמאַכט דעם וואָגען צו רעכט, און האָט צוריק אַריינגעלייגט אַלעס ביז אַ ברעקעל, וואָס איז פֿון וואָגען אַרויסגעפֿאַלען.

אַ קליינע מיידעל, וואָס האָט געוואוינט ניט ווייט פֿון איהם איז געווען בעדעקט מיט קרעץ, ער האָט צוליעב דעם געמאַכט אַ רייזע אין שטאָדט, האָט פֿון דאָרט צוריק געבראַכט אַ מאַשין, מיט וועלכע ער האָט איהר איינגעריבען, דער סוף איז געווען, דאָס די מיידעל איז גענצליך געזונד געוואָרען. נון, איך פֿרעג אייך, קען אַזאַ זאַך צוגעהן מיט רעכטע מיטלען? נאַטירליך, האָבען דאָ די ניט גוטע געהאַט אַ חלק אין דעם!

V.

צו דיעזע אַלע פֿאַקטען דאַרף מען ניט פֿאַרגעסען צו צולייגען, דאָס גיליאַט איז געווען אַ גרויזאַמער מענש. איין מאָל האָט אַן אייזעל־אָנטרייבער אַזוי געשלאָגען זיין אייזעל, דאָס די אָרימע חיה איז אַנידער געפֿאַלען אויף דער ערד, גיליאַט איז צוגעלאָפֿען העלפֿען דעם אייזעל זיך אויפֿשטעלען אויף די פֿיס, אָבער דער אייזעל איז שוין טויט געווען, דאַן האָט גיליאַט גוט אָנגעבראָכען די ביינער דעם אייזעל־אָנטרייבער.

אַן אַנדערש מאָל איז אַ אינגעל אַרונטער פֿון אַ בוים מיט אַ האַנד פֿול מיט נאָך גאַנץ יונגע אונבאַפֿעדערטע פֿייגעלעך, וועלכע ער האָט נור וואָס פֿון נעסט אַרויסגענומען, גיליאַט האָט זיי פֿון איהם אַוועק גענומען, האָט אַליין אַרויף געקלעטערט אויף'ן בוים, און האָט זיי צוריק געבראַכט אין זייער נעסט אַריין. אייניגע פֿון די, וואָס האָבען דאָס געזעהען, האָבען איהם געמאַכט פֿאָרווירפֿע פֿאַר זיין שלעכטסקייט צו דעם אינגעל, פֿון וועמען ער האָט אַוועק גענומען די פֿייגעלעך, און אַלס אַן ענטפֿער אויף דעם, האָט גיליאַט אָנגעצייגט אויף די פֿיגעלעך'ס פֿאָטער און מוטער, וועלכע פֿליהענדיג אַרום דעם ליידיגען נעסט, האָבען אַרויסגעלאָזען פֿון זיך געשרייען, פֿול פֿון די שרעקליכסטע אַנגסט. גיליאַט האָט צו פֿיעל ליעב געהאַט פֿיי־געלאַך, אַן אמת'ר סימן פֿון אַ מכשף.

נאָך אַלעם דעם האָבען זיך דאָך געפֿונען אַ פּאָר פֿרייע גייסטער, וועלכע האָבען זיך אָבגעהיט צו זאָגען עפּעס שלעכטס וועגען גיליאַט. דער־קלאַרק און רעגיסטראַר פֿון דעם דאָרף האָט זיך איינמאָל געבאָדען און איז שיעור ניט דערטרונקען געוואָרען, פֿערשווימענדיג אַביסעלע צו ווייט. גיליאַט איינשטעלענדיג זיין אייגענעם לעבען אין סכנה, האָט איהם געבראַכט צוריק אַ לעבעדיגען, אויף דער יבשה, פֿון יעמאָלט אָן, ווען עס פֿלעגט קומען צו רייד וועגען גיליאַט, און מען פֿלעגט איהם פֿאָרווירפֿע מאַכען דערפֿאַר, וואָס ער האָט אומגעביטען זיין מיינונג, פֿלעגט זיין ענטפֿער געוויינליך זיין: „וואָרום זאָל

איך האַסען אַ מענשען, וואָס האָט ניט נור מיר קיין מאָל קיין שלעכטעס ניט געטהאָן, נאָר זאָגאַר מיר דעם לעבען געראַטעוועט?"

צו דעם רעגיסטראַר האָבען זיך געפונען נאָך אַ פּאָר, וואָס האָבען געהאַט דעם מוטה צו זאָגען אויף איהם עפּעס גוטעס, צום ביישפּיעל, דאָס „ער טרינקט ניט, רויכערט ניט און שמעקט ניט", אָבער דאָס האָט וויייניג וואָס געהאָלפען: די עפענטליכע מיינונג איז געווען געגען איהם.

VI.

אָט אַזאַ סאָרט מענש איז גיליאַט געווען.

די מיידלאַך האָבען געזאָגט, דאָס ער איז העסליך. אָבער ער איז עס ניט געווען, פערקעהרט, מען האָט איהם געקענט רופען שעהן. זיין פּראָפיל איז געווען פון דעם סאָרט שעהנהייט, וועלכע מען רופט „קלאַסיש": זיין אויער איז געווען פיין און עדעל, די שטרענג-געצייכענטע ליניע צווישען זיינע אויגען האָט געצייגט אויף אַ מוטהיגען און פעסטען כאַראַקטער, זיינע אויגען זיינען געווען קלאָהר און פול אויסדרוק, זיין שטערען איז געווען רונד און הויך, אין זיין געלעכטער האָט מען נאָך געקענט הערען דעם קלאַנג פון דער צייט, ווען מיר זיינען אַלע געווען קינדער, זיינע צייהנער זיינען געווען ווייסער, ווי די ריינסטע עלפאַנט-ביין; נור דאָס אימער זיין אויף דער פרייער לופט האָט געמאַכט זיין הויט ברוין. מען קען ניט קעמפּפען מיט'ן אָקעאַן, שטורם און נאַכט און בלייבען אונבעשטראָפט, צו דרייסיג יאָהר האָט ער אויסגעזעהן ווי אַ מאַן פון פינף און פערציג. דער ווינד און די כוואַליעס האָבען אָנגעטהאָן זיין פּנים אין אַ פאַלשטענדיגע מאַסקע.

גיליאַט האָט געהאַט אַ שם פון אַ מענשען, פאַר וועלכען קיין זאַך איז ניט צו שווער. ער איז ניט שטאַרקער געווען פון פיעלע אַנדערע, אָבער דאַנק זיין געשיקטקייט, זיין פלינקקייט, איז ער געווען אין שטאַנד אויפצוהייבען געוויכטען, וועלכע וואָלטען שווער געווען פאַר די כוחות פון אַ ריעז. ער האָט געקענט בענוצען מיט גלייכען ערפאָלג זיינע ביידע הענד, די לינקע ווי די רעכטע. ער האָט קיינמאָל ניט געברויכט אַ ביקס. ער איז אָבער דערפאַר געווען אַ ליידענשאַפטליכער פישער-מאַן. ער האָט געשאַנעוועט די פויגעל, אָבער ניט די פיש.

ניטאָ אין דיעזער וועלט קיין רחמנות פאַר די שטומע, פאַר די, וואָס קענען ניט פּראָטעסטירען!

איינזאַמקייט טהוט אַמאָל איינם פון די ביידע: אָדער זי בילדעט אויס

דעם מענשליכען גייסט, אָדער זי מאַכט די וואָס גיבען זיך איבער אין איה־ע הענד, פאַר אידיאָטען. גיליאַט, צו פערשיעדענע צייטען, האָט גע-צייגט סימפּטאָמען פוןביידע: עס זיינען געווען צייטען, ווען מען האָט אויף זיין געזיכט קיין פונק פון גייסט ניט געקאָנט בעמערקען. זיין געזיכט איז געוועזן דאַן זעהר עהנליך צו דעם אויסדרוקלאָזען פנים פון אַ ווילדען. אין אַנדערע מאָמענטען אָבער האָט דער פייער פון אַ מעכטיגען גייסט געשפּריצט פון זיינע אויגען.

גיליאַט איז געווען אַן אויסגעצייכענטער מאַן, ער איז געווען אַ גע-באָרענער שיפער־מאַן, און אַזאַ מאַן איז נור דער, וואָס וויים די טיפעני-שען פון דעם אָקעאַן אַזוי גוט, ווי זיין אויבערפלעכע. ווען איהר האָט בעאָבאַכט גיליאַטען רודערן זיין שיפעל, האָט איהר געזעהען, דאָס אין זיין קאָפּ האָט ער די קאַרטע פון דעם אָבגרונד פון ים, ער האָט איהם געקאָנט גרינדליך, און דאַרום האָט ער פאַר איהם ניט פיעל מורא געהאַט.

זיין קונסט איז בעוויזען געוואָרען איין מאָל קלאָהר ביי אַ וועט קאַמפּף, ער האָט אויסגעפיהרט צו רודערען אַ שיף הין און צוריק פון איין פלאַץ צו אַן אַנדערען אין אַ געוויסע צייט, וואָס קיינער פון אַרום און אַרום האָט בשום אופן ניט געקענט אויספיהרען, פאַר דיעזער בריה'-שקייט האָט ער געקראָגען די שיף אַליין אַלס פּרייז.

פון יענעם טאָג אָן האָט גיליאַט קיין מאָל קיין אַנדער שיף ניט גע-ברויכט אויף זיינע רייזען.

ווען הערר לעטהיער האָט יענעם טאָג געזעהען, וואָס גיליאַט האָט אויסגעפיהרט, האָט ער צו איהם אויסגעשריען. „דו ביסט אַ מאַטראָז פון שיטעל ביז'ן פיאַטע", און ער האָט איהם געדריקט די האַנד.

מיר וועלען באַלד האָבען עטוואָס מעהר צו ריידען וועגען הערר לעטהיער; דערווייל אָבער לאָמיר זאָגען נאָך אַ פּאָר זאַכען וועגען גיליאַט.

ער איז ניט געווען בלויז אַ פישערמאַן, ער האָט גאַנץ פון זיך אַליין אויסגעלערנט דריי, פיער מלאכות, ער איז געווען אַ גוטער סטאָליער, אַ שמיעד, אַ שלאָסער און דערצו נאָך אַ שטיקעל אינזשעניער, קיינער האָט ניט געקענט פערריכטען אַ ראָד בעסער פאַר איהם, ער פלעגט זיך אַליין מאַכען אַלע ווערקצייגע צום פיש פאַנגען, אין איינע פון די צימערן אין זיין הויז, האָט ער זיך איינגעפיקסט אַ קליינע קוזשניע, מיט אַ קאָ-וואַדלע, בלאָזזאַק, און אַלעם אַנדערע, און ווען איינער וואָלט איהם בע-אָבאַכט אין זיין קוזשניע, וואָלט ער געווים געזאָגט, אַז גיליאַט איז אַן אויסגעצייכענטער שמיעד און נור אַ שמיעד.

VI.

און נאָך אַלע זאַכען, האָט גיליאַט מעהר געלעבט אין חלום, ווי אויף דער וואָהר. ער האָט בעטראַכט די נאַטור מיט אַ בליק, אַנדערש פֿון אַלע אַנדערע מענשען. פֿיעלע מאָל, ווען דער ים איז געווען פֿאָל־שטענדיג רוהיג און גאַנץ דורכזיכטיג, פֿלעגט ער זעהען אַזעלכע מינים בעשעפֿעניסע, וועלכע ווען מען נעהמט זיי אַרויס פֿון וואַסער, זיינען זיי עהנליך צו אַ ווייכע מאַסע פֿון קריסטאָל, און ווען מען לאָזט זיי צוריק אין וואַסער אַריין, ווערען זיי גענצליך פֿערשוואונדען. צוליעב זייער דורכ-זיכטיגקייט און צוליעב זייער וואַסער קאָליער צומישען זיי זיך אַזוי מיט'ן וואַסער, דאָס עס איז אונמעגליך צו אונטערשיידען איינע פֿון די אַנדערע, דערפֿון האָט ער געדרונגען אַזאַ מין פּשט: נון, ווען אַזעלכע דורכזיכטיגע און וואַסער־קאָלירטע בעשעפֿעניסע לעבען אין וואַסער, טו פֿאַרוואָס זאָלען מיר ניט רעכענען, אַז פונקט אַזעלכע דורכזיכטיגע און לופֿט־קאָלירטע בעשעפֿעניסע לעבען אין דער לופֿט?

פֿייגעלעך זיינען ניט די אמת'ע איינוואוינער פֿון דער לופֿט: זיי געהערען דאָך פונקט אַזוי צו דער ערד, ווי צו די לופֿט. און גיליאַט האָט ניט געגלויבט, אַז די לופֿט זאָל זיין גאַנץ אונבעוואוינט, אַז זי זאָל ניט האָבען איהרע אייגענע בירגער. קען עס דען ניט זיין, האָט ער געקלעהרט ביי זיך, אַז אין דער לופֿט זאָלען זיך געפֿינען לעבעדיגע בעשעפֿעניסע, און וועלכע מיר קענען נור ניט זעהן, ווייל זיי זיינען דורכזיכטיג? ווער האָט דען בעוויזע, אַז אַזעלכע חיה'לעך זיינען ניטאָ אין דער לופֿט? דער שכל הישר זאָגט אונז, אַז די לופֿט האָט איהרע פֿיש, ווי דער וואַסער זיינע.

די פֿיש אין דער לופֿט זיינען דורכזיכטיג צוליעב צוויי טעמים: ערשטענס צוליעב זיך זעלבסט, כדי די מענשען זאָלען זיי ניט פֿאַנגען; און צווייטענס צוליעב אונז זעלבסט: ווייל, ווען ניט דורכזיכטיג, וואָל־טען זיי אונז פֿערשטעלט די ליכט, אַזוי אָבער געהט דורך די ליכט דורך זייער קערפּער. זיי מאַכען קיינע שאָטענס. אָט פֿאַרוואָס מיר זעהן זיי ניט, אָבער דאָס בעוויזט דאָך נאָך ניט, דאָס זיי עקזיסטירען ניט.

גיליאַט האָט זיך געקלעהרט: ווען מען וואָלט געקאָנט פֿערשפּריי־טען אַ לופֿט נעץ ווי אַ נעץ אין וואַסער, וואָס פֿאַר אַ גרויסע צאָהל מאָדנע און אונבעקאַנטע בעשעפֿעניסע וואָלטען זיך געצאַפּעלט אין דעם

לופט-פישערם נעץ, נאַטירליך, אום דאָס אויסצופיהרען, האָט ער פֿער־שטאַנען, איז נויטיג צו קענען אויספאָמפען די לופט פֿון דער ערד. און ווען דיזער געדאַנק איז איהם דורכגעפלויגען דורך'ן קאָפּ, האָט ער זיך פֿערטראַכט, אויב דאָס איז טאַקע ניט מעגליך אויסצופיהרען.

און גע'חלומ'ט האָט ער אויך אויף אַ מערקווירדיגען פּלאַץ. ניט ווייט פֿון זיין הויז, אין מיט'ן ים, איז געווען אַ גרויסער פֿעלז, וואו די חוואַ־ליעס פֿון טויזענדער פֿון יאָהרען האָבען אויסגעוואַשען אַ נאַטירליכען זיץ־פּלאַץ. צו זיצען דאָרט און טרוימען איז פֿאַר גיליאַט געוואָרען אַ געוואָהנ־הייט. ער האָט גוט געוואוסט, אַז ווען ער זאָל זיך פֿערטראַכטען שטאַרק איבער די פּראַכטפֿאָלע פּאַנאָראַמאַ, וואָס האָט זיך געזעהן פֿון דאָרט, קען ער שוין קיין מאָל ניט אַרויס אַ לעבעדיגער פֿון דאָרט, עס איז נור נויטיג, איהר זאָלט דאָרט פֿערוויילען, ביז דאָס וואַסער הייבט אָן זיך אויפ־צוהייבען, און קיין זאַך קאָן אייך ניט ראַטעווען פֿון טויט. דאָס וואַסער הויבט זיך אויף פֿון רגע צו רגע, באַלד הייבט עס זיך אָן וואַרפֿען, ווי אַ ווילדע חיה, און איהר זייט פֿערלאָרען. איהר מענט זיך זיין דער בעסטער שווימער, איהר קענט דאַן פֿון טוידט ניט אַנטלויפֿען.

דיזער פּלאַץ אין דעם שטיין האָט געטראָגען דעם נאָמען: גילד־האָלם־אור, דאָס הייסט: דער וואָס שלאָפֿט, שטאַרבט.

צווייטער בוך.

I.

הער לעטהיער, וועלכען יעדער קליין קינד האָט געקענט אין דעם דאָרף סאַן־סאַמפּסאָן, איז געוועזען אַ מאַטראָז פֿון קינד ווייז אויף. ער האָט אָנגעפֿאַנגען אַלס אַ שיפֿס־יונג, ביז ער האָט דערגרייכט די שטעלע פֿון אַ קאַפּיטאַן. ענדליך האָט ער דערגרייכט צו האָבען זיין אייגענע שיף. אין זיין קענען די נאַטור פֿון דעם ים האָט זיך מיט איהם קיינער ניט געקענט פֿערגלייכען. זיין קראַפֿט, ענערגיע און קלוגהייט האָט מען געקאָנט ערשט ריכטיג אַרויסזעהען, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט אום סכנות נפשות.

ווען עס איז נור געוועזען אַ שלעכטער וועטער איז לעטהיער אימער געוועזען אויף'ן ברעג ים, זוכענדיג מיט זיינע שאַרפֿע אויגען דעם ים, זוכענדיג מיט זיינע שאַרפֿע אויגען דעם וייטען האָריזאָנט. וואָס איז דאָרט — אַ שיף אין נויט? אַ פֿישערס שיף פֿון ווייסוטה, אַ באַרקע פֿון קורזעל, אַ רייכען מאַנס פֿערגעניגונגס־יאַכט, אָדער אַן אָרימען פֿישערס לאָדקע — פֿאַר לעטהיער האָט דאָס וויניג וואָס אויסגעמאַכט: גלייך אַריין געשפרונגען אין אַ שיף, רופֿען אַ פּאָר געזונטע יונגען, ווען ער האָט זיי געקראָגען, און אויב ניט, גאַנץ אַליין נעהמען די ווייזלעס, און ניט אַכטענדיג אויף קיין געפֿאַהר זיך אַוועקגעלאָזען אויף דעם ברויזענדען ים. ווייט אַוועק, אין די בערגיגע חוואַלעס, האָט מען איהם געקאָנט זעהן שטעהענדיג אין זיין שיף, געוואָרפֿען ווי אַ פילקע אַרויף און אַראָב, און נור צוליב דעם, טאָמער וועט ער קענען ראַטעווען די אונגליקליכע. מאַנכעס מאָל פֿלעגט ער פֿערברייגגען אַ גאַנצען טאָג אין געפֿאַהר, ראַטעווענדיג מענשען, וועלכע ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבען ניט געקענט און ניט געזעהן. צו אָווענד צו פֿלעגט ער קומען אַ היים און זיך זעצען שטריקען זאָקען.

פֿאַר פֿופֿציג יאָהר האָט לעטהיער געלעבט אויף אַזאַ אופֿן — פֿון צעהן יאָהר אַלט ביז זעכציג, אַזוי יונג האָט ער זיך געפֿיהלט. ווען ער איז געוואָרען זעכציג, האָט ער באַמערקט, דאָס ער קען שוין מעהר ניט אויפֿהויבען מיט איין האַנד די דרייהונדערט פֿונט קאָוואַדלע, וואָס איז געשטאַנען ביי זיין שכן אין קווּשנע. און גראַדע צו יענער האָט ער אויך אָנגעהויבען צו פֿיהלען אַ ביסעל רומאַטעס אין זיינע גלידער. דער סוף איז געווען, דאָס לעטהיער און דער ים זיינען געוואָרען אוים חברים. פֿון אַ העלדישען מאַטראָז איז לעטהיער געוואָרען אַ פֿיעל געשעצטער שכן. רומאַטעס און פֿאַרמעגען זיינען צו איהם געקומען אין דער זעלבער צייט.

ביידע — די רומאַטעס און דער פֿאַרמעגען זענען געווען דער רעזולטאַט פֿון זיין גאַנצען לעבען אַרבייט. לעטהיערס געבורטס פּלאַץ איז געווען גערנסי, ד.ה. ער איז געווען אַ פֿראַנצויז, ד.ה. אַן ענגלענדער, ד.ה. ער האָט געהאַט אין זיך די מעלות און חסרונות פֿון ביידע. אָבער וואו ער איז ניט געווען, האָט ער קיינמאָל ניט פֿאַרלאָרען זיין איינפֿאַכען לעבען פֿון אַ פֿישערמאַן. דאָס אָבער האָט איהם ניט געשטערט פֿון צו נעהמען אַ בוך אין האַנד מאַנכעס מאָל, און פֿון צו האָבען ווירקליך פֿאַרגעניגען לעזענדיג איהם. ער האָט געקאָנט די נעמען פֿון די פֿיהלאָזאָפֿען און פּאָעטען און האָט געקענט זיך מאַכען פֿאַרשטענדיג אויף פֿיעלע שפּראַכען.

II.

גיליאַט איז געווען איין סאָרט ווילדער, לעטהיער איז געווען אַ צווייטער סאָרט. דער לעצטער האָט געהאַט אַביסעל געשמאַק, ער האָט געהאַט זיינע אייגענע מיינונגען איבער פֿרויען הענד. ווען ער איז נאָך געווען אַ שיפֿס-יונג האָט ער איין מאָל געהערט זיין קאַפּיטאַן: „אָט געהט אַ גאַנץ היבשע מיידעל, אָבער וואָס פֿאַר אַ גראָבע רויטע הענד זי האָט!" דער וואָרט פֿון קאַפּיטאַן איז געזעץ פֿאַר די, וואָס זיינען אונטער איהם. און דאָס האָט עס געמאַכט לעטהיער אַזוי אויסקלייבעריש אין דעם ענין פֿון פֿרויען הענד.

ער האָט קיין מאָל ניט חתונה געהאַט, מיר ווייסען ניט ריכטיג וואַרום, צי ווייל ער האָט ניט געוואָלט טראָגען אויף זיך דעם יאָך פֿון אַ פֿערהייראַטען, מאַן צי ווייל ער האָט קיין מאָל זיין אידעאַל ניט געפֿינען. און עס איז זיך ווייניג וואָס צו וואונדערן דאַריבער, ווען מען דערמאָנט זיך דאָס דיעזער גראָבער מאַטראָז האָט גאָר פֿערלאַנגט אַ פֿרוי מיט הענטלעך פֿון אַ פּרינצעסין.

מען האָט אפילו יאָ געמורמעלט, דאָס ער האָט אַמאָל באַגעגענט אַ זינגערין מיט הענטעלעך, וועלכע האָבען איינינער מאָסען ענטשפּראָכען זיין אידעאַל. אָבער צו די הענטלעך האָט זי געהאַט אַ זעהר שאַרפֿען צינגעל און לעטהיער האָט באַלד איינגעזעהען, דאָס דיזע ראָזיגע פֿינגער־לעך, נאָך וועלכע זיין הארץ האָט אַזוי געגלוסט, קענען זיך פֿערוואַנדלען און קלויען און שטאַרק זיך דראַפּען. ער האָט דרום באַלד אויפֿגעגעבען דעם פּלאַן איהר צו מאַכען פֿאַר זיין פֿרוי. איבערהויפּט לעטהיערס ליע־בעס האָבען קיין מאָל ניט דערגרייכט דעם גראַד פֿון ליידענשאַפֿט, וועלכע מאַכט פֿון די ליעבענדע מאַן און פֿרוי. ער פֿלעגט זיך לייכט פֿאַרליבען, אָבער ער איז קיין מאָל ניט געפֿאַנגען געוואָרען.

III.

דער אָפּפֿענהערציגסטער און דער בעסטער מענש, וואָס איז אייך אַמאָל אויסגעקומען צו טרעפֿען, איז געווען לעטהיער. זיין חסרון איז געווען אַ מעלה. ער האָט געהאַט צו פֿיעל פֿערטרויען אין זיינע מיט־מענשען. ווען ער פֿלעגט מיט אימיצען אָבמאַכען אַ געשעפֿט, פֿלעגט זיין געווינליכער וואָרט זיין: „איך גיב מיין עהרען וואָרט.“ און דאָס האָט געמאַכט איהם אויסצופֿיהרען זיין צוזאָג, אפילו ווען דער לעבען זאָל איהם קאָסטען. ער איז זעהר זעלטען געגאַנגען אין קירכע, און ווען ער איז יאָ אַמאָל געגאַנגען, איז עס נאָר געווען אויס העפֿליכקייט צו זיינע שכנים, ווען אויפֿ׳ן ים, האָט ער געהאַט איינינע פֿאַראורטהיילע, אין דאָך איז ניט געווען אַזאַ שטורם, וואָס זאָל לעטהיער׳ן מאַכען ציטערען.

ווען ער האָט עטוואָס געזאָגט האָט ער עס געמיינט. ווען ער האָט בעשלאָ־סען עטוואָס צו טהאָן, האָט ער עס אויסגעפֿיהרט, מאַכט ניט אויס וואָס פֿאַר אַ שוועריגקייטען עס זיינען איהם געשטאַנען אין וועג. אום צו געבען זיך אַ ריכטיגען בילד פֿון לעטהיער׳ן מוזט איהר זיך פֿאָרשטעלען אַ מענשען וואָס וואָלט אויסגעזעהן לעבערליך אין אַ פֿראַק, אַ שטאָדטיגער ראָק וואָלט איהם געמאַכט אויסזעהן ווי אַ מושנה׳דיגע חיה: איינער וואָס שטעהענדיג מיט זיינע לאָקען צוואוואָרפֿען פֿון ווינד, וואָלט אויסגעזעהן ווי אַ העלד, אָבער אין די רונדיגע הוט פֿון אַ שטאָדטיגען וואָלט ער אויסגעזעהן ווי אַן אידיאָט, אַ מאַן מיט ברייטע אַקסלען וואָס פּאַסט פֿאַר אַ פּאָרטער. איז קיין מאָל ניט געווען אין כעס. האָט קיין מאָל ניט געשאָלטען. אַ צאַרטע שטימע, וועלכע האָט אָבער געדונערט אין דעם שפּרעך טרומפּייט.

אַ מוזשיק וואָס האָט געלעזען אַביסעל פילאָזאָפיע. אַ גערנסי־מאַן וואָס האָט געזעהן די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן. אַ געלעהרטער עם הארץ, פריי פון פאַנאַטיזם און דאָך אַבערגלויביש. קרעפטיג ווי אַ העלד מיט אַ קינדערשע נאַטור, גוט נאָך צו דעם צו אַ פלאַכליכען נאָז, פולע באַקען, אַ מויל געזונדע ציינער, אַ געזיכט פול מיט קנייטשען, וועלכע ווערען אָפט בע־לויכטען פון אָ זעהר ליבליכען שמייכעל, און איהר האָט אַ ריכטיגען בילד פון הערר לעטהיער. דיזער מאַן אָט צוויי ליעבעס: דוראַנד און דערושעט.

דריטער בוך.

.I

דער מענשליכער קערפּער איז ניט מעהר ווי אַ צודעק, וואָס פֿאַרבעהאַלט דעם ווירקליכען מענשען, די נשמה, דער גייסט — אָט וואָס איז די ווירקליכקייט, פּראָסט גערעדט, אונזער פּנים איז נור אַ מאַסקע. דער ריכטיגער מענש ליגט טיעף בעהאַלטען הינטער דער הייטעל, וועלכע מיר זעהען. ווען מיר וואָלטען געקענט זעהן און שטודירען דאָס, וואָס איז פֿערשטעקט אונטער די אילוזיאָנען, וואָס מען רופֿט פֿלייש, וואָס פֿאַר אַ קוואַל פֿון געהיימניסע וואָלט זיך פֿאַר אונז געעפֿענט! עס איז אַ טעות צוזאַמענצומישען די אויסערליכע הייטעל מיט דעם גייסט, וואָס לעבט אין איהר. טהו נור צום ביישפּיעל אַ קוק אויף דיזע יונגע מיידעל: וואָלט זי אונז ניט אויסגעזעהן ווי אַ פֿויגעלע, ווען מיר וואָלטען איהר געקענט זעהן ווי זי איז אין דער ווירקליכקייט? אַ פֿויגעלע אין דער געשטאַלט פֿון אַ מיידעל — וואָס קען זיין שעהנער? שטעל דיך פֿאָר, דאָס דו האָסט אַזאַ בעשעפֿעניש ביי זיך צו הויז, און דו ווייסט דאַן האָבען אַ בעגריעף, וואָס דערוּשעט איז געווען. אַ זיסע בעשעפֿעניש! ווען דו זעהסט איהר, ווילט זיך דיר אויסשרייען: „גוט מאָרגען, זיסע פֿויגעלע!" דו קענסט ניט זעהן איהרע פֿליגלען, אָבער דו קענסט הערען איהר זיסען געזאַנג, ווען זי רעדט, קענסטו אפילו ניט בעמערקען, אַז זי זאָל זיין עפּעס מעהר ווי אַ בשר ודם, אָבער דערפֿאַר ווען זי זינגט, אַך איהר זינגען! זי שוועבט דאַן הויך, הויך איבער אונז, געוועהנליכע מענשען. דיזע זיסע געזאַנג ענטהאַלט אַ געהיימניס. די יונגע זעלע האָט ווייט, ווייט אין אַ ווינקעלע, אַ מלאך ביי זיך פֿאָרבעהאַלטען. ווען די מיידעל ווערט אַ פֿרוי, פֿליהט דער מלאך אַוועק, אָבער אַביסעלע שפּעטער קומט ער צוריק און ברייננט דער מוטער אַ צערטליכע ליעבעס-בלום.

דאָס, וואָס איז ווירקליך שעהן, פֿערדיענט שוין אונזער דאַנקבאַרקייט

נור צוליעב דעם אַליין, ווייל עס איז שעהן. ווי אָפֿט טרעפֿען מיר איינע, וועלכע האָט די מאַגישע קראַפֿט אונז אַלעמען צו בעצויבערען, וועהרענד זי אַליין איז זיך גאַנץ אונבעוואוסט פֿון איהר גרויסע מאַכט איבער אונז! איהר געגענוואַרט מאַכט שמייכלען אַלעס אַרום איהר; איהר קומען פֿער-שפּרייט אַן אונבעשרייבליכען געפֿיהל פֿון בעקוועמליכקייט. זי געהט פֿערביי און איהר פּיהלט זיך גליקליך; זי שטעלט זיך אָב לעבען אייך פֿאַר אַ ווײַלע, און אייער פֿערגניגען דערגרייכט דעם העכסטען גראַד. צו קוקען אויף איהר איז ריכטיג ווי איהר וואָלט נעהמען אַ פֿרישען לעבענס-טרונק. זי איז דער זונגען-אויפֿגאַנג אין דער מענשליכער געשטאַלט. אַלעס, וואָס איהר בעגעהרט, איז איהר געגענוואַרט, זי מאַכט פֿון אייער היים אַ גן עדן, און אום דאָס אַלעס צו טהאָן — צו פֿערשפּרייטען אַרום זיך דיעזע פּאַרפֿומע פֿון פֿרייד און גליק — דאַרף זי נור לעבען און איינאָט-העמען דיזעלבע לופֿט, ווי איהר. איהר שמייכעל מאַכט לייכט די שווער-ריגקייט פֿון לעבען, וועלכע מיר אָרעמע מענשען שלעפּען נאָך זיך. און קען איך נאָך מעהר זאָגען, ווען איך ערקלעהר, אַז דערושעט האָט געהאַט גראַדע אַזאַ שמייכעל?

דערושעט איז ניט געווען אַ פּאַריזערין, אָבער זי איז אויך ניט געווען אין גאַנצען אַ גערנסי מיידעל; זי איז געבוירען געוואָרען אין סאַן פּיער פּאָרט, אָבער לעטהיגער האָט איהר אויפֿגעהאָדעוועט, האָט איהר געלערנט צו זיין ציכטיג און ריין, און אַזוי איז זי אויך געווען. זי איז געווען גאַנץ אונוויסענד איבער דעם, וואָס מענשען רופֿען ליעבע, און דאָך האָט זי אַלע אַרום זיך געמאַכט פֿערליעבט.

דערושעט'ס הענד זיינען געווען די שעהנסטע אין דער וועלט. די פֿיס איהרע דאָס גלייכען, זי איז געווען די פֿריינדליכקייט זעלבסט. אין דער גאַנצער ברייטער וועלט, האָט זי נור געהאַט אַלס שטיצע איהר איינציגען פֿעטער לעטהיער. די איינציגע בעשעפֿטיגונג, וואָס לעטהיער האָט פֿון איהר געפֿאָדערט, איז געווען צו לעבען; אַלע איהרע קענטניסע האָבען זיך געענדיגט מיט איינינגע איינפֿאַכע פֿאָלקס-ליעדער. אָנשטאָט קענטניסע האָט זי געהאַט שעהנקייט. אָנשטאָט אַ גרויסען גייסט — אונשולדיגקייט. און איהר איינפֿאַכקייט האָט איהר געדיענט אָנשטאָט וועלט קענטניסע. איהר קליידונג איז ניט געווען גאַנץ נאָך דער לעצטער מאָדע, אָבער עס האָט איהר אימער געפּאַסט. זי האָט געהאַט אַן ערעלע, שעהנע האַלז, איהרע האָר זיינען געווען העל-ברוין, איהר לייב ריין ווייס, אָנגעברענט פֿון דער זונן, איהר מויל איז געווען זאָגאַר אַביסעלע צו גרויס, אָבער זעהר שעהן געפֿאָרמט, און אויף איהרע ליפּען האָט געשוועבט אַ

שמייבעל, אויף וועלכען עס איז געווען געפֿעהרליך זיך צו לאַנג צופֿערקוקען.

דאָס איז געווען דערוישעט.

מאַנכעס מאָל, אָוועגד צייט, נאָכדעם ווי די זונן דאָט שוין אויפֿגעזוכט איהר געלעגער האָט מען געקענט זעהן אויף׳ן ים אַן עטוואָס — אַן עטוואָס, וואָס האָט געמאַכט משונה׳דיגע קולות, וואָס האָט געשפּיגען פֿונקען, וואָס האָט פֿון זיך אַרויסגעלאָזען אַ גרויסע מאַסע רויך, צוקומענדיג צו די ברעגעס פֿון דעם דאָרף סאַן סאַמפּסאָן. דאָס איז געווען די דוראַנד, לעטהיערס צווייטע ליעבע.

II.

אין דעם יאָהר 182— איז אַ דאַמפּף־שיף געווען אַ גאַנצע נייעס אין די קאַנאַל וואַסערן, יעצט דענקט גאָר קיינער ניט זאָגאַר אַ בליק צו וואַרפֿען אויף די פֿיעלע דאַמפּף־שיפֿען, וואָס קרייצען די ימים פֿון לאַנד צו לאַנד, אָבער אין דעם ערשטען פֿיערטעל פֿון דעם היינטיגען יאָהר־הונדערט האָבען מענשען געקוקט גאַנץ אַנדערש אויף דיעזע שווימענדע מאַשינען. די ערשטע דאַמפּף־שיף געקראָגען דעם נאָמען: די טייוועל שיף". פֿאַר די איינפֿאַכע רעליגיעזע פֿישערס פֿון גערנסי האָט די שיף אויסגעזעהן ווי אַ שטיק גיהנום, וואָס שוועבט אויף די חוואַליעס. איינער פֿון די פריסטער פֿון גערנסי האָט איין זונטאָג געהאַלטען אַ בראַנד־רעדע געגען דיעזע טייוועל־שיף. דער גאַנצער זינן פֿון דער רעדע איז געווען: „האָבען מיר אַ רעכט פֿייער און וואַסער צו פֿעראייניגען, ווען גאָט האָט דיעזע צוויי עלעמענטען פֿאַנאַנדער געשיידט?." ווען נאַפּאָלעאָן האָט אָנגעפֿרעגט ביי דער „אַקאַדעמיע פֿון וויסענשאַפֿט" אויב אַ דאַמפּף־שיף איז פּראַקטיש, האָט זי אַרויסגעשפּראָכען פֿאָלגענדען אורטהייל: „אַ משוגעת, אַן אונזיניגע אידעע, אַ ווילדער טעות". די איינפֿאַכע פֿישער־לייט פֿון סאַן סאַמפּסאָן קען מען ווירקליך פֿערצייהען דערפֿאַר וואָס זיי האָבען ניט דערגרייכט קיין גרעסערע שטופֿע פֿון גייסט, ווי די וויסענשאַפֿטס־מענער פֿון פּאַריז.

די וויסענשאַפֿט האָט ערקלעהרט דער דאַמפּף־שיף אַלס אַן אונמעגליכקייט. די רעליגיאָן האָט עס פֿערדאַמט אַלס אַ זינד געגען גאָט. פֿילטאָן דער ערפֿינדער איז בעטראַכט געוואָרען, אַלס דער שר אַליין. — אין אַזאַ צייט צו אונטערנעהמען די אויפֿבויאונג פֿון אַ דאַמפּף־שיף וואָס זאָל יעדע

וואָך געהן הין און צוריק פֿון גערנסי צו סאַן מאַלאָ, דערצו איז נור פֿעהיג געווען אַזאַ מוטהיגער מאַן, אַזאַ פֿריידענקענדער מאַן ווי דאָס איז געווען לעטהיער. מיר וועלען דאָ איצט דערצעהלען אין קורצען, ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו.

III.

מיט פֿערציג יאָהר צוריק איידער עס האָבען פּאַסירט די בעגעבענ־היטען, וועלכע מיר דערצעהלען דאָ, האָט אין פּאַריז אין אַ הויז מיט זעהר אַ שלעכטען שם, געוואוינט אַ מאַן, אַ פֿרוי און קליין קינד. דער מאַן איז פֿריהער געווען אַ שרייבער ביי אַן אַדוואָקאַט. פֿון דיזער פּראָ־פֿעסיאָן ביז צו די פֿון אַ רויבער איז אַ גאַנץ קליינער טריט. ניט איין מאָל איז ער פֿער׳משפּט געוואָרען צום „זיצען אַלס שטראָף פֿאַר זיינע פֿינגער מלכאבות. זיין נאָמען איז געווען ראַנטיאַן. נאַטירליך איז דאָס געווען דעם קינדס נאָמען. דאָס קינד פֿון זיינע פֿריהעסטע יאָהרען האָט געלעבט פּנים אל פּנים מיט פֿערברעכען. איין טאָג זיינען די עלטערען געכאַפּט געוואָ־רען פֿאַרן האַנד, ווי מען זאָגט, אין אַ גרויסען פֿערברעכען, און זיי זיינען פֿאַרשוואונדען געוואָרען אויף אייביג, דאָס קינד איז פֿערשוואונדען געוואָרען נאָך זיי.

אָט מיט דיעזען קינד, שוין דאַן אַן ערוואַקסענער מאַן, האָט זיך דאָס לעטהיער פֿיעלע יאָהרען שפּעטער געטראָפֿען אויף זיינע וואַנדערונגען. ער האָט איהם געראַטעוועט פֿון אַ זעהר ביטערער לאַגע. ראַנטאַין האָט פֿאַר וואָס ניט איז געפֿונען חן אין לעטהיערס אויגען, ער האָט איהם מיטגע־נומען נאָך גערנסי. ראַנטאַין איז געווען די דאַנקבאַרקייט זעלבסט, לעטהיער האָט דאַן אויסגעפֿונען אַז ראַנטאַין איז אַ גוטער געשעפֿטס־מאַן, און ער האָט איהם גענומען פֿאַר אַ שותף. אָט אַזוי איז ראַנטאַין געוואָ־רען אַ מענש מיט מענשען גלייך.

איין שיינעם טאָג איז ראַנטאַין נעלם געווערען און מיט איהם צוזאַמען אויך דאָס גאַנצע געלד פֿון דער קאַסע. אין דער קאַסע איז נאַטירליך אויך געווען ראַנטאַין׳ס געלד אָבער דאָרט זיינען אויך געווען פֿופֿציג טויזענד פֿראַנק וואָס האָבען געהערט צו לעטהיער, ראַנטאַין האָט אָבער געהאַלטען פֿאַר בעסער איבערצולאָזען די קאַסע אין גאַנצען ליידיג.

עס איז נאָך געווען אַ שטיקעל גליק, דאָס אין דער קאַסע איז נור געווען אַ העלפֿט פֿון לעטהיער׳ס פֿאַרמעגען. איהם זיינען נאָך אַלץ גע־

בליבען פופציג טויזענד פראַנק. און חאָטש אַ העלפט רואינירט, האָט לעטהיער דאָך זיין מוטה ניט פערלאָרען, און האָט אָנגעהויבען צו קלערען וואָס צו טאָהן. די מענשען האָבען דאַן נור וואָס אָנגעהויבען צו ריידען וועגען דאַמפף־שיפען. לעטהיער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ צו פּרובירען די ענדעקונג פון פילטאָן, איבער וועלבע עס געהט אָן אַזוי פיעל צאַנקעריי, און האָט גלייך זיין גאַנצען פערמעגען איינגעשטעלט אין קאָן. ער האָט אויפגעגעבען אַלעם אַנדערע. אין זעקס חדשים שפעטער האָבען די ערשטוינטע צוקוקער געזעהען ווי פון די ברעגעס פון סאַן סאַמפּסאָן געהט אָב אַ שיף, וואָס לאָזט אַרויס פון זיך גאַנצע קנוילען רויך, און וואָס מאַכט עס עהנליך צו אַ שרפה אויפ'ן וואַסער.

דיעזע שיף, וועלבע האָט גלייך געקראָגען דעם נאָמען „טייוועל־שיף", איז ערקלעהרט געוואָרען, וועט געהן הין און צוריק איין מאָל יערע וואָך פון סאַן סאַמפּסאָן.

IV.

דאָס איז געווען דער פערצענטער יולי ווען לעטהיער איז געשטאַנען אויף זיין שיף, און קוקענדיג מיט זיינע לויכטענדע אויגען אויפ'ן ים, האָט ער אויסגעשריען:

„איצט איז געקומען די צייט פאַר דיר. היינט האָבען די פּאַריזער איינגענומען די באַסטיליע, און איצט וועלען מיר דיר איינגעהמען".

און ער האָט איהם ווירקליך איינגענומען. אָנפאַנגס איז דאָס געשעפט ניט געווען אַזוי גלענצענד, די אייגענטהימער פון די אַלטמאָדישע שיפען האָבען געשריען, אַז עס איז אַ זינד פאַר גאָט, אַז מען זאָל לאָזען אַזאַ סקאַנדאַל אָנגעהן. איין גלח האָט געגעבען אַ נאָמען דער שיף די „זינד־שיף". אָבער דאָס האָט געדויערט נור אַ קורצע ווילע. ביסלעכווייז האָבען די מענשען אָנגעהויבען איינצוזעהן, אַז דאָס פיה איז פיעל וועניגער אויסגעמאַטערט ביים אָנקומען אויף לעטהיערס טייוועל־שיף ווי אויף די אַלטע באַרקעס, און האָט זיך פאַרקויפט דאַרום בעסער: דאָס עס איז פיעל וועניגער געפאַהר, דאָס עס קאָסט ביליגער, דאָס די שטונדען פון קומען און אָבפאָהרען זיינען מעהר רעגעלמעסיג ווי אויף די אַלטע שיפען, און יעדער האָט געמוזט צוגעבען דאָס עס מעג זיך טאַקי זיין, אַז די דאַמפף־שיף איז געגען גאָט'ס וואָרט, אָבער עס איז דאָך בעקוועמער פאַר די וואָס פאָהרען אין איהר און שיקען אין איהר זייערע סחורות.

עטוואָס שפּעטער האָבען זיך זאָגאַר געפֿונען וואַרימע פֿאַרטהיידיגער, וועלכע האָבען שוין אָנגעהויבען זוכען צו בעווייזען, אַז עס איז גאָרניט אמת, אַז גאָט וויל ניט קיין דאַמפּף־שיפֿען. נאָך שפּעטער האָט מען שוין אָנשטאָט צו פֿאַרטהיידיגען די שיף, בעדאַרפֿט זוכען אַדוואָקאַטען, וואָס זאָלען פֿאַרטהיידיגען גאָטעס וואָרט. קורץ און גוט, עס זיינען ניט אַוועק קיין צוויי יאָהר און די שיף איז געוואָרען אַ גאָלד גרוב פֿאַר לעטהיער'ן ער האָט אויסגעצאָהלט אַלע חובות, וועלכע ער האָט געמאַכט, ער האָט זיך אויסגעבויט אַ זעהר רייכע הויז, גראַדע געגען דעם פּאַלאַץ וואו די שיף פֿלעגט זיך אָבשטעלען, און לעטהיער האָט פֿעסט בעשלאָסען, אַז די דאַמפּף־שיף, וועלכע ער האָט אַ נאָמען געגעבען דוראַן, מוז פֿערדיענען אַ שעהנעם נדן פֿאַר דערושעט'ן, דען אין אַלעם, וואָס ער האָט געטאָהן, האָט ער אָם מייסטען אין זינען געהאַט די מיידעל פֿון זיין פֿערשטאָרבענעם ברודער, זיין טאָכטער דערושעט.

V.

אַזוי לאַנג ווי זיין געזונדהייט האָט איהם ערלויבט, האָט לעטהיער אַליין קאָמאַנדירט די שיף, אָבער ענדליך איז געקומען די צייט, ווען ער האָט געמוזט געפֿינען אַן אַנדערן אויף זיין פּלאַץ. ער האָט אויסגעפֿונען פֿאַר דיעזע שטעלע איינעם מיט דעם נאָמען קלאָבין, אַ שטילען, רוהיגען מאַן, וועלכען אַלע האָבען געהאַלטען פֿאַר זעהר עהרליך. דיעזער קלאָבין, חאָטש ער האָט געהאַט אַן אויסזעהן מעהר פֿון אַ בוכהאַלטער ווי פֿון אַ מאַטראָז, דאָך איז ער געווען איינער פֿון די מוטהיגסטע און קלוגסטע זעע־לייט. ער איז געווען אַ מאַן פֿון גרויסע קענטניסע אין זיין פֿאַך, ער איז אויך געווען בעקאַנט אַלס איינער פֿון די בעסטע שווימערס, אויך איז ער עס געווען וואָס האָט געוואָרנט לעטהיער פֿאַר ראַנטאַין. ווי ער האָט נור אויף איהם אַ בליק געטאָהן, האָט ער גלייך געזאָגט צו לעטהיער: „היט זיך פֿאַר דעם מענשען, ער וועט דיר באַרויבען", זיינע ווערטער זיינען מקוים געוואָרען. און דאָס האָט געמאַכט לעטהיער'ן צו האָבען צו קלאָבין נאָך אַ גרעסערן צוטרויען, און עס איז ניט געווען קיין זאַך אין די געשעפֿטען פֿון לעטהיער, אין וועלכען קלאָבין זאָל ניט זיין דער פֿערטרויטער.

לעטהיער חאָטש ער האָט שוין יעצט ניט מעהר געאַרבייט, האָט דאָך נאָך געטראָגען זיינע מאַטעריאַלען־קליידער. דאָס פֿלעגט מאַכען אַמאָל

דערושעט'ן פֿאַרדרייען איהר קליין נעזעל און זאָגען צו איהם: „ווי עס שמעקט פֿון דיר פעך און סמאָלע, מיין טהייערער פֿאָטער!" דערפֿאַר פֿלעגט לעטהיער אַ קניפּ טהאָן איהר אין בעקעל, און אָנדערצעהלען איהר אַ קאָרב מיט מעשות פֿון אַלעס, וואָס ער האָט זיך אָנגעזעהען און אָנגעהערט אין זיין לעבען. דערושעט איז שוין דאַן אַלט געווען אַ יאָהר 20, חתנים זיינען געקומען פֿון אַלע זייטען, פֿיעלע צוליב איהר שענהקייט, און פֿיעלע צוליעב דעם ווייל עס איז געווען גוט בעקאַנט, דאָס דערושעט וועט זיין אַ יורש'טע פֿון אַ גרויסען רייכטהום. אָבער דערפֿון איז גאָר גיט געוואָרען, לעטהיער האָט זיך איינגערעט, דאָס ער מוז פֿאַר איהר קריגען אַ מאַן, וואָס זאָל אויך קענען זיין צו גלייכער צייט דער קאָמאַנדיר פֿון זיין שיף. ער האָט זיך אַזוי איינגעלעבט אין דער אידעע, דאָס דוראַנד און דערושעט זיינען איינס און דאָס זעלבע, דאָס עס איז ווירקליך שווער געווען פֿאַר איהם צו דענקען פֿון אַ מאַן פֿאַר דערושעט, וואָס זאָל אויך אין דער־זעלבער צייט ניט זיין דער קאָמאַנדיר פֿון זיין שיף. „אַ גוטער קאָמאַנדיר פֿון אַ שיף" פֿלעגט ער זאָגען, מוז אויך זיין אַ גוטער פֿיהרער פֿון אַ פֿרוי, דען ביידע, ווי אַ שיף אַזוי אַ פֿרוי, ווערען שטאַרק בעאיינפֿלוסט פֿון דער לבנה און די ווינדען. ער האָט זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז דערושעט'ס מאַן זאָל זיין אַ זעע־ריעז. דערושעט האָט אפילו געהאַט איהרע ראָמאַנטישע חלומות, ווי דער שטייגער איז ביי יונגע מיידלעך, אָבער אין איין זאַך זיינען זיי ביידע געווען איינפֿערשטאַנען, אַז עס איז ניטאָ וואָס צו איילען זיך. לעטהיער האָט אויך פֿעסט בעשלאָסען, אַז דערושעטס מאַן מעג זיין ווער עס איז, פֿון וועלכער פּראָפֿעסיאָן ניט איז, אָבער קיין מאָל ניט אַ פּריסטער.

.VI

לעטהיער האָט געהאַט איין חסרון, און פֿיעלע האָבען עס געהאַלטען פֿאַר אַ זעהר גרויסען; ער האָט פֿיינד געהאַט פּריסטער. אין דיעזע פֿיינדשאַפֿט צו פּריסטער איז ניט געווען אַ טראָפּען פּערזענליכקייט. ער האָט ניט געהאַסט דעם מענשען, נור די פּראָפֿעסיאָן. איינמאָל, לעזענדיג אין וואָלטער די ווערטער, דאָס פּריסטער זענען קעץ, האָט ער אַ וואָרף געטהאָן דעם בוך, און האָט געזאָגט צווישען די ציין: „אויב אַזוי, וואָלט איך געוואָלט זיין אַ הונט." מיר דאַרפֿען באַרענקען, דאָס אין דער צייט, ווען ער האָט געבויט זיין „טייפֿעל שיף", האָט די גאַנצע

באַנדרע פריסטער זיך געשטעלט געגען איהם, און האָט איהם פערפאָלגט אויף דעם געמיינסטען אופן.

צו גלייבער צייט מוזען מיר אָבער זאָגען, דאָס זיין האַס צו פריסטער איז געווען, ביז צו א געוויסען גראַד, א טהייל פון זיין נאַטור. ווען אפילו די פריעסטער וואָלטען גאָר ניט געטאָהן געגען איהם, וואָלט ער זיי אויך ניט שטאַרק ליעב געהאַט. דורך זיין אַרט דענקען האָט ער געמוזט זיין זייער געגנער, און זיינע נאַטירליכע אינסטינקטען האָבען איהם געפיהרט אויף דעם זעלבען וועג. ער האָט געזעהען זייערע האַלב־בעהאַלטענע קלויען, און ער האָט מוטהיג געציינט זיינע ציין. ער האָט ניט געהאַסט אַ געוויסען פריסטער פון אַ געוויסע סעקטע; ער האָט זיי געהאַסט אַלס אַ קלאַס. ער האָט ניט געמאַכט קיין אונטערשיעד צווישען קאַטאָליקען אָדער פראָטעסטאַנטען,ביידע זיינען איהם געווען גלייך פערהאַסט. אָבער לעטהיער איז פון נאַטור געווען אַזאַ גוטער, דאָס ער האָט ניט געקענט זיין אַן אמת גוטער האַסער. ער האָט אויסגעמידען די מענשען מעהר, ווי ער האָט זיי אַטאַקירט, און ער האָט געהאַלטען די פריסטער ווייט פון זיך. זיי האָבען איהם פיעל שלעכטעס געטאָהן, און אַלץ וואָס ער האָט געטאָהן איז געווען נור, דאָס ער האָט זיי ניט געוואונשען קיין גוטעס דאַפיר.

קליין, ווי עס איז דער אינזעל גערנסי, דאָך זענען דאָרט דאָ צוויי רעליגיאָנען — די פראָטעסטאַנטישע און קאַטוילישע. היינטיגע צייטען געברויכען זיי ניט דיזעלבע געביידע פאַרביידע רעליגיאָנען. יעדער גלויבען האָט זיך זיין קלויסטער. אין היידעלבערג אָבער זענען זיי ניט אַזוי „פער־טיקולער", דאָרט האָבען זיי די קירכע אין צוויי טהייל — איין העלפט פאַר דעם הייליגען פיטער און די צווייטע פאַר קאַלווין. א מחיצה לאָזט ניט צו די קאָנקורירענדע סעקטען צו ברעכען זיך איינע די אַנדערע די ביינער. די תפילות קומען פאָר אין דער זעלבער צייט, און דערזעלבער גלאָק רופט פערשיעדענע גלויביגע צום בעטען. דער גלאָק קלינגט פאַר גאָט און פאַרן טייוועל אין איין און דערזעלבער צייט. אייך דאָס איז אַ וועג צו מאַכען זאַכען זעהר איינפאַך.

די דייטשע רוהיגקייט לאָזט צו די נאָהענטקייט פון פערשיעדענע רעליגיאָנען. אבער אין גערנסי האָט יעדע רעליגיאָן איהר אייגענע היים. איהר קענט געהערען צו דער, צו יענער אָדער צו קיינע. לעטהיער האָט זיך אויסגעקליעבען די לעצטע.

דיזער מאַטראָז, דיזער אַרבייטער, דיזער פהילאָזאָף, חאָטש זעהר איינפאַך אין זיינע מאַניערען, איז געווען זעהר שאַרף אין זיין דענקען.

ער האָט געהאַט זיינע מיינונגען וועגען פריסטער, און קיין זאַך האָט איהם ניט געקאָנט מאַכען דיעזע מיינונג אומצוּענדערען.

איינמאָל האָט אַ צופאַל איהם געבראַכט אין די קירכע, וואו דער פריסטער הערראָר האָט געהאַלטען אַ פּראַכטפאָלע דרשה איבער די שרעקענס פון גהינום, בעווייזענדיג מיט פסוקים די אייביגע צרות, פערדאַמונג און די שרעקליכע בעשטראָפונגען: פייער אָהן אַן איפהער, דער צאָרן פון דעם אַלמעכטיגען, זיין געטליכע ראַכע — דאָס אַלעס האָט ער באַוויזען, ניט איבערלאָזענדיג אַ שאָטען פון צווייפעל. ווען לעטהיער האָט פערלאָזען די קירכע, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעהערט די דרשה מיט די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט, האָט מען איהם געהערט מורמלען „וואָס פאַר אַ טעות איך האָב עס געמאַכט! ביז איצט האָב איך געדענקט, אַז גאָט איז אַ בעל רחמים."

חאָטש לעטהיער איז געווען דורך און דורך אַ גערנסי-מאַן, דאָך האָט מען איהם אויף'ן אינזעל גערופען „דער פראַנצויז" פאַר זיינע ניט פאַר־כענדע אידעען, וועלכע ער האָט ניט מורא געהאַט אַרויס צו זאָגען. זיין קאָפּ איז געווען פול מיט געדאַנקען, ווי אומצוּענדערען די עקזיסטירענדע אָרדנונג. זיין איינגעשפאַרטקייט אין דעם בויען פון זיין טייוועל־שיף האָט עס בעוויזען. ער פלעגט האָבען די געוואונהייט צו זאָגען, „איך בין אַ זוּיג־קינד פון 89" און דאַרום איז עס קיין וואונדער ניט, דאָס ער האָט פיעלע געהאַט געגען זיך, און פיעלע האָבען אויף איהם געטייטעלט מיט די פינגער. ער איז געווען אין אַ מין סאָרט חרם.

די בראַווסטע און די מוטהיגסטע ציטערען פאַר'ן טייטלען מיט די פינגער. זיי וועלען ענטגעגען שטעהן ביקסען און קאַנאָנען, ווינד און שטורם, אָבער זיי ציטערען פאַר רכילות, קליינע אינטריגען. און ווי איינגעשפאַרט לעטהיער איז געווען, דאָך אונטער דיזען צוואַנג, האָט ער געמוזט עפּעס נאָכגעבען: ער האָט זיך געהאַלטען ווייט פון די פריסטער, אָבער ער האָט ניט פערמאַכט פאַר זיי די טיהרען פון זיין הויז; אין פערשיעדענע ציטען פון יאָהר פלעגט ער אויפנעהמען די פריסטער אין זיין הויז גאַנץ העפליך, און אַמאָל פלעגט ער באַגלייטען דערוישעט אין די פראָמעסטאַנטישע קירכע, אין וועלכע זי פלעגט געהן אין די פיער גרויסע פייער-טעג פון יאָהר.

אָבער דיעזע קאָמפּראָמיסען האָבען איהם געבראַכט פיעל האַרץ ווייטאָג און דאָס האָט געמאַכט, אַז ער זאָל די פריסטער פון אַלערליי רעליגיאָנען נאָך מעהר האַסען; און זיין שטענדיגע וואַרנונג צו דערוישעט איז געווען: „האָב חתונה מיט וועמען דו ווילסט, אַזוי לאַנג ער איז ניט קיין פריסטער."

VII.

ווען לעטהיער האט אמאל עפעס געזאגט, האט ער עס געדענקט. דערושעט ווידער האט באלד אלעס פערגעסען א מינוט נאכדעם, ווי עפעס איז געזאגט געווארען. דאס איז געווען דער אונטערשיעד צווישען פעטער און פלימעניצע.

אויפגעהאדעוועט אויף דעם אופן, ווי מיר האבען פריהער עס בע־שריבען, האט דערושעט ניט געהאט קיין געפיהל פון פעראנטווארטליכ־קייט. עס איז א שטארקע סכנה אין א סיסטעמע פון ערציהונג, וועלכע איז ניט געגרינדעט אויף געניגענד שטרענגע פרינציפען. עס איז ניט זעהר קלוג צו מאכען אייערע קינדער צו פריה. דערושעט האט זיך גע־טראכט, דאס אזוי לאנג ווי זי איז צופרידען, איז אלעס גוט. זי האט געוואוסט, ווי גליקליך עס איז איהר פעטער צו זעהן איהר צופרידען. זי האט אויפגענומען פיעלע פון לעטהיערס מיינונגען, אין זי האט גערעכענט, דאס צו געהן פיער מאל א יאהר אין קירכע איז גענוג. מיר הא־בען איהר צום ערשטען מאל געטראפען אין איהר יום טוב קלייד, געהענ־דיג אין קירכע. זי איז געווען גאנץ אונבעקאנט מיט די ווירקליכקייטען פון לעבען, אבער זי איז געווען פון א נאטור, וואס ווען אין איין שיינעם טאג ליעבען ווענען עס איז זעהר לייד ענשאפטליך. דערוויל איז זי געווען גליקליך. זי האט געזונגען, ווען עס האט זיך איהר געגלוסט, און אזוי האט זי אויך גערעדט; געהענדיג איהר וועג, פלעגט זי ריידען א פאר ווערטער צו דעם, צו יענעם, און זיי באלד פארגעסען.

יעדען פריהמארגען פלעגט דערושעט זיך אויפכאפען פון איהר שלאף, אהן אירגענד וועלכען געדאנק איבער דעם, וואס האט פאסירט נעכטען. עס וואלט געווען איהר זעהר שווער צו זאגען, וואס האט פאסירט לעצטע וואך. דאך פלעגט טרעפען אמאל, אז זי זאל ווערען אביסעל טרויריג, אליין ניט וויסענדיג ווארום. אבער אזא געמיטהס-צושטאנד פלעגט ניט אנהאלטען לאנג ביי איהר. מיט א לוסטיגען געלעכטער האט זי פער־טריבען פון זיך דיזע טרויעריגע מינוטען, און זי האט זיך ווידער גע־פיהלט גליקליך. זי האט אימער ליעב געהאט צו מאכען א שפאס. זי האט זיך אימער גערייצט מיט די אינגלעך און מיט יעדען איינעם, וואס זי האט בעגעגענט. עס איז זיכער, אז ווען זי וואלט בעגעגענט דעם טייוועל אליין, וואלט זי אויך מיט איהם ניט פערפעהלט א שפאס צו טהון. זי

איז געווען היבש און אונשולדיג. זי איז געווען אימער אַזוי בערייט מיט איהר שמייכעל, ווי אַ קאַץ מיט איהרע נעגעל. דאָס ערגער פֿאַר די, וועמען זי האָט אַ צאַראַפּע געטהון — זי האָט פֿון זיי קיינמאָל ניט געדענקט. דער „נעכטען" האָט קיין עקזיסטענץ ניט געהאַט אין איהר פֿאָרשטעלונגס־קראַפֿט. זי האָט געלעבט נור אין דער געגענוואַרט.

דאָס איז דער רעזולטאַט פֿון צו זיין צו גליקליך. אירגענד וועלכע פּאַסירונג איז פֿערשוואונדען געוואָרען פֿון איהר זכרון, ווי דער פֿאַר־אַיאָהריגער שנעה.

פערטער בוך.

.1

גיליאַט האָט נאָך קיינמאָל ניט גערעדט צו דערושעט. ער האָט איהר געקענט בלויז פֿון דער ווייטענס. ווען גיליאַט האָט געזעהן דערושעט'ן יענעם קריסטמאַס פֿריהמאָרגען, ווען זי האָט איהם איבערראַשט, אָנשרייבענדיג זיין נאָמען אין שנעע, איז זי דאַן אַלט געווען בלויז זעכצעהן יאָהר. מיט אַן אָוונד פֿריהער האָט לעטהיער צו איהר געזאָגט. „נון, גערענק, קיינע נאַרישקייטען מעהר, דו ביסט שוין אַ גרויסע מויד".

דער נאָמען „גיליאַט", אָנגעשריבען פֿון אַ האַנד פֿון אַ מיידעל, האָט אויפֿגעקאָכט די טיעפֿעניסען פֿון אַן אָבגרונד, וואָס האָט זיך גאָר קיינעם ניט גע'חלומ'ט. וואָס האָט גיליאַט געוואוסט פֿון פֿרויען? זיי פֿלעגען ווערען דערשראָקען טרעפֿענדיג איהם, און אויך ער האָט געפֿיהלט פונקט דאָס זעלבע. ער האָט קיינמאָל ניט גערעדט צו אַ פֿרוי סיידען ער האָט געמוזט; ער האָט קיינמאָל קיין פֿריינדשאַפֿט ניט געפֿיהרט מיט וועלכע עס איז מיידעל פֿון די נאַכבאַרשאַפֿט. פֿלעגט ער אַמאָל זעהן אַ פֿרוי קומען איהם אַנטקעגען, פֿלעגט ער אַריבער קריכען איבער אַ פּאַרקען, אָדער פֿערבעהאַלטען זיך אין וואַלד. ער האָט זאָגאַר אויסגעמידען אַלטע פֿרויען. איינמאָל אין זיין לעבען האָט ער געזעהן אַ ליידי פֿון פּאַריז. אַ פּאַריזער ליידי איז געווען אַ זעלטענהייט צו יענער צייט אין גערנסי. און גיליאַט האָט איהר געהערט בעקלאָגענדיג זיך אויף איהר ביטערן מזל, דערפֿאַר, וואָס דער רעגען האָט איבערגעפֿיהרט דעם קאָליער פֿון איהר הוט. עטוואָס שפּעטער האָט ער אין אַ בוך געפֿונען אַ בילד פֿון אַ פֿרוי, זעהר שעהן געקליידעט; ער האָט דיזען בילד זיך אָנגעשלאָגען ביין וואַנד, אַלס אַן אָנדענקען פֿון די שעהנע ליידי, וואָס ער האָט געטראָפֿען.

אין דעם פֿריהמאָרגען, ווען ער האָט זיך בעגעגענט מיט דערושעט, ווען זי האָט פֿאַר אַ שפּאַס אָנגעשריבען זיין נאָמען אין שנעה, איז ער

געקומען אַהיים, קוים אַליין וויסענדיג, צו וואָס און וואוהין ער איז גע־גאַנגען. ווען עס איז געוואָרען נאַכט, האָט ער ניט געקענט רוהען. ווען ער איז ענדליך איינגעשלאָפען, האָבען איהם בעאונרוהיגט פערשיעדענע ווילדע חלומות, און ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז זיין ערשטער גע־דאַנק געווען וועגען דערושעט. די צווייטע נאַכט האָט ער שוין בעסער געשלאָפען, אָבער ביין אויפוואַכען איז אַלץ זיין ערשטער גדאַנק געווען דערושעט. דיעזעס מאָל איז ער געוואָרען שטאַרק בייז אויף איהר, און איהם איז געקומען דער וואונש צו ווערען ווידער אַ קליין אינגעל, — וואָלט ער דאָך געהן צו איהר און איהר אויסברעכען אַלע שויבען. דאַן האָט ער זיך דערמאָנט, דאָס אויב ער וואָלט נאָך איצט געווען אַ אינגעל, וואָלט דאָך נאָך זיין מוטער געלעבט, און די עררינערונג פון זיין מוטער האָט איהם געמאַכט זיך צו צוואויינען.

פריהער האָט ער גערעכענט צו פערברייננגען דריי מאָנאַטען אין אַן אנדער פלאַץ, אָבער ער האָט דעם פלאַן אויפגעגעבען. ער איז קיינמאָל ניט געגאַנגען אויף דעם וועג, וואו ער האָט זיך געטראָפען מיט דערו־שעט. איהם האָט זיך אויסגערוכט, אַז זיין נאָמען איז נאָך דאָרט אָנגע־שריבען, און דאָס די פערבייגעהער שטעלען זיך אָב און לעזען עס.

דערפאַר אָבער איז קיין טאָג ניט אַוועק, ער זאָל ניט פערבייגעהן די הויז, וואו דערושעט האָט זיך געלעבט אַזוי גליקליך. עס האָט שוין אימער אַזוי פאַסירט, דאָס ער האָט געהאַט וואָס צו טהון אין יענע געגענד.

איין פריהמאָרגען האָט ער געהערט אַ מאַרק־פרוי, וואָס איז אַרוים פון לעטהיערס הויז, זאָגען, אַז לעטהיער האָט ליעב אַ געוויסען סאָרט קרייטיכער — איז ער גלייך אַוועק אַהיים, און האָט פערפלאַנצט אין זיין גאָרטען אַ גאַנצע בייט פון דעם.

דער פאַרקען פון לעטהיערס גאָרטען איז געווען נידעריג, און מען האָט איהם גאַנץ לייכט געקענט אַריבערקלעטערן. דער גדאַנק דאָס צו טהון וואָלט איהם אויסגעזעהן שרעקליך, אָבער ער האָט דאָס רעכט פון אַלע פערבייגעהער צו הערען די שטימען פון די, וואָס האָבען גערעדט אין הויז אָדער אין גאָרטען. ער האָט ניט געמיינט צו הערען, דאָך האָט ער געהערט. איין טאָג האָט ער געהערט די צוויי דינסטמיידלעך פון הויז זיך קריגענדיג. זייערע שטימען, קומענדיג פון די הויז, וואו דערושעט האָט געלעבט, האָט געקלונגען אין זיינע אויערען ווי זיסע מוזיק. אויף מאָרגען האָט ער געהערט אַן אַנדער שטימע, וועלכע איז געווים ניט געווען פון אַ דינסטמיידעל און וועלכע האָט איהם אויסגעזעהן צו זיין דערושעט׳ס, און ער איז גלייך אַנטלאָפען.

די ווערטער, וואָס ער האָט געהערט, זיינען פֿערבליבען אויף אייביג אין זיין זכרון און ער האָט זיי געהאַלטען אימער אין איין איבערזאָגען. די ווערטער זיינען געווען: „זיי אַזוי גוט, און גיב מיר דעם בעזים". בים־לעכווייז איז ער געוואָרען מוטהיגער, און פֿלעגט ריזיקירען צו בלייבען שטעהן לעבען פאַרקען.

איינמאָל האָט פאַסירט, דאָס דערושעט האָט געשפּילט פּיאַנאָ, ער האָט איהר ניט געזעהן, אָבער ער האָט איהר געקענט הערען דורך דעם אָפֿענעם פֿענסטער. דאַן האָט זי אָנגעהויבען זינגען אַ שאָטלענדישע ליעד „באָני דאַנדי". ער איז געוואָרען זעהר בלאַס, אָבער ער האָט זיך געמאַכט מוטה און איז געבליבען שטעהן.

עס איז געקומען דער פֿריהלינג, און גיליאַט'ן האָט זיך אויסגערוכט, אַז קיין גליקליכערער פֿאַר איהם איז שוין ניטאָ. ער האָט געזעהן דערו־שעט'ן בעגיסענדיג מיט וואַסער איהרע בלומען.

און איצט האָט ער אָנגעפֿאַנגען עפּעס מעהר, ווי נור זיך אָבצו־שטעלען ביין פאַרקאַן. ער האָט געלערענט איהרע געוואוינהייטען, האָט זיך געמערקט איהרע שטונדען, און האָט געוואַרט אויף איהר, זייענדיג געננוג פֿאָרזיכטיג זי זאָל איהם קיינמאָל ניט זעהן. די צייט איז זיך אַזוי געגאַנגען, דער גאָרטען איז געוואָרען פֿול מיט בליהענדע ראָזען, און קוים האָבענדיג דעם מוטה צו ציהען דעם אָטהעם, האָט זיך גיליאַט צוגעוואוינט צו זעהן דערושעט'ן יעדען טאָג, בעוועגענדיג זיך הין און צוריק אין איהר גאָרטען. אַ מענש קען געוואוינט ווערען צו גיפֿט, אויב ער נעהמט עס נור אין קליינע דאָזען. פֿון זיין בעהאַלטונגס־פּלאַץ האָט ער געקענט אָפֿט הערען דערושעט'ן ריידען מיט לעטהיער. אָה, ווי ווייט ער איז שוין פֿערקראָכען! ער האָט זיך שוין גענומען זאָגאַר צו שפּיאָנירען!

גיליאַט האָט געשטרעבט צו לערנען איהר כאַראַקטער פֿון איהרע געשמאַקען און ווינשע. שוין דער געדאַנק אַליין צו ריידען צו דערושעט'ן, האָט געמאַכט איהם ציטערען. ער איז געווען זעהר שעמעדיג מיט פֿרויען. איין פֿריהמאָרגען איז ער געזעסען לעבען פֿענסטער ביי זיך אין צימער. זעכס יונגע מיידלעך, ניט וויסענדיג, אַז אימיצער בעאָבאַכטעט זיי, האָ־בען זיך אויסגעטהון נאַקעט, אום זיך אויסצובאָדען אין טייך. גיליאַט האָט מיט אַ שטאַרקען קלאַפּ צוגעמאַכט דעם פֿענסטער, פֿיהלענדיג, דאָס ער קען ניט קוקען אויף אַזאַ זאַך.

II.

פּיער יאהר זיינען אַזוי אַוועק. דערושעט איז שוין באַלד אַלט געווען איין און צוואַנציג יאָהר, און זי איז נאָך אַלץ קיינעמס פרוי, אפילו קיינעמס כלה, ניט געווען. גיליאַט ווידער האָט אין דיעזער צייט זיך אַלץ מעהר און מעהר פאַרליבט אין איהר. ער האָט נאָך אַלץ צו איהר אַ וואָרט ניט אויסגערעדט. ער האָט נור געטרוימט פון איהר. פון צייט צו צייט פלעגט דערושעט הערען די טענער פון זיינע פייפלאַך.

אויך לעטהיער האָט זיי געהערט. און ער האָט געהאַסט די איינגעשפּאַרטקייט פון דעם, וואָס האָט געשפּיעלט אונטער דערושעט'ס פענסטער. די טענער זיינען אויך געווען זעהר צערטליכע. דאָס איז געווען נאָך אַ פיעל גרעסערער פאַרברעכען אין לעטהיערס אויגען. אַ ליבהאָבער, וואָס זינגט ביי נאַכט אונטער זיין פלימעניצעס פענסטער, איז ניט געווען לעטהיערס געשמאַק. זעהר אויפגערעגט פון דעם אַלעס האָט ער בעשלאָסען אויסצוגעפינען, ווער דאָס איז דער שפּיעלער. ווען ער האָט געזעהען, אַז דאָס איז גיליאַט, האָט ער געמורמעלט צווישען די ציין: „וואָס וויל דיעזע חיה? ער איז פאַרליבט אין דערושעט. דאָס איז זיכער. אָבער ער פאַרלירט בלויז זיין צייט. דער מאַן, וואָס וויל האָבען דערושעט'ן, מוז קומען דירעקט צו מיר און ניט שפּיעלען אויף'ן פלייט אונטער איהרע פענסטער."

אין מיטען דערינען האָט פּאַסירט עטוואָס זעהר וויכטיגעס. דער פּריסטער פון שטעטעל מיט'ן נאָמען הערואַד האָט געקראָגען אַ העכערען טשין, און איז נאָר פאַרבליבען אַזוי לאַנג אין סאַן־סאַמפּסאָן ביז דעם קומען פון זיין נאָכפאָלגער. דער נייער פּריסטער איז ערוואַרטעט געוואָרען טעגליך. זיין נאָמען איז געווען עבענעזער קאַדריי. איינינע פאַקטען זיינען געווען בעקאַנט איבער דעם נייעם רעקטאָר, איבער וועלכע פאַרשיעדענע מענשען האָבען געמאַכט פאַרשיעדענע פּירושים. ער איז געווען יונג און אָרעם. אָבער ער איז געווען זעהר געלערענט פאַר זיינע יאָהרען, און טראָץ זיין איצטיגע אָרימקייט האָט ער אָבער געהאַט אַ האָפנונג צו קריגען אַמאָל אַ גרויסע ירושה פון זיינעם אַ רייכען פעטער. וואָס אָנבעלאַנגט זיין גלויבען, זיינען מענשען געווען פון פערשיעדענע מיינונגען. ער האָט בעקעמפפט אַלע פרומע מאַסקעס. זיין חלום איז געווען, אַן אַלטע קירכע, וואו יעדער אדם זאָל זיך קענען פריי אויסקלייבען זיין חוה, און וואו יעדע

חיה זאָל קענען פֿאָלגען איהר אויסערוועהלטען, אונגעאַכטעט אויב איהרע עלטערען ווילען עס אָדער ניט.

דאָס איז געווען דער גלויבען פֿון דעם יונגען פריסטער, וועלכער האָט געזאָלט פֿאַרנעהמען די שטעלע פֿון דעם אַלטען העראָד.

III.

לעטהיער צו די צייט, פֿון וועלכע מיר דערצעהלען, איז שוין געווען זעהר גוט אָב. די דוראַנד, זיין דאַמפּף־שיף, האָט פֿאָלשטענדיג ערפֿילט אַלע זיינע האָפֿנונגען. ער האָט בעצאָהלט אַלע זיינע חובות, און איז געווען דער אייגענטהימער פֿון אַ שיף, וועלכע האָט געבראַכט אַ יעהרליכע איינקונפֿט פֿון אַ 5 טויזענד דאָל. און אַ האָפֿנונג צו פֿאַרדינען מעהר מיט יעדען יאָהר. די דוראַנד איז געווען די איינציגע קוועלע פֿון זיין איינקונפֿט. אַנדערע געשעפֿטען האָט ער ניט געהאַט. צעהן יאָהר זיינען שוין אַוועק צייט ראַינטאַן, זיין שותף, האָט איהם בּאַרויבט און אַנטלאָפֿען.

דער איינציגער שוואַכער פּונקט אין דוראַנדס קאַריערע איז געווען דאָס, וואָס מענשען האָבען דאָך ניט געהאַט קיין פֿאַרטרויען אין איהר. מענשען האָבען געטראַכט, אַז דאָס איז בלויז געווען אַ גליקליכער צופֿאַל. עס איז געמאַכט געוואָרען אַ פֿערזוך פֿון אַ קאָמפּאַני איהם נאָכצומאַכען, און די אונטערנעהמונג האָט זיך געענדיגט מיט דעם רואין פֿון די אַלע, וואָס האָבען אַנטהייל גענומען אין דעם. לעטהיער האָט בעהויפּטעט, אַז די שיף איז געווען שלעכט געבויט, אָבער קיינער האָט עס ניט געגלויבט. זיי האָבען בעסער געגלויבט אין מזל, מענשען האָבען געזאָגט וועגען לעטהיער: ער האָט אָבגעשפּיעלט גליקליך, אָבער ניט אַלע טאָג זאָגט מען: „על הניסים."

זיין ערפֿאָלג אָנשטאָט אַריינגעבען מוטה אין די מענשען, האָט זיי אָבגעשראָקען, און קיינער האָט ניט ריזיקירט צו בויען אַ צווייטע דוראַנד.

.IV

עס איז געווען אַ גרויסער שטורם אויף'ן ים. איינער פֿון די שטורמס, פֿאַר וועלכע אפילו מאַטראָזען ציטערען. גאַנץ גרנסי איז געווען זעהר ענגסטליך. זיי האָבען געוואוסט, אַז אויף'ן ים, אין דעם שיף קאַשעמיר,

געפינט זיך זייער נייער יונגער פאַסטאָר. ענדליך נאָך פיעל אַנגסט איז די שיף מיטען פאַסטאָר אָנגעקומען גאַנץ אין האַפען.

אין יענע נאַכט, ווען דער ווינד האָט נאָכגעלאָזען, איז גיליאַט ארויס פאַנגען פיש.

ארום אַזייגער צוויי ביי טאָג, געהענדיג צוריק, האָט ער דערזעהן אַ מאַן זיצען אויף דעם פעלז אין מיט'ן ים, וואָס האָט געטראָגען דעם שרעקליכען נאָמען גילדהאָלם־אור. דאָס וואַסער איז שוין געווען גאַנץ הויך, און עס איז באַלד קיין רעטונג ניט געבליבען פאַרן מאַן. גיליאַט איז צוגעפאָהרען נעהענטער מיט זיין שיפעל, און האָט געזעהן אַז דער מאַן שלאָפט.

דער מאַן איז געווען אָנגעקליידט אין שוואַרץ. „ער זעהט אויס ווי אַ פריסטער", האָט גיליאַט געטראַכט. צוקומענדיג נעהענטער, האָט ער דערזעהן נאָך אַ גאַנץ יונגען מאַן און אַ פרעמדען.

גיליאַט האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנד און האָט דערגרייכט דעם מאַנס פיס. וואָלט ער זיך אויסגעגליטשט און אַריין געפאַלען, וואָלט ער שווערליך שוין אַרויסגעקומען אַ לעבעדיגער. די חוואַלעס האָבען געשוימט און די לאַגע איז געווען אַ זעהר קריטישע.

ער האָט אַ שלעפ געטאָן דעם שלאָפענדען פאַר'ן פוס. „וואָס טהוט איהר דאָ?" האָט ער צו איהם געשריען.

דער מאַן האָט אויפגעוואַכט: „איך האָב דאָ בעטראַכט די סצענע", האָט ער געענטפערט נאָך אַלץ שלעפעריג. גלייך האָט ער זיך אין גאַנצען אויסגעטשוכעט און האָט ווייטער גערעדט: „איך בין היינט נור וואָס אָנגעקומען. בין פערבייגעגאַנגען דיעזען שטיין. איך בין געווען די גאַנצע נאַכט אויף'ן ים, און פיהלענדיג זיך מיעד, האָב איך מיך דאָ אַוועקגעזעצט און בין איינגעשלאָפען."

„צעהן מינוטען מעהר און איהר וואָלט געמוזט דאָ דערטרונקען ווערען", האָט גיליאַט געזאָגט.

„ווירקליך?"

„שפרינגט אַריין אין מיין שיף."

דער יונגער מאַן האָט עס געטהאָן, און נור צו פערדאַנקען די קונסט פערטיגקייט פון גיליאַט, האָט ער שיער דעם שיף ניט איבערגעקערט. דער פרעמדער איז געווען אַ שעהנער יונגער מאַן. גיליאַט האָט געכאַפט די ווערסלעס, און אין אַ פאָאַר מינוטען איז ער שוין געווען לעבען זיין הויז.

דער פרעמדער האָט געטראָגען אַ הויכען הוט און אַ ווייסען האַלז־טוך. זיין לאַנגער ראָק איז געווען פאַרשפילעט ביז'ן האַלז, זיינע שעהנע האָר

זיינען געווען פֿאַרקעמט פֿון שטערן. ער האָט געהאַט אַ געזיכט פֿון כמעט אַ ווייבליכע שענהייט.

גיליאַט האָט פּעסט געמאַכט זיין שיף. ווען ער האָט זיך אומגעדרעהט, האָט ער געזעהן די ווייסע האַנד פֿון פֿרעמדען מיט אַ גאָלדענע מטבעה אין איהר. גיליאַט האָט איידעל אָבגעשטופּט די האַנד.

„איהר האָט מיר מיין לעבען געראַטעוועט", האָט דער פֿרעמדער געזאָגט.

„פֿילייכט יאָ" האָט גיליאַט געענטפֿערט, — „אָבער לאָמיר ניט רעדען דערפֿון".

„געהערט איהר צום דאָרף ?", האָט דער פֿרעמדער געפֿרעגט.

„ניין", האָט גיליאַט געענטפֿערט.

„וואו איז דער דאָרף, צו וועלכען איהר געהערט ?"

גיליאַט האָט אָנגעוויזען אויף'ן הימעל און האָט געזאָגט זעהר איינפֿאַך : „דאָרט !"

דער פֿרעמדער האָט זיך פֿאַרנייגט און איז אוועק. מאַכענדיג עטליכע טריט, איז ער באַלד צוריק געקומען, האָט אַרויסגענומען אַ בוך פֿון קעשענע, און האָט געזאָגט :

„ווילט איהר עס אָננעהמען אַלס אַן אָנדענקען ?"

גיליאַט האָט עס גענומען : דאָס איז געווען די ביבעל. דער פֿרעמדער איז אַוועק, און אין אַ פּאָר מינוטען האָט גיליאַט זיך פֿאַרגעסען אָן דער גאַנצער געשיכטע און האָט געטראַכט פֿון גאַנץ וואָס אַנדערש, ווי מיט אַמאָל האָט ער געהערט איינעם אויסשרייען :

„אָה, גיליאַט, עס איז דאָ עפּעס נייעס !"

„וואו ?"

„ביי לעטהיער."

„וואָס איז דאָרט ? געהט פֿילייכט פֿריילין דערושעט חתונה האָבען ?"

„ניין, אָבער דאָס האָט זי בעדאַרפֿט שוין לאַנג טהאָן."

„וואָס דען ?"

„געה אוועק אַהין, וועסטו שוין אויסגעפֿינען." און דער פֿאַרבייגעהער איז ווייטער געגאַנגען זיין וועג.

פינפטער בוך.

I.

הערר קלובין — דער קאָמאַנדיר פֿון לעטהיער'ס דאַמפּף־שיף — איז געווען אַ מענש, וואָס האָט געקענט וואַרטען אויף אַ געלעגענהייט. ער איז געווען קורץ געוואַקסען, אָבער שטאַרק, ווי אַן אָקס. זיין געזיכט האָט אויסגעזעהען ווי אויסגעגאָסען פֿון וואַקס. די לופֿט פֿון ים האָט איהם ניט געקענט מאַכען ברוין, ער האָט געהאַט אַ מערקווירדיג גוטען זכרון: ער האָט בעדאַרפֿט נאָר איין מאָל אַ קוק טהאָן אויף אַ מענשען, און ער האָט איהם דערקענט אונטער אירגענד וועלכע אומשטענדען, יאָהרען שפּעטער, אַזוי ווי ער וואָלט געהאַט יענעמס פּאָרטרעט אין זיין נאָטיץ־בוך. הערר קלובין האָט ניט ליעב געהאַט פֿיעל צו ריידען, זיין מאַניער איז געווען פֿון אַ קאַלטען, רוהיגען מענשען. ער איז געווען שנעל אין האַנדלען, יעדער איז צוגעצויגען געוואָרען פֿון זיינע איינפֿאַכע און אָפֿענהערציגע מאַניערען, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט. ער איז געווען אַן אויסגעצייכענטער שיפֿס־קאַפּיטאַן. עס איז ניט געווען אַ מענש וואָס זאָל דענקען עפּעס שלעכטעס פֿון הערר קלובין. וואָלסטו אויף איהם געהאַט עפּעס אַ שטיקעלע חשד וואָלט עס בעדייט, אַז מסתמא ביסטו אַליין ניט גאַנץ עהרליך. ער איז געווען זעהר שטאַרק בעפֿריינדעט מיט הערר רעבושע, וואָס האָט געהאַלטען אַ פּאָן־שאָפּ אין סאַן מאַלאָ, די צווייטע טהיר פֿון דעם ביקסען מאַכער. הערר רעבושע פֿלעגט זאָגען גאַנץ אָפֿט: „הערר קלובין וואָלט איך געקאָנט באָרגען מיין גאַנצען פּאָן-שאָפּ.“ הערר קלובין איז געווען אַן אַלמן. זיין ווייב האָט געהאַט אַזאַ גוטען שם פֿאַר אַן עהרליכע פֿרוי, ווי ער אַלס מאַן, די פּוך פֿון אַ שוואַן האָט ניט געקענט זיין ווייסער, ווי דער כאַראַקטער פֿון מאַדאַם קלובין — דאָס גלייבען אויך זיין כאַראַקטער. ער וואָלט ניט געהאַלטען ביי זיך קיין שפּילקע, וועלכע ער זאָל געפֿינען אין גאַס. ער וואָלט געלאָזט דעם שטאָדט שרייער

לויפֿען איבער'ן גאַנצען שטאָדט, ווען ער וואָלט געפֿונען אַ קעסטעל שוועבעלעך, אום אויסצוגעפֿונען דעם אייגענטהומער. איין מאָל איז ער אַריין אין איין שענק, און האָט געזאָגט צום בעל־הבית: „מיט דריי יאָהר צוריק האָב איך דאָ געהאַט אַ מאָלצייט, דו האָסט געמאַכט איין אַ טעות אין רעכענונג, און אָט זיינען די 65 סענטימס, וואָס דיר קומט פֿון מיר." ער איז געוועזן די עהרליכקייט זעלבסט, און זיינע פֿעסט געשלאָסענע ליפען האָבען געציינט, דאָס ער איז אימער זעהר פֿאָרזיכטיג.

ער האָט אימער אויסגעזעהען, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געהיט, געוואַכט איבער ווענען. נאַטירליך, האָט ער זיך געהיט פֿאַר גנבים אין שווינדלער.

יעדען דינסטאָג פֿלעגט ער זעגלען די דוראַנד, פֿון גערנסי נאָך סאַן מאַלאָ. ער פֿלעגט אַהין אָנקומען אין דעם אָבענד פֿון דעם זעלבען טאָג, פֿלעגט דאָרט פֿערבלייבען צוויי טעג, אום אויס צו לאָדען די אַלטע און אויפֿנעמען נייע פֿראַכט, און פֿלעגט צוריק פֿאָהרען נאָך גערנסי פֿרייטאָג אין דער פֿריה.

צו יענער צייט איז געוועזן ניט ווייט אין דעם האַפֿען פֿון סאַן מאַלאָ אַ קליינער שענק. הערר קלובין, קומענדיג נאָך סאַן מאַלאָ פֿלעגט דאָרט אימער האָבען זיין קוואַרטיר אויך פֿלעגען דאָרט פֿאַרקעהרען פֿיעלע אַנדערע מאַטראָזען. אין דעם מאָנאַט פֿעברואַר, פֿון וועלכען מיר ריידען, איז צווישען די געסט פֿון דעם שענק געוועזן אויך אַ געוויסער שיפֿס-קאַפּיטאַן מיט'ן נאָמען זיעלאָ. דיעזער האָט ניט געהאַט קיין שם פֿון אַ זעהר עהרליכען געשעפֿטס מאַן. מען האָט גערעדט, דאָס מיינסטענס פֿיהרט ער אין זיין שיף טרפה סחורה, דאָס ער מאַכט גוטע געשעפֿטען העלפֿענדיג אַנטלויפֿען פֿיעלע פֿערברעכער. צו יענער צייט איז דאָס געוועזן אַ געשעפֿט וואָס האָט זיך זעהר גוט בעצאָהלט. עס איז געוועזן אַ גאַנצער צעך פֿון זעע-לייט וואָס האָבען זיך בעשעפֿטיגט דערמיט. זיעלאָ איז געוועזן איינער פֿון דיעזע ברידערשאַפֿט.

הערר קלובין האָט געקאָנט זיעלאָ ביים אָנבליק. ער האָט זיך ניט געשעמט, ער האָט זיך ניט געהאַלטען פֿאַר צו גרויס צו ריידען אַמאָל אַ פּאָר ווערטער אפילו מיט בעקאַנטע זשוליקעס. מען פֿלעגט איהם אַמאָל זעהן אין גאַס דערלאַנגען דיזע צוויי־פֿעלהאַפֿטע כאַראַקטערע די האַנד, אָבער קיינעם איז אויף איין מינוט ניט איינגעפֿאַלען צו פֿערדעכטיגען הערר קלובין אין אונאָרענטליכקייט. „גוטעס," פֿלעגט ער זאָגען, „קען מען אַרויסקריגען, ווען מען ווייסט און מען קען דאָס שלעכטע. איך צוגלידער אַ שופֿט, פּונקט ווי אַ דאָקטאָר צו גלידערט גיפֿט".

די שיף פֿון קאַפּיטאַן זיעלאָ האָט שוין געהאַלטען ביים ענדיגען אויפֿנעהמען איהר פֿראַכט, זי איז שוין געוועזן באַלד רייזע פֿערטיג.

דינסטאָג נאָכמיטאָג איז די דוראַן אָנגעקומען נאָך סאַן מאַלאָ, ווען עס איז נאָך געווען ליכטיג. העררקלובין שטעהענדיג אויף'ן בריק פֿון זיין שיף, און געבענדיג באַפֿעהלע צו זיינע מאַטראָזען, ווי צו ברייננגען דאָס שיף אין האַפֿען, האָט בעמערקט אויף'ן ברעג צוויי פֿיגורען אויף אַ העלפֿט פֿאַרבעהאַלטען צווישען שטיינער אויף אַן איינזאַמען פּלאַץ. אין איין גע־שטאַלט האָט ער גלייך דערקענט דעם קאַפּיטאַן זיעלאָ, און אויך דעם צווייטען האָט ער ווי עס שיינט, דערקענט. דער צווייטער איז געווען אַ הויכער מאַן, וועמעס האָר איז שוין געווען אַביסעל גרוי. ווען העררר קלובין איז אָנגעקומען אויף זיין קוואַרטיר, האָט ער גלייך געמאַכט נאָכפֿאָרשונגען, און ער האָט זיך דערוואוסט, דאָס זיעלאָ'ס שיף וועט וואַהרשיינליך אָב־רייזען אין צעהן טעג אַרום.

שפּעטער האָט מען אויסגעפֿונען, דאָס קלובין האָט יענעם טאָג געקראָגען אויך ידיעות וועגען אַנדערע זאַכען. יענעם אָוענד איז ער אַוועק צום ביקסען־מאַכער אין דער גאַס סאַן ווינסענט — און האָט איהם געפֿרעגט:

„ווייסט איהר, וואָס דאָס איז אַ רעוואָלווער?"

„יאָ, דאָס איז אַן אַמעריקאַנער ערפֿינדונג."

„איך וויל האָבען אַ רעוואָלווער מיט זעקס קוילען."

„איך האָב ניט אַזעלכען."

„און איהר האַלט זיך נאָך פֿאַר אַ וואַפֿען הענדלער."

„איך האָב אָבער דאָך ניט, איהר ווייסט דאָך, אַז דאָס איז ערשט אַ גאַנץ נייע ערפֿינדונג, מען הויבט עס ערשט אָן געברויכען, און די פֿראַנצויזען האַלטען זיך מייסטענס ביי דעם געוועהנליכען פּיסטאָלעט."

„נאַרישקייטען!"

„עס איז קוים צו קריגען יעצט אַ רעוואָלווער!"

„דומהייט!"

„איך האָב אָבער אויסגעצייכענטע פּיסטאָלעטען."

„אָבער איך דאַרף האָבען אַ רעוואָלווער."

„איך בין איינפֿערשטאַנען מיט אייך, אַז אַ רעוואָלווער איז אַ פֿיעל ניצליכערע און בעסערע וואַפֿע, אָבער וואַרט אַ ווײלע, העררר קלובין!"

„נו, וואָס איז?"

„איך דענק, איך קען קריגען פֿאַר אייך איינעם אין סאַן מאַלאָ!"

„אַ רעוואָלווער?"

„יאָ."

„צום פֿערקויפֿען?"

„געוויס!"
„וואו איז דאָס?"
„איך וועל מיך פריהער נאָכפרעגען."
„ווען קענט איהר מיר געבען אַן ענטפער?"
„ער איז שוין אַביסעל געניצט, אָבער פון אַן אויסגעצייכענטען סאָרט."
„ווען זאָל איך נאָך איהם קומען?"
„אויב איך וועל פאַר אייך קריגען דעם רעוואָלווער, דאַרפט איהר ניט קיין בעסערען".
„ווען וועט איהר מיר געבען אַן ענטפער?"
„ווען איהר וועט צוריקומען דעם נעקסטען מאָל."
„זאָגט ניט, אַז עס איז פאַר מיר, האָט הערר קלובין צו איהם געזאָגט פאַר'ן אַוועקגעהן.

II.

הערר קלובין האָט געענדיגט אָנלאָדען זיין שיף מיט סחורה, מיט פיה און מיט איניגע פאַסאַזשירען, און פרייטאָג איז ער שוין געפאָהרען צוריק נאָך גערנסי.

ווען די דוראַנד איז שוין געווען אין מיט'ן ים איז הערר קלובין אַריין אין זיין קאַבינעט, האָט גענומען אַ רייזע־זאַק, און האָט דאָרט אַריינגעלייגט ביסקוויטס, איניגע טעפלאַך, איינגעמאַכטס, שטיקלעך טשאָקאָלאַד אַ כראָנאָמעטער און אַ ים קאָמפּאַס. דאַן האָט ער דעם זאַק פעסט פאַרבונדען און איהם אַוועקגעלייגט אויף אַ בעזונדערען פלאַץ. שפּעטער עטוואָס האָט ער זיך אַראָבגעלאָזען אונטען אין שיף וואו די שטריק זיינען געלעגען, האָט אויסגעקליבען אַ געזונטען שטריק מיט קניפּלעך און שטיקלעך אייזען, וועלכען די מאַטראָזען געברויכען צום קלעטערען, און האָט עס מיטגענומען אין זיין קאַבינעט. ווען די שיף איז אָנגעקומען אין גערנסי, האָט הערר קלובין גענומען מיט זיך דעם רייזע־זאַק און די שטריק, און איז אַוועק נאָך די שטעטעל טאָרטעוואַל, און דאָרט איז ער פאַרבליבען גאַנצע 36 שטונדען.

אום צו פערשטעהן, וואָס ער האָט דאָרט אויפגעטאָהן, מוזט איהר גוט פאַרשטעהן יענע צייטען, פון וועלכע מיר דערצעהלען דאָ.

צו יענע צייטען איז דער קאָנטראָבאַנד געשעפט אָנגעגאַנגען אויף אַ זעהר הויכען גראַד. עס איז ניט אַוועק אַ טאָג, אין וועלכען עס זאָל

ניט אָנקומען אַ שיף מיט קאָנטראַבאַנד. ניט ווייט פֿון דעם ברעג ים, לעבען גערנסי איז געווען אַ הייל, וועלכע מען רופֿט נאָך היינט „די קראַם”, ווייל אַהינצו זיינען מענשען געקומען צו קויפֿען זייערע סחורות פֿון די קאָנטראַבאַנדיסטען. אום אָנצוטרייבען דיעזען האַנדעל מיט ערפֿאָלג, האָבען די קאָנטראַבאַנדיסטען געברויכט זייער אייגענע שפּראַך. אין פֿיעלע פּונקטען אין ענגלאַנד, ווי אין פֿראַנקרייך, זיינען די קאָנטראַבאַנדיסטען געווען אין די פֿריינדליכסטע פֿערהעלטעניסע מיט די געזעצליכע, די עפֿענטליכע סוחרים. זיי האָבען געהאַט צוטריט צו די רייכסטע און אָנגעזעהנסטע מענער — נאַטירלעך הינטער ווייַלעכץ און זיי האָבען געהאַט גרויסע פֿערבינדונגען מיט דער קאָמערציעלער און אינדוסטריעלער וועלט. פֿיעלע גרויסע מיליאָנערען זיינען עס געוואָרען דאַדורך, וואָס פֿון איין זייט זיינען זיי געווען סוחרים און פֿון דער אַנדער זייט קאָנטראַבאַנדיסטען. דער געזעץ האָט טאַקי עפֿענטליך פֿערבאָטען שמוגלעריי, און די גאַנצע פֿינאַנציעלע וועלט האָט זי געברויכט.

אָבער דאָס אַלעס האָט געמוזט צוגעהן גאַנץ בשתיקה. אַ שמוגלער האָט געהאַט זעהר פֿיעל סודות, וועלכע ער האָט פֿערשטאַנען ווי צו היטען. זיין ערשטער פֿליכט איז געווען צו האַלטען דאָס מויל. אַ ריכטער האָט אַמאָל געפּאַקט אַ שמוגלער און האָט איהם אָנגעטהאָן געברענטע צרות, ער זאָל אויסזאָגען דעם נאָמען פֿון דעם קאַפּיטאַליסט. אָבער דער שמוגלער האָט דעם סוד ניט אויסגעזאָגט. יעדערער פֿון דיעזע ביידע מענשען האָט געטהאָן זיין פֿליכט: דער ריכטער האָט געמוזט טהאָן, וואָס דער געזעץ האָט געבאָטען, און דער שמוגלער איז געבליבען פֿעסט, ווייל ער האָט געשוואָרען ניט אויסצוזאָגען פֿון חדר. די בעקאַנטסטע שמוגלער פֿון יענער צייט זיינען געווען בעקאַנט אונטער די נעמען לאָנקאָ און בלאַסקיטאָ. אויב איהר האָט נור עטוואָס בעדאַרפֿט אין אַזאַ מין עסק, האָט איהר ניט בעדאַרפֿט בעסער, ווי זיך צו ווענדען צו דיעזע צוויי חברה־לייט, און דיעזע צוויי האָט עס קלובין געזעהן אין די צייט, ווען ער האָט זיך פֿערזאַמט אין טאַרטענוואַל.

III.

וואָלט איהר פֿערשטאַנען די שמוגלער שפּראַך, און געווען אין אַ פֿערלאָזענע הויז אין טאַרטענוואַל, וועלכע אַלע האָבען געהאַלטען פֿאַר אַ פּוסטקע, וואָלט איהר געקענט הערען פֿאָלגענדען געשפּרעך:

— אַלזאָ איינפערשטאַנען?

— איינפערשטאַנען.

— אַ מאַן וועט וואַרטען אין דיעזע הויז, און בלאַסקיטאָ נעהמט זיך אונטער צו ברייננען איהם נאָך ענגלאַנד?

— וועט ער איהם בעצאָהלען?

— יאָ. וועט בלאַסקיטאָ נעהמען דעם מאַן, ניט פרעגענדיג איהם פון וואַנען ער קומט?

— דאָס געהט איהם ניט אָן.

— ניט ווילענדיג גאָר וויסען זיין נאָמען?

— מיר דאַרפען ניט קיין נעמען, מיר דאַרפען געלד!

— גוט. דער מאַן וועט דאָ וואַרטען אין דיעזע הויז.

— ער וועט דאָך אָבער דאַרפען עסען?

— ער וועט עס האָבען.

— וואו וועט ער עס קריגען?

— אָט פון דיעזען זאַק, וואָס איך האָב געבראַכט.

— זעהר גוט!

— קען איך דאָ לאָזען דעם זאַק?

— מיר זיינען שמוגלערס, אָבער ניט קיין גנבים.

— ווען פאָהרט איהר?

— מאָרגען פריה. אויב אייער מאַן איז פאַרטיג, קען ער נאָך היינט געהן מיט אונז.

— ער איז עס אָבער ניט.

— דאָס איז זיין געשעפט.

— ווי לאַנג וועט ער דאַרפען וואַרטען אין דיעזע הויז?

— דריי אָדער פיער טעג.

— מוז בלאַסקיטא זיכער קומען?

— גאַנץ זיכער.

— ווען?

— נעכסטע וואָך.

— וועלכען טאָג?

— פרייטאָג, שבת אָדער זונטאָג.

— קען ער אַמאָל ניט קומען צוליעב אַ שלעכטען וועטער אויף׳ן ים?

— מעגליך פערשפעטיגען זיך, אָבער קומען מוז ער.

— פון וואַנען קומט ער?

— פון בילבאַאָ.

— וואוהין געהט ער?
— נאָך פּאָרטלאַנד.
— גוט.
— אָדער נאָך טאָרביי.
— נאָך בעסער!
— אייער מאַן מעג זיין רוהיג.
— בלאַסקיטאָ וועט איהם ניט ענטווישען?
— נור פייגלינגע זענען פערדעטהער.
— קען אימיצער הערען וואָס מיר רעדען דאָ?
— קיינער ניט. ערשטענס, ווייל די מענשען מיינען, אַז שדים זיינען אין דיעזע הויז. און צווייטענס ריידען אַזאַ שפּראַך, וואָס ווייניגע פאַר־שטעהן, און אַזוי ווי דו רעדסט אין דיעזער שפּראַך, מוזטו דאָך אודאי זיין איינער פון אונזערע.
— און ווען מיין מאַן זאָל וועלען אַראָבשטייגען אין אַן אַנדער פּלאַץ?
— זאָל ער עס זאָגען בלאַסקיטאָ'ן און געבען איהם מעהר געלד.
— דאַן וועט ער טאָהן, ווי ער פערלאַנגט?
— בלאַסקיטאָ וועט אַלעס טאָהן פאַר געלד.
— אַלזאָ אַלעס בעשלאָסען. גוט נאַכט, פריינד!
— גוטע נאַכט!

דאָס איז געווען דער געשפּרעך. פיליכט וועט ניט זיין איבעריג צו בעמערקען אַז דיעזע הויז איז געווען אַ מייל און אַ האַלב פון פעלז, וואָס איז געווען אין מיטען ים, און דאָס קלובין איז געווען אַ זעהר גוטער שווימער.

דעם קומענדען דינסטאָג איז הערר קלובין אָנגעקומען צוריק מיט זיין שיף נאָך סאַן מאַלאָ. ער האָט גלייך געפּרעגט דעם ווירטה פון שענק, ווען קאַפּיטאַן זיעלאָ פאָהרט אָב מיט זיין שיף.

— איבער מאָרגען, האָט איהם דער מאַן געענטפערט.

יענעם אָווענד איז הערר קלובין געגען זיין שטענדיגע געוואָהנהייט, אַוועק גלייך נאָך דעם, ווי ער האָט אָבגעגעסען וועטשערע. ער האָט פערזאַמט אַ שעהן ביסעל פּראַכט, וואָס ער האָט נאָך געקאָנט נעהמען אויף די דוראַנד. דאָס איז געווען צו וואונדערליך פאַר אַזאַ פּינקטליכען געשעפטס־מאַן, ווי קלובין איז עס געווען. ער האָט פערבראַכט נור איינגע מינוטען ביי זיין פריינד אין פאָן שאָפּ, געקומען איז ער אַהיים ווען עס איז שוין געווען האַלבע נאַכט.

.III

אויף מאָרגען, דאָס איז געווען דאָנערסטאָג, האָט נים ווייט פֿון סאַן מאַלאָ אויף'ן ברעג פֿון ים, פּאַסירט אַ זעהער טראַגישע געשיכטע. אויף אַ שפּיץ פֿון אַ הויכען פֿעלז איז געשטאַנען אַ ברעג־וועכטער. דער מאַן, איינגעוויקעלט אין זיין אַמט־מאַנטעל, און שטעהענדיג פֿעסט אויף זיינע פֿיס, האָט געהאַלטען איין אויג צו געמאַכט און מיט דער אַנדערער האָט ער געקוקט דורך אַ טעלעסקאָפּ אויפֿ'ן ווייטען ים. ער האָט אויסגעזעהן צו זיין זעהר פֿאַרטיפֿט אין עטוואָס. ער איז צוגעגאַנגען צום סאַמע ברעג פֿון פֿעלז, און דאָרט איז ער געשטאַנען אונבעוועגליך, זיין בליק געריכטעט אויף דעם ווייטען האָריזאָנט, דאָס וואַסער פֿון ים האָט דעמאָלט געהאַלטען אין אָנשוועלען, און די חוואַליעס האָבען זיך צושלאָגען אָן דעם שטיין, אויף וועלכען ער איז געשטאַנען.

די זאַך וואָס האָט צוגעצויגען דיעזען וועכטערס אויפֿמערקזאַמקייט, איז געווען אַ שיף, וואָס האָט פֿאַרלאָזען שוין דעם ברעג מיט אַ שטונדע פֿריהער. ער האָט דערזעהן, אַז דאָס שיף האָט זיך פלוצלינג אָבגעשטעלט.

אייפֿ'ן פֿעלז איז נאָך געווען העלער טאָג, אָבער אונטען אויפ'ן ים איז שוין געוואָרען פֿינסטער.

דער וועכטער, האָט פֿאָרזיכטיג שטודירט אַלע בעוועגונגען פֿון שיף און האָט אויסגעזעהן, אַזוי ווי ער וואָלט זיי פֿאַר צייכענט אין זיין זכרון.

דער וועכטער, צו שטאַרק פֿערטיעפֿט אין די בעאָבאַכטונג פֿון דעם שיף, האָט גאָר נים בעמערקט, וואָס עס טהוט זיך הינטער איהם. ער האָט נים בעמערקט, דאָס הינטער אַ גרויסען שטיין איז געווען אַ מענש פֿאַרבעהאַלטען, וועלכער, ווי עס האָט געשיינט, איז שוין דאָרט געווען נאָך איידער דער וועכטער איז אָנגעקומען. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט פֿון הינטערען שטיין זיך אַרויס ווייזען זיין קאָפּ, היטענדיג דעם וועכטער. דיעזע קאָפּ איז געווען אָנגעטאָהן אין אַ ברייט־ראַנדיגע הוט — ער איז געווען זעהר עהנליך צו דעם מענשען, וועמען הערר קלובין האָט געזעהן פֿון זיין שיף ריידען מיט קאַפּיטאַן זיעלאַ.

מיט אַ מאָל איז דער ברעג־וועכטער געוואָרען נאָך מעהר אויפֿמערקזאַם. ער האָט איילענדיג אויסגעווישט די גלאָז פֿון זיין טעלעסקאָפּ מיט'ן אַרבעל, און האָט געקוקט אין די ריכטונג פֿון שיף.

אַ קליינער שוואַרצער פֿלעק האָט געשיינט זיך אָבצוטהיילען פֿון איהר.

דיזעס איז געווען אַ קליין שיפעל, וועלכע האָט אויסגעזעהן צו קומען אַלץ נעהנטער צום ברעג. איינינע מאַטראָזען זיינען אַריין אין איהר, און האָבען געאַרבייט גאַנץ קרעפטיג. זי האָט אויסגעזעהן געצווינגען צו ווערען גראַדע צו דעם פונקט פון ברעג, וואו דער וועכטער איז געשטאַנען.

די נייגיריגקייט פון דעם וועכטער האָט דערגרייכט איהר העכסטען גראַד. ער האָט ניט פערלאָרען איין איינצעלנע בעוועגונג פון די שיפעל, און, וועלענדיג נאָך בעסער זעהן, איז ער צוגעגאַנגען צום סאַמע ברעג פון פעלז.

אין דיזען מאָמענט איז ערשינען אַ מאַן הינטער איהם, אָבער דער וועכטער האָט איהם ניט בעמערקט. דער מאַן איז געשטאַנען שטיל אַ רגע מיט זיינע הענד אַראָבגעלאָזען ביי די זייטען. ער האָט צוזאַמען געדריקט זיינע פויסטען מיט דעם אויסדרוק פון אַ יעגער, וואָס וואַרט אויף זיין רויב. ער האָט די אויגען זיינע ניט אַראָבגענומען פון דעם ברעג־וועכטערס רוקען. פיער טריט האָבען נור אָבגעשיידט די צוויי מענשען איינעם פון צווייטען.

ער האָט געמאַכט אַ טריט פאָרווערטס און איז געבליבען שטעהן, האָט אַ צווייטען טריט געטהאָן, און איז ווידער שטעהן געבליבען. ער האָט ניט געמאכט קיין בעוועגונג אויסער דערמיט, וואָס ער איז געגאַנגען. דער גאַנצער איבעריגער קערפער זיינער איז געבליבען גאַנץ אונבעוועגליך. זיינע טריט אויף'ן גראָז האָבען קיין גערויש ניט געמאַכט. ער האָט געמאַכט דעם דריטען טריט, און האָט זיך ווידער אָבגעשטעלט. ער האָט געקאָנט אויסשטרעקען זיינע הענד און אָנריהרען דעם וועכטער, וואָס האָט נאָך אַלץ געקוקט אין זיין טעלעסקאָפ אויף'ן ים. דער מאַן האָט דאַן אייפגעהויבען זיינע ביידע צוזאַמענגעדריקטע הענד ביז צו זיינע אַקסלען, און דאַן האָבען דיזע פויסטען מיט אַן אייזערנע קראַפט זיך אַראָבגעלאָזען אויף די אַקסלען פון וועכטער. דער אונגליקליכער האָט קיין צייט ניט געהאַט אַרויסצולאָזען אַ געשריי, מיט'ן קאָפ פאָראויס איז ער אַריין געפאַלען אין ברויזענדען ים. די פאָדעשוועס פון זיינע שיך האָבען זיך געזעהן פאַר אַ רגע אין דער לופט, און דאַן איז ער פאַרשוואונדען געוואָרען מיט די שנעלקייט פון אַ בליץ.

צוויי אָדער דריי קרייזען האָבען זיך געבילדעט אויף דער אויבערפלעכע פון ים, זיי זענען געוואָרען אַלץ גרעסער, ביז זיי זענען אין גאַנצען פערשוואונדען געוואָרען.

דער מאַן מיט דעם ברייט־ראַנדיגען הוט האָט זיך איבערגעבויגען איבערן ברעג פון פעלז, האָט בעאָבאַכטעט די וואַסער־קרייזען, ווערענדיג

אַלץ גרעסער און פֿאַרשווינדענדיג, און דאַן האָט ער זיך אויסגעגלייכט, און צווישען זיינע ציין האָט ער געזונגען אַ ציני‌שע לידעלע.

ער האָט ניט געענדיגט זינגען דאָס לידעלע. הינטער איהם האָט ער געהערט אַ רוהיגע שטימע זאָגען:

— אַה, ראַנטאַין, דו ביסט עס? אַ גוטען טאָג, דו האָסט דאָך איצט ערמאָרדעט אַ מענשען!

ער האָט זיך שנעל אומגעדרעהט, און פּוּפּצעהן טריט וויט פֿון איהם האָט ער דערזעהן שטעהן אַ קורץ-געוואַקסענעם מאַן מיט אַ רעוואָלווער אין האַנד.

ער האָט געענטפֿערט: אַה, איהר האָט עס געזעהן, הערר קלובין? האָט איהר עס? וואָס מאַכט איהר, הערר קלובין?

— דו קענסט מיך אַלזאָ?

— איהר האָט אָבער אויך מיך דערקענט שנעל גענוג!

דערווייל האָט זיך געהערט דער קלאַפּען פֿון די וועסלעס פֿון די אָנ-קומענדע שיפֿעל. הערר קלובין האָט גערעדט גאַנץ שטיל, אַזוי ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין:

— דו האָסט עס געמאַכט שנעל.

— וואָס קען איך טאָהן פֿאַר אייך, הערר קלובין?

— אַ קליינינגקייט, עס איז צעהן יאָהר זייט איך האָב דיר ניט געזעהן, ווי איז עס דיר געגאַנגען? איך האָף, אַז גוט.

— גאַנץ גוט. און ווי איז עס אייך געגאַנגען?

— ניט צו פֿאַרזינדיגען, האָט קלובין געענטפֿערט.

ראַנטאַין האָט געמאַכט אַ טריט נעהענטער, וואו קלובין איז געשטאַ-נען. ער זיך אָבער גלייך אָבגעשטעלט זעהענדיג, ווי קלובין צילעוועט אויף איהם דעם רעוואָלווער.

ראַנטאַין! מיר זיינען פּוּפּצעהן טריט וויט איינער פֿון צווייטען. בלייב, וואו דו ביסט, ביטע. עס איז זעהר אַ בעקוועמע וויטקייט.

— ווי איהר פֿערלאַנגט, האָט ראַנטאַין געענטפֿערט. וואָס ווילט איהר פֿון מיר, הערר קלובין?

— אָט אַזוי כאַפּען אַ שמועס מיט דיר.

ראַנטאַין האָט שוין מעהר קיין פֿערזוך ניט געמאַכט צו קומען נעהענ-טער צו קלובין, און קלובין האָט צו איהם געזאָגט:

— דו האָסט נור וואָס ערמאָרדעט אַ ברעג-וועכטער.

— איך האָב שוין געהאַט די עהרע דאָס צו הערען פֿון אייך.

— יאָ, איך האָב עס שוין איינמאָל געזאָגט, אָבער ניט אַזוי בע-

שטימט. פריהער האָב איך געזאָגט: דו האָסט ערמאָרדעט אַ מענשען, איצט זאָג איך: אַ ברעג-וועכטער. זיין נומער איז געוועזן 619. ער איז געוועזן אַ פערהייראַטהער מאַן און לאָזט איבער אַ פרוי און פינף קינדער.

— דאָס קען זיך זיין אמת.

— דיעזע ברעג-וועכטער זיינען אַלע אויסגעקליבענע מענער, האָט קלובין וויטער גערעדט, די מייסטע פון זיי זיינען אַלטע מאַטראָזען.

— איך האָב שוין אָפט בעמערקט, האָט ראַנטאַין געענטפערט, דאָס דיעזע קלאַסע מענשען לאָזען אימער נאָך זיך אַ פרוי מיט פינף קינדער.

הערר קלובין האָט וויטער געזאָגט:

— טרעף, ווי פיעל איך האָב בעצאָלט פאַר דיעזען רעוואָלווער?

— עס איז אַ נוצליכע וואַפע, האָט ראַנטאַין געענטפערט.

— וויפיעל דענקסטו?

— איך דענק, אַז איהר האָט געגעבען אַ גוטען פרייז.

— עס קאָסט מיר אַ הונדערט און פיער און פערציג פראַנק. דער אָרימער וועכטער! ער האָט אפילו קיין צייט ניט געהאַט אַ געשריי צו טאָהן! איך בין דער איינציגער וואָס האָט עס געזעהן.

— ווייסט איהר, הערר קלובין, ווי אַזוי איך האָב אייך דערקאָנט? וויל איהר האָט מיר דערקאָנט, איך האָב מיר גלייך אַ טראַכט געטאָהן, אז אַן אַנדערער ווי קלובין וואָלט מיר ניט דערקענט. און ווי ער האָט אַזוי גערעדט, איז ער צוגעגאַנגען אַ טריט נעהענטער.

— שטעה אויף דיין פלאַץ, ראַנטאַין!

ראַנטאַין האָט געפאָלגט, ריידענדיג צו זיך אַליין: געגען אַ רעוואָלווער איז אַ מאַן אַזוי הילפלאָז ווי אַ קינד.

הערר קלובין האָט אָנגעהויבען: נון, אָט איז די לאַגע. דריי הונדערט טריט פון דאַנען איז דאָ אַ צווייטער ברעג-וועכטער נומער 618, וועלכער לעבט נאָך, עטוואָס וויטער איז דער סטיישען פון די וועכטער. אין פינף מינוטען קענען דאָ זיין זיעבען בעוואָפענטע. אַנטלויפען וועסטו ניט קענען און דאָ ביי דעם ברעג איז דער ערמאָרדעטער וועכטער.

ראַנטאַין האָט געוואָרפען אַ בליק אויפ'ן רעוואָלווער און קלובין האָט צו איהם געזאָגט:

— דו האָסט זעהר ריכטיג בעמערקט: אַ רעוואָלווער איז אַ זעהר נוצליכע וואַפע. עס קען זיין, אַז ער איז גאָר ניט אָנגעלאָדען, אָבער דאָס מאַכט ניט אויס, איין שאָס מיינער וועט ברייננגען זיעבען בעוואַפענטע מענער, און איך קען שיסען זעקס מאָל. ראַנטאַין, דיין שיפעל, וועלכע קומט דיך אַריבער-נעהמען צום שיף, איז שוין באַלד דאָ. ראַנטאַין! דו טראָגסט אַ פאָר

אַמעריקאַנער הויזען, מיט דאָפּעלטע קעשענעס, אין איינע פון זיי האָלסטו דיין זייגער, דעם קענסטו האַלטען. אין די צווייטע קעשענע אָבער, האָסטו אַ קליין קעסטעלע פון געגאָסענע אייזען, דאָס איז אַן אַלט מאָדישע מאַט־ראָזנע טאַבאַק פּושקע. זי איז מיט אַ ספּרונזשינע. נעהם אַרויס דיזע פּושקע פון קעשענע און וואַרף איהר צו צו מיר.

— אָבער דאָס איז דאָך איינפאַכע רויבעריי.

— דו קענסט האָבען אַ ברירה צו שרייען נאָך הילפע.

— הערר קלובין, לאָמיר קומען צו איין איינפאַרשטענדניס. איך גיעב אייך אַ העלפט.

— וואָס דענקסטו בין איך, ראַנטאַין? איך בין אַן עהרליכער מאַן, איך מוזען האָבען אַלעס. איך זעה אַז דו מוזט האָבען אַ טעות. דיין נאָמען איז „רויבער", מיין נאָמען איז „ראַבע נעהמער". הער זיך צו, ראַנטאַין: עס איז שוין צעהן יאָהר, צייט דו ביסט אַנטלאָפען פון גערנסי, צונעהמענדיג מיט זיך פופציג טויזענד פראַנק, וואָס איז געווען דער אייגענטהום פון דיין שותף לעטהיער. דיזע פופציג טויזענד פראַנק מיט פּראָצענט זיינען איצט איבער אַכציג טויזענד פראַנק. נעכטען ביזטו אַריין צו אַ חלפן — איך קען דיר זאָגען זיין נאָמען — רעבושע פון סאַן ווינסענט, דו האָסט איהם געגעבען 76 טויזענד פראַנק, און ער האָט דיר דערפאַר געגעבען דריי ענגלישע באַנקנאָטען צו טויזענד פונט סטערלינג יעדע, דיזע באַנקנאָטען האָסטו אַריינגעלייגט אין די אייזערנע פּושקע. און די פּושקע האָסטו אַריינגעלייגט אין די רעכטע זייט קעשענע פון די הויזען, דיזע דריי באַנקנאָטען בין איך מרוצה אָנצונעמען אין לעטהיערס נאָמען. מאָרגען געה איך צוריק נאָך גערנסי און וועל זיי איהם איבערגעבען, ראַנטאַין, דו ווילסט פערלאָזען פראַנקרייך, און דו מוזט עס טאָהן, דו געהסט נאָך בראַזיליען. די שיפעל קומט נאָך דיר. עס ווענדעט זיך אָן מיר, צו דו זאָלסט געהן אָדער פערבלייבען דאָ. רייד ניט קיין וואָרט, און וואַרף מיר צו די פּושקע.

ראַנטאַין האָט אַריינגעלייגט זיין האַנד אין קעשענע, האָט אַרויסגענומען פון דאָרט די פּושקע און האָט איהר צוגעוואָרפען צו קלובין.

קלובין האָט זיך איינגעבויגען, ניט אַראָבלאָזענדיג די אויגען פון ראַנטאַין, און האָט אויפגעהויבען די פּושקע מיט דער לינקער האַנד. דאַן האָט ער אויסגעשריען: „דרעה דיך אום מיט'ן רוקען צו מיר, מיין פריינד!"

ראַנטאַין האָט געטאָהן, ווי קלובין האָט איהם באַפוילען.

קלובין האָט אַרונטערגעלייגט דעם רעוואָלווער אונטערן אָרעם, האָט צוגעדריקט די ספּרונזשינע פון די פּושקע, און די דעקעל האָט אָבגעשפּרונגען. אין די פּושקע זיינען געלעגען פיער באַנקנאָטען; דריי צו איין טויזענד

פונט סטערלינג יעדע און איינע פון צעהן פונט. ער האָט פערוויקעלט צוריק די דריי איין־טויזענד פונטיגע באַנקנאָטען, האָט זיי אַריינגעלייגט צוריק אין פושקע, האָט צוגעמאַכט דעם דעקעל, און אַריינגעלייגט זיי אין זיין קעשענע.

דאַן האָט ער אויפגעהויבען אַ שטיינדעל, האָט אַרומגעוויקעלט אַרום איהם די באַנקנאָט פון צעהן פונט, און האָט געזאָגט:

— דו קענסט זיך אומדרייען, ראַנטאַין!

ראַנטאַין האָט איהם געפאָלגט, און קלובין האָט ווייטער גערעדט: „איך האָב דיר געזאָגט, אַז איך וועל זיין צופריעדען מיט די דריי, איך גיב דיר דאַרום צוריק די נאָטע פון צעהן פונט, און אַזוי רייזענדיג, האָט ער איהם צוגעוואָרפען דעם שטיינדעל, מיט דעם צעהן פונט נאָט אַרומגעדרעהט אַרום איהם.

ראַנטאַין האָט עס געגעבען אַ שטויס מיט'ן פוס, און דער שטיין און די באַנקנאָטע זיינען אַריינגעפאַלען אין ים.

— ווי דו ווילסט זיך, האָט קלובען בעמערקט. ווי עס שיינט, ביזטו גוט אָב. מיין געוויסען איז רוהיג.

דער גערויש פון די וועסלעס, וואָס האָט זיך געהערט אין די גאַנצע צייט פון זייער געשפרעך, האָט איצט אויפגעהערט, דאָס איז געווען אַ סימן, אַז די שיפעל איז אָנגעקומען צום ברעג.

— דיין שיפעל איז שוין דאָ, ראַנטאַין! קענסט געהן.

ראַנטאַין האָט אָנגעהויבען געהן צום ברעג צו. קלובין האָט איהם געהיט, ביז ער איז שוין געווען אין שיפעל, דאָרט ערשט אין שיפעל האָט אויסגעבראָכען דער גאַנצער צאָרן פון ראַנטאַין, און ער האָט אויסגעשריען צוזאַמענדריקענדיג זיינע פויסטען: „האַ, דער טייוועל איז אַן אונשולדיגעס קינד געגען איהם!“

ווען ער איז שוין געווען אַביסעל ווייטלעך פון ברעג, האָט קלובין געהערט, ווי ראַנטאַין האָט געשריען:

הערר קלובין! איהר זיינט אַן עהרליכער מאַן, אָבער איהר ברויכט ניט זיין אין כעס, ווען איך וועל שרייבען אַ בריעף צו לעטהיער, אין וועלכען איך וועל איהם בעקאַנט מאַכען מיט דאָס, וואָס האָט פּאַסירט. און אין דערזעלבער שיפעל איז דאָ אַ מאַטראָז, אַן איינוואוינער פון גערנסי, וועלכער וועט באַשטעטיגען, דאָס איך האָב אייך געגעבען דריי טויזענד פונט סטער־לינג פאַר הערר'ן לעטהיער.

קלובין איז פון נאַטור געווען אַ זעהר רוהיגער מענש. אונבעוועגליך איז ער געשטאַנען אויף'ן פעלז, צוהערענדיג דאָס אַלעס, ער האָט די שיפעל

פֿון אויג ניט אַרויסגעלאָזען, ביז ער האָט איהר ניט געזעהען צוקומען צו די גרויסע שיף, וועלכע האָט גלייך זיך געזעצט אין בעוועגונג.

אויך די בעוועגונג פֿון די גרויסע שיף האָט הערר קלובין ניט אַרויסגעלאָזען פֿון אויג ביז זי איז געוואָרען אַ קליינער דונקעלער פּינטעל געגען דעם בלייכען אָווענד־הימעל.

IV.

יענעם אָווענד, שוין צום צווייטען מאָל, איז הערר קלובין אַהיים געקומען גאַנץ שפּעטליך. אַריינקומענדיג אין שענק, האָט ער נאָך געטראָפֿען זיצען ביי אַ גלאָז וויין אַן אַלטען פֿראַנצויזישען קאַפּיטאַן, מיט'ן נאָמען גערטראַים.

— אַ גוטען אָבענד, קאַפּיטאַן, האָט קלובין צו איהם געזאָגט.

— נו, ענדליך, איז שוין זיעלאַ איז אַוועק מיט זיין שיף.

— ווירקליך? איך האָב עס גאָרניט בעמערקט, האָט קלובין געזאָגט. ווען איז ער אַוועק?

— הייטע אָבענד!

— וואָהין?

— צום טייפֿעל!

— קיין ספק. אָבער מיט וועלכען וועג?

— דורך ארעקוויפּאַ.

— איך ווייס גאָר ניט דערפֿון. איך געה שלאָפֿען. ער האָט גענומען די ליכט, האָט געמאַכט איינינגע טריט צו די טהיר און איז באַלד צוריק געגאַנגען.

— זייט איהר אַמאָל געווען אין אַרעקוויפּאַ, קאַפּיטאַן גערטראַים?

— יאָ, איינינגע יאָהר צוריק.

— וואו שטעלען זיך אָב די שיפֿען, וואָס געהען אַהין?

— אַביסעל איבעראַל. אָבער זיעלא'ס שיף וועט אין ערגעץ זיך ניט אָבשטעלען, זי געהט גלייך גאָך טשילי.

— אויב אַזוי קען מען גאָר ניט הערען פֿון די שיף, ביז זי וועט קומען אויף איהר פּלאַץ?

— אָה, ניין, קאַפּיטאַן קלובין! ערשטענס, קען זי לאָזען הערען פֿון זיך דורך אירגענד וועלכע שיפֿען, וואָס זי קען באַגעגנען אויף איהר וועג, וואָס געהען נאָך אייראָפּאַ.

— אמת, גאַנץ ריכטיג.

— דאַן איז דאָ דער פּאָסט אָפּיס פון ים?

— וואָס מיינט איהר דערמיט, קאַפּיטאַן?

— ווייסט איהר ניט, וואָס דאָס איז דער ים פּאָסט אָפּיס?

— ניין!

— טו הערט, ביי פּאָרט פּעמין, נאָך פּאָינט אַנע, זעהט איהר אויף אַ פעלז, מעהר ווי הונדערט פוס הויך אַ גרויסען סלופּ, מיט אַ פעסעל, הענ־געגדיג פון איהם. אויף'ן פעסעל שטעהען אָנגעשריבען די ווערטער פּאָסט־אָפּיס. יעדע שיף, וואָס פאָהרט פערביי, שיקט אַראָב אַ שיפעל מיט בריף צו דעם פעלז. אַ שיף, וואָס קומט צום ביישפּיעל פון אַטלאַנטיק לייגט דאָרט אַריין די בריעף, וואָס געהען נאָך אייראָפּאַ, ווערענד אַ שיף, וואָס קומט פון פּאַסיפיק, לייגט דאָרט די בריעף, וואָס געהן נאָך ניוזילאַנד אָדער קאַליפאָרניע. דער, וואָס ברענגט די בריעף אַהין, נעהמט אַרויס די אַלע בריעף, וואָס אַנדערע שיפען פאַר איהם האָבען געלאָזען. איהר פער־זאָרגט מיינע בריעף, און איך אייערע, די פעסעל איז צוגעשמידט מיט קייטען, האָט אַ גוטען צודעק, אָבער קיין שלאָס. איהר זעהט, אַלזאָ, קאַ־פּיטאַן קלובין, דאָס אויב קאַפּיטאַן זיעלאַ אָדער ווער אַנדערס פון זיין שיף זאָל װעלען שרייבען קען עס לייכט געטאָהן ווערען דורך דעם ים פּאָסט־אָפּיס.

— דאָס איז מערקווירדיג, האָט קלובין געמורמעלט פערטראַכט. ער האָט זיך אַזוי פערטראַכט דאָס ער האָט זאָגאַר פאַרהערט דעם אַלטען קאַפּיטאַנס פראַגע, אויב ער פאָהרט מאָרגען צוריק מיט זיין שיף נאָך גערנסי. דער אַלטער קאַפּיטאַן האָט ווידערהאָלט דיזעלבע פראַגע. דאַן האָט קלובין זיך אויפגעכאַפּט אַזוי ווי פון שלאָף און האָט געזאָגט:

— געוויס, קאַפּיטאַן, מאָרגען איז מיין טאָג. מאָרגען פריה געה איך צוריק מיט מיין שיף.

— ווען איך וואָלט געווען איהר, האָט דער אַלטער קאַפּיטאַן בעמערקט, וואָלט איך מאָרגען זיך פון אָרט ניט געריהרט, אַלע סימנים זיינען דאָ, אַז איהר וועט האָבען אַ זעהר שלעכטע רייזע, די האָר פון מיין הונד'ס פעל האָבען זיך שוין געפיהלט פייכט פאַר די לעצטע צוויי טעג; די ים־פייגלען האָבען די לעצטע צוויי נעכט אַרומגעפלויגען אַרום די לאַנטערנע פון די ליכט הויז. איך האָב אויך אַ שטורם גלאָז, וועלכע גיט מיר פון צייט צו צייט גוטען ראַטה; מיר דאַכט זיך, אויב אַלע סימנים נאַרען מיר ניט, אַז איהר וועט זיך טרעפען אויף'ן ים מאָרגען מיט אַ זעהר שווערע פאָגע. און איך ראַטה אייך, איבערצוװאַרטען. איך ציטער פאַר אַ פאָגע פיעל

מעהר, ווי פֿאַר דעם ערנסטען שטורם. אַ פֿאָגע איז אַ זעהר מיאוסער קאָסטימער.

— איך קען ניט וואַרטען, מאָרגען פֿריה מוז איך אַרויס פֿאָהרען, האָט קלובין געענטפֿערט, אַוועקגעהענדיג שלאָפֿען אין זיין צימער.

V.

אַרום אַ מייל פֿינף אין אָפֿענעם ים, צו דרום זייט פֿון גערנסי געפֿינט זיך אַ גרופּע פֿעלזען, וואָס מען רופֿט „די דאָווערס". דער פּלאַץ איז אַ געפֿעהרליכער. איינער פֿון די מערקווירדיגסטע פֿון דיעזע גרופּע איז אַ פֿעלז, וואָס איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „דער מענש". דיעזער עקזיסטירט נאָך איצט. איינינע פֿישער לייט אין דעם פֿאָריגען יאָהרהונדערט האָבען בעזוכט דיעזען פּלאַץ און אויף'ן שפּיץ פֿעלז האָבען זיי געפֿונען אַ מענשליכען קערפּער. אַ מאַטראָז, וועמעס שיף איז אונטערגעגאַנגען אויף'ן ים, האָט געפֿונען שוץ פֿאַר אַ ווילע אויף דיעזען פֿעלז. שפּעטער איז ער געשטאָרבען פֿון הונגער. דערפֿון שטאַמט דער נאָמען „מענש" פֿאַר דיעזען פֿעלז.

פֿרייטאָג פֿריה האָט קאַפּיטאַן קלובין אָנגעפֿאַנגען זיין געוועהנליכע ריקרייזע מיט זיין שיף דוראַנד נאָך גערנסי. עס איז געווען אַרום אַזייגער ניין אין דער פֿריה. דער וועטער איז געווען זעהר שעהן. אויף'ן שיף זיינען געווען זעקס פּאַסאַזשירען: צוויי איינוואוינער פֿון גערנסי, איינער פֿון סאַן מאַלאָ, אַלע פֿיה־הענדלער; אַזוי אַ רייזענדער, אַ פּאַריזער בירגער, וואַהר־שיינליך אַ סוחר און אַן אַמעריקאַנער, וועלכער האָט זיך בעשעפֿטיגט מיט דעם צוטהיילען פֿון קליינע חומשים'לעך.

ניט רעכענדיג קלובין, זיינען די אַרבייטער אויף די דוראַנד געווען זיעבען פּאַרשוינען: אַ מאַן, וואָס איז געשטאַנען ביים רודער, אַ הייצער, אַ קאַרפּענטער, אַ קוכאַר, צוויי אינזשעניערען און אַ קליין אינגעל. איינער פֿון די אינזשעניערען איז אויך געווען אַ פּראַקטישער מעכאַניק. דיזער מאַן איז געווען אַ מוטהיגער און קרעפֿטיגער האָלענדישער ניגער, מיט'ן נאָמען אינבראַנקאַם, ער האָט פֿערשטאַנען אויסגעצייכענט אַרומצוגעהן אַרום אינזשען. דער מאַן, וואָס איז געשטאַנען ביים רודער, איז געווען אַ געבירטיגער פֿון גערנסי. ער האָט געהייסען טאַנגראָל. ער האָט געהאַט אַ גרויסען חסרון פֿאַר אַ מענשען אין זיין פּראָפֿעסיאָן: ער האָט ליעב געהאַט דעם טרונק. קלובין האָט אָבער זיך איינגעשפּאַרט איהם צו בעשעפֿטיגען, ערקלעהרענ־דיג, אַז ער נעהמט איהם אויף זיינע אחריות.

טאַנגראָל האָט קיין מאָל ניט פֿערלאָזען די שיף, ער האָט דאָרט אויך געשלאָפֿען. אין די נאַכט פֿאַר זייער אָבריייזען, ווען קלובין איז געקומען גאַנץ שפּעט אויף'ן שיף צו זעהן, אויב אַלעס איז ריכטיג, האָט שוין טאַנגראָל געשלאָפֿען.

אין מיט'ן נאַכט האָט זיך טאַנגראָל אויפֿגעכאַפּט. דאָס איז שוין ביי איהם געווען אַזאַ געוואוינהייט — יעדער שכור, וואָס איז ניט זיין אייגענער בעל הבית, האָט זיין פֿאַרבעהאַלטונגס־פּלאַץ. אַזאַ פּלאַץ האָט אויך געהאַט טאַנגראָל אונטען אין שיף. דאָרט האָט ער געהאַט פֿאַרבעהאַלטען זיין שנאַפּס — ער האָט געדענקט, אַז קיינער וויים ניט פֿון זיין סוד. יעדע נאַכט, ווען אַלעס פֿלעגט שלאָפֿען, פֿלעגט ער אַרונטערגעהן אין שיף און בעגיטיגען זיך פֿאַר זיין גרויסען דורשט, וואָס ער האָט געמוזט ליידען דעם גאַנצען טאָג. דיעזעס מאָל אַרונטערקומענדיג צו זיין סקלאַד, האָט ער צו זיין גרויסע פֿערוואונדערונג געפֿונען דאָרט אַ פֿולע פֿלעשעל מיט ברענדי. זיין פֿערוואונדערונג האָט אָבער באַלד געמאַכט פּלאַץ פֿאַר שמחה. עס האָט ניט לאַנג גענומען און די פֿלעשעל איז געווען ליידיג ביז אויף'ן דעק. ווען ער איז אויפֿגעשטאַנען אויף מאָרגען פֿריה, האָט זיך די שיף געדרעהט שטאַרק אונטער זיינע פֿיס, דאָך האָט ער געטהאָן זיין אַרבייט כמעט אַזוי גוט, ווי אימער.

וואָס אָנבעלאַנגט דעם קאַפּיטאַן קלובין, איז ער אַוועק שלאָפֿען, ווי עס איז שוין דעם לעזער בעקאַנט, אין דעם שענק, וואו ער פֿלעגט אימער איינשטעהן.

קלובין האָט אימער געטראָגען אונטערן העמד אַ לעדערנעם פּאַס, אין וועלכען ער האָט אימער געהאַלטען אַ זאַפּאַס פֿון צוואַנציג גינעס. ער פֿלעגט איהם אַראָבנעהמען נור ביי נאַכט. אויף'ן גאַרטעל איז געווען אָנגעשטעמפּעלט זיין נאָמען. ווען ער איז אויפֿגעשטאַנען יענעם פֿרייטאָג פֿריהמאָרגען, האָט ער אַריינגעלייגט אין גאַרטעל די אייזערנע פּושקע, אין וועלכע עס זיינען געלעגען די 75 טויזענד פֿראַנק אין באַנקנאָטען. דאַן, ווי זיין געוואוינהייט איז געווען, האָט ער דעם פּאַס אַרומגעגאַרטעלט אַרום זיין קערפּער.

ווען די דוראַנד האָט פֿערלאָזען דעם ברעג, איז דער ים געווען רוהיג. די שיף האָט קיינמאָל בעסער ניט געאַרבייט אויף'ן ים ווי היינט. אַרום אַזייגער עלף האָט זיך אויפֿגעהויבען אַ קליינער ווינטעל, אָבער דער וועטער איז נאָך אַלץ געווען פֿיין און ריין.

מען האָט ניט געקענט זאָגען, אַז די דוראַנד האָט געהאַלטען איהר געוועהנליכע ריכטונג, אָבער קיינער האָט עס ניט בעמערקט. דער אונטערשיעד איז געווען אַ זעהר קליינער, און עס קען אויך זיין, אַז דאָס איז געווען

די שולד פֿון דעם אַביסעל שכור'ען טאַנגראָל. עס האָט אויסגעזעהן, אַזוי ווי די דוראַנד וואָלט געגאַנגען מעהר נאָך דזשערזי, ווי נאָך גערנסי. עטוואָס נאָך עלף האָט דער קאַפּיטאַן אויסגעגלייכט אַביסעל איהר ריכטונג, נור אַביסעלע צייט איז פֿערלאָרען געגאַנגען. אָבער אין דעם מאָנאַט פֿעברואַר, ווען די טעג זיינען קורץ, האָט יעדע פֿערלאָרענע שטונדע אַמאָל אַ גרויסע בעדייטונג.

טאַנגראָל, אין זיין האַלב שכור'ען צושטאַנד, האָט ניט געהאַט קיין זעהר זיכערן אָרעם. ער האָט אויך ניט געקענט זיך פֿעסט האַלטען אויף די פֿים; ער האָט זיך געשאָקעלט מיט זיין קערפּער הין און צוריק און דאָס האָט אויך פֿעראורזאַכט אַביסעל צייט פֿערלוסט.

דער פּאַסאַזשיר פֿון גערנסי, וואָס האָט געהאַט אַ טעלעסקאָפּ אין זיין האַנד, האָט פֿון צייט צו צייט געקוקט אויף אַ קליינעם וואָלקען, וואָס האָט זיך בעוויזען אויף'ן וויטען הימעל.

קאַפּיטאַן קלובין האָט געהאַט אויף זיין פּנים זיין געוועהנליכען קאַלטען, פֿרומען אויסדרוק. ער האָט אויסגעזעהן צו זיין זעהר אויפֿמערקזאַם. אַלעס איז געווען פֿרידליך און אין דער בעסטער שטימונג, און די פּאַסאַזשירען האָבען גערעדט צווישען זיך.

— איך רעכען, האָט געזאָגט איין רייזענדער, דאָס מיר וועלען באַלד האָבען אַן אומבייטונג אין וועטער.

— וואַהרשיינליך רעגען, האָט זיך אָבגערופֿען אַ צווייטער.

— און אפשר גאָר אַ פֿאָגע, האָט געזאָגט אַ דריטער.

אַזוי האָבען די פּאַסאַזשירען צווישען זיך גערעדט פֿון פֿערשיעדענע זאַכען; אין מיטען דערינען האָבען זיי געהערט אַ שטימע ווי פֿון אַ דונער, אויסשרייען:

— דו ביסט בעטרונקען!

יעדער האָט זיך אַ קעהר געטהאָן אין די זייט, פֿון וואַנען די שטימע איז געקומען; דאָס איז געווען קלובין, בייזערנדיג זיך אויף טאַ-גראָל.

אַרום דיעזע צייט האָט שוין די פֿאָגע פֿערנומען אַ גוט שטיקעל פֿון האָריזאָנט. זי האָט אויסגעזעהן אָנצוקומען פֿון יעדע זייט אין איין און דער זעלבער צייט. די דוראַנד, האָט זיך גענעהנטערט צו די פֿאָגע, און די פֿאָגע צו די דוראַנד. קלובין האָט געגעבען אַ בעפֿעהל צו געבען מעהר פּאַרע, און צו האַלטען זיך וויים פֿון ברעג. איין פּאַסאַזשיר האָט געזאָגט צום צווייטען:

— אַ פֿאָגע איז אַ זעהר מיאוסע געשיכטע אויף'ן ים.

— יאָ, האָט געענטפערט דער צווייטער, דאָס פיהרט איבער אַ שעהנע רייזע.

— איך האָב מורא, קאַפּיטאַן, האָט אַ פּאַסאַזשיר געזאָגט צו קלובין, דאָס די פּאָגע וועט אונז כאַפּען. און קלובין האָט געענטפערט.

— איך האָב געוואָלט איבערוואַרטען אין סאַן מאַלאָ, אָבער מען האָט מיר גערעאַטהען צו פּאָהרען.

— ווער?

— עפּעס אַלטע מאַטראָזען.

— איהר האָט געטאָהן גוט, וואָס איהר זייט אַרויסגעפּאָהרען. ווער ווייס, אויב מאָרגען וועט ניט זיין גאָר אַ געוואַלדיגער שטורם. אין דיעזע צייטען קען מען זיך דערוואַרטען אויף עטוואָס ערגערעס.

איינינע מינוטען שפּעטער איז די דוראַנד אַריין אין די פּאָגע. דער איינדרוק איז געווען אַ מערקווירדיגער, מיט איין מאָל האָבען די מענשען זיך ניט געקאָנט זעהען, זייענדיג נור אַ פּאָר טריט ווייט איינע פון די אַנדערע. יעדער האָט געפּיהלט אַ ציטער איבערן לייב, און די פּאַסאַזשירען האָבען אָנגעטאָהן זייערע אויבער־רעק. דער קאַפּיטאַן האָט ווידער געגעבען אַ בעפעהל פאַר פול פּאַרע. אַ פּאַסאַזשיר האָט געהערט, ווי די צוויי אינ־זשעניערען האָבען גערעדט צווישען זיך: „דיעזען פריהמאָרגען, ווען עס איז געווען אַזוי שעהן, זיינען מיר געגאַנגען מיט האַלבע פּאַרע, און איצט אין דער פּאָגע מיט פול פּאַרע!"

דער פּאַסאַזשיר איז אַוועק צו קלובין און האָט איהם געפרעגט אויב די שיף געהט ניט צו שנעל פאַר אַזאַ פּאָגע?

— אָבער וואָס קען איך דען מאַכען, האָט קלובין אויסגעשריען, מיר מוזען זעהען דעריאָגען די פערלאָרענע צייט, דורך די שולד פון יענעם שכור, דעם טאַנגראָל. איך בין זעהר ענגסטליך צו זיין אויף׳ן פּלאַץ. עס איז פּאָ־געדיג געגוג איצט, ווער ווייסט, וואָס וועט זיין ביי נאַכט!

„מיר האָבען אַ גוטען קאַפּיטאַן", האָט דער פּאַסאַזשיר געטראַכט.

די דוראַנד איז פערבייגעגאַנגען אַ שיף, וועלכע האָט זיך פאַר זיכערהייט פעראַנקערט. דאָס איז געווען די שעלטיעל פון גערנסי. דער קאַפּיטאַן האָט זיך געוואונדערט איבער די שנעלקייט, מיט וועלכע די דוראַנד איז געגאַנגען, האָט אויך בעמערקט, דאָס זי געהט ניט אין איהר געוועהנליכע ריכטונג.

אַרום אַזייגער צוויי איז די פּאָגע געוואָרען אַזוי דיק, דאָס קלובין איז געווען געצוואונגען אַוועקצוגעהן פון זיין פּלאַץ און זיך שטעלען לעבען דעם האַלב שכור׳ען טאַנגראָל. די זונן איז אין גאַנצען פערשוואונדען געוואָרען, און אַלעס איז געווען פּאָגע. עס איז ניט געווען קיין טראָפּען לופט. די פּאַ־

סאַזשירען זיינען געוואָרען שטיל, נור דער פאַריזער אַליין האָט געברומט אַ ליעד צווישען די ציין. דער פּאַסאַזשיר פון סאַן מאַלאָ האָט זיך צו איהם געווענדעט:

— איהר זייט פון פּאַריז?

— יאָ, מיין העררר!

— וואָס טהוט זיך איצט אין פּאַריז?

— אין פּאַריז געהט אַלעס זעהר שלעכט.

— דאָס הייסט, אַז אויף'ן לאַנד איז ניט בעסער ווי אויף'ן וואַסער.

— דאָס איז אמת, מיר האָבען איצט אַ העסליכע פּאָגע.

— אַ פּאָגע, וואָס קען אונז אַריינברייננגען אין גרויסען אונגליק.

— יאָ, און צו וואָס דאַרף מען דיזע אַלע אונגליקען אין דער וועלט? אין דעם אָדעאָן טהעאַטער האָט אויסגעבראָכען אַ פייער, און אַ גרויסע צאָהל פאַמיליען האָבען פערלאָרען זייער בעשעפטיגונג. איז דאָס גערעכטיגקייט? איך וויים ניט, וואָס איז אייער רעליגיאָן, אָבער מיר איז עפּעס די גאַנצע מעשה ניט פערשטענדליך.

— מיר אויך ניט.

— יעדע זאַך, וואָס טרעפט דאָ אויף אונזער ערד, האָט ווייטער גע־זאָגט דער פּאַריזער, זעהט מיר אויס צו זיין קרום. עס זעהט אויס, אַזוי ווי גאָט וואָלט שוין אויפגעהערט גאָר השגחה צו געבען אויף אונזער וועלט.

דער צוהערער זיינער האָט אַ קראַץ געטהאָן דעם שפּיץ פון קאָפּ מיט אַ מינע פון איינעם, וואָס מאַטערט זיך צו פערשטעהן. דער פּאַריזער האָט פאָרטגעזעצט.

— אונזער בעשיצענדער מלאך זעהט אויס צו זיין אַבוועזענד. עס האָט בעדאַרפט זיין אַ געזעץ געגען אַזאַ הימלישע אַבוועזענהייט. ער איז אַודאי אין זיין קאָנטרי הויז, האָט זיך גענומען וואָקיישען, און עס האַרט איהם גאָר ניט, וואָס דאָ קומט פאָר, און אַזוי ווערט דאָ אַ קודעל־מודעל. עס איז בעשיינפערליך, אַז דיזער בעשיצער איז ניט אין זיין רעגירונגס־פּלאַץ; ער האָט זיך געמאַכט י"ט; איבערלאָזענדיג אויף זיין פּלאַץ עפּעס אַן אונ־טער־שמש, עפּעס אַ יונגען מלאך'על, אַכטונג צו געבען אויף דער וועלט.

קאַפּיטאַן קלובין, וואָס איז צוגעגאַנגען נאָהענט, וועהרענד דיזען גע־זען געשפּרעך, האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנד אויף די אַקסעל פון פּאַריזער, און האָט געזאָגט:

— שטיל, מיינע העררען. היט זיך מיט אייערע ווערטער. מיר זיינען אויף'ן ים.

קיינער האָט ניט אויסגערעדט אַ וואָרט אין דער הויך; נור אין דער־שטיל, אויף'ן אויער האָט דער פּאַריזער געזאָגט צום צווייטען פּאַסאַזשיר:

— אַ רעליגעזער מאַן, אונזער קאַפּיטאַן!

עס האָט ניט גערעגענט נור אַלע האָבען געפּיהלט, אַז זייערע קליי־דער זיינען נאַס. קיינער האָט ניט בעטראַכט דער וועג, אָבער אַלע האָבען זיך געפּיהלט אונרוהיג.

מיט אַ מאָל האָט מען געהערט קלובין אַ געשריי טאָהן:

— הונד דו, דו האָסט אונז געשפּיעלט אַ מיאוסען טריק, דו וועסט נאָך אונז אַלע דערטרינקען. דו פאַרדינסט געשמידט צו ווערען אין קייטען. אַוועק פון רודער, דו שכור!

און ער האָט אַליין גענומען דעם רודער אין האַנד.

— מיר זיינען גערעטעט איצט, האָט איין פּאַסאַזשיר געזאָגט צום צווייטען.

דערווייל האָט זיך די פּאָגע אַביסעל צו שפּרייט פאַר אַ רגע. דער מאַן פון גערנסי מיט'ן טעלעסקאָפּ אין האַנד האָט עטוואָס בעמערקט, און אַ צושראָקענער איז ער צוגעלאָפען צום קאַפּיטאַן.

— קאַפּיטאַן קלובין!

— וואָס איז דער מעהר?

— מיר געהן גלייך אויף די האַנוויים!

— איהר האָט אַ טעות.

— אָבער איך זאָג אייך זיכער.

— אונמעגליך.

— איך האָב נור וואָס געזעהען דעם פעלז?

— וואו?

— אָט דאָרט!

— דאָרט איז דער אָפענער ים.

און קלובין האָט געהאַלטען די ריכטונג פון שיף אַהין, וואו דער פּאַסאַזשיר האָט אָנגעצייגט.

דער פּאַסאַזשיר האָט זיך ווידער גענומען צו זיין שפּאַקטיווע, אין אַ רגע שפּעטער איז ער געקומען צו לויפען:

— קאַפּיטאַן!

— וואָס איז ווידער?

— דרעהט אום די שיף!

— וואָרום?

— איך בין זיכער, אַז איך האָב נור וואָס געזעהן דעם הויכען פעלז. דאָס איז דער גרויסער האַנווי.

— עס האָט זיך אייך נור אויסגעדוכט.

— דאָס איז דער פּעלז, זאָג איך אייך, אום גאָטעס ווילען, דרעהט אום די שיף.

— קלובין האָט געגעבען דעם רודער אַ דרעה. עס האָט זיך דערהערט אַ טראַסק. די דוראַנד איז געבליעבען שטעהן, און די פּאַסאַזשירען זיינען פון דעם קלאַפּ אומגעפאַלען און האָבען זיך געקייקעלט אויף׳ן דעק.

דער גערנסי מאַן האָט אויפגעהויבען זיינע הענד צום הימעל: „מיר זיינען אויף די האַנוויים, איך האָב עס פאָראויס געזאָגט.״

אַלע האָבען אויסגעשריען:

— מיר זענען פאַרלאָרען!

די שטימע פון קלובין, טרוקען, ווי אימער, האָט זיך געהערט:

— שטיל! קיינער איז ניט פערלאָרען.

די שוואַרצע פיגור פון דעם ניגער, האַלב נאַקעט ביזען גאַרטעל, איז אַרויפגעקומען פון דעם אינזשען רום און האָט געזאָגט געלאַסען:

— דאָס וואַסער אין שיף קומט אַלץ מעהר אָן. באַלד וועט דער פייער ווערען אויסגעלאָשען.

דאָס איז געווען אַ שרעקליכער מאָמענט. אַ שפּיץ פון אַ פּעלז האָט דורכגעשטאָכען די זייטען פון די דוראַנד, ווי מיט אַ קלין. נאַכט האָט גע־האַלטען שנעל אין אָנקומען.

טאַנגראַל איז ניכטער געוואָרען. ער איז צוגעגאַנגען צום קאַפּיטאַן און האָט געמעלדעט, אַז נאָך עטליכע מינוטען, און די שיף וועט זיין אונטערען וואַסער. די פּאַסאַזשירען זיינען אַרום געלאָפען, ווי פאַרריקט, זיי האָבען געבראָכען די הענד, געוויינט, אייניגע האָבען גע׳חלש׳ט. קלובין האָט גע־געבען אַ צייכען מיט׳ן האַנד און אַלעס איז שטיל געוואָרען.

— ווי לאַנג וועלען נאָך די אינזשענס זיין אין שטאַנד צו אַרבייטען? האָט ער געפרעגט ביי די אינזשענירען.

— נאָך אַ פינף מינוטען.

דאַן האָט ער זיך געווענדעט צום פּאַסאַזשיר, וואָס האָט דערזעהן דעם פּעלז.

— איך בין געשטאַנען ביים רודער. איך האָב גאָר ניט געקענט זעהען. דו מיינסט, אַז דאָס זיינען די האַנוויים?

— יאָ!

— אויב אַזוי, זיינען מיר בלויז אַ מייל פון ברעג, נעהמט אַראָב דעם לאַנגען שיף!

צוויי מאַטראָזען זיינען אַוועקגעלאָפען אויסצופיהרען דעם קאַפּיטאַנס באַפעהל.

— אַלע מוזען העלפֿען, האָט קלובין נאָך אַמאָל אַ געשריי געטאָהן. דיזעס מאָל האָבען אַלע געפֿאָלגט. די שיפֿעל איז באַלד געווען אין וואַסער.

אין דיזען מאָמענט איז דער פֿייער אויסגעלאָשען געוואָרען און די דוּ-ראַנד איז געווען אַ העלפֿט אין וואַסער.

אַלע האָבען זיך אַ לאָז געטאָהן צום שיפֿעל.

— דער ערשטער קומט דער אינגעל, האָט דער ניגער אויסגעשריען. דער אינגעל איז אַראָבגעלאָזען געוואָרען דער ערשטער. ווען דאָס איז געווען געטאָהן האָט ער געמאַכט אַ וועג פֿאַר אַנדערע, זאָגענדיג: געהט!

דערוויל איז קלובין אַריין אין זיין קאַיוטע, און האָט געמאַכט אַ באַנדעל פֿון די דאָקומענטען פֿון שיף, פֿון די אינסטרומענטען, און האָט עס אַלעס איבערגעגעבען צום אינזשיניער און טאַנגראָל, און האָט צו זיי געזאָגט:

— און איצט געהט איהר אַריין אין שיפֿעל. זיי האָבען געפֿאָלגט. די מאַטראָזען האָבען פֿערנומען זייערע פלעצער.

— איצט, האָט קלובין אויסגעשריען, געהט!

אַ געשריי האָט זיך אויפֿגעהויבען אין שיף.

— און וואָס איז מיט אייך, קאַפּיטאַן?

— איך פֿערבלייב דאָ.

מענשען, פֿאַראונגליקטע אויפֿ'ן ים, האָבען וועניג צייט זיך צו אי-בערלייגען. דאָך האָבען די, וואָס זיינען געווען אין שיפֿעל, געפֿיהלט עפּעס מאָדנע דאָס דערהערענדיג. אַלע האָבען אויסגעשריען מיט איין קול:

— קומט מיט אונז, קאַפּיטאַן?

— ניין, איך פֿערבלייב דאָ!

דער מאַן פֿון גערנסי, וואָס האָט געהאַט אַ ביסעלע ערפֿאַהרונג אין ים אַנגעלעגענהייטען, האָט זיך צו איהם געווענדעט:

— הערט מיר צו, קאַפּיטאַן. דער וועטער איז איצט זעהר אַ שלעכ-טער. איהר זייט אַ פֿערלאָרענער מענש, ווען איהר געהט ניט מיט אונז. קומט!

דער פֿאַריזער האָט אין מיט'ן אַריינגערעט: די שיפֿעל איז צו פֿול, דאָס איז אמת. און איינער מעהר, וועט טאַקי זיין איינער צו פֿיעל. אָבער מיר זיינען דרייצעהן, און דאָס איז אַ זעהר ניט מזל'דיגער נומער. זאָל בע-סער זיין איינער צו פֿיעל, איידער צו האָבען דרייצעהן. קומט, קאַפּיטאַן!

טאַנגראָל האָט צוגעלייגט:

— דאָס אַלעס איז געווען מיין שולד, ניט אייערער, קאַפּיטאַן! עס איז ניט רעכט איהר זאָלט דאָ פֿערבלייבען.

— איך האָב בעשלאָסען צו פֿערבלייבען דאָ, האָט קלובין גענענט-

פּערט. די דוראַנד וועט געוויס היינט צוקלאַפּט ווערען אויף שטיקער אין דעם אָנקומענדען שטורעם. אָבער איך וועל איהר ניט פֿערלאָזען. ווען די שיף געהט אונטער, איז דער קאַפּיטאַן טוידט. מענשען זאָלען ניט זאָגען, אַז איך האָב ניט געטאָהן מיין פּליכט ביז צום סוף. טאַנגראַל, איך פֿאַרגיב דיר! דאַן פֿאַרלייגענדיג די אָרעמס, האָט ער אויסגעשריען:

— פֿאָלגט, לאָזט געהן די שטריק און שטופּט זיך אָב!

אַלע האָבען אויסגעשריען:

— הורריי פֿאַר קאַפּיטאַן קלובין!

— אַ וואונדערבאַרער מענש, האָט געזאָגט דער אַמעריקאַנער.

— מיין הערר, האָט זיך אָבגערופֿען דער מאַן פֿון גערנסי, נאָך אַזאַ קלובין געפֿינט איהר ניט אין דער גאַנצער וועלט!

טאַנגראַל האָט געוויינט:

— אָה, ווען איך וואָלט געהאַט דעם מוטה, וואָלט איך פֿערבליבען מיט איהם.

די שיפֿעל האָט זיך אָבגעשטופּט און האָט זיך פֿערלאָרען אין די פֿאָגע. דער קלאַפּען פֿון די וועסלעס האָט זיך געהערט אַלע מאָל שוואַכער און שוואַכער, ביז עס איז אין גאַנצען פֿערשטאָרבען.

קלובין איז געבליבען אַליין.

VI.

ווען דיזער מאַן האָט זיך געפֿונען גאַנץ אַליין אויפ'ן פֿעלז — וויים פֿון יעדע לעבעדיגע בעשעפֿעניש, קיין קול פֿון לעבען אַרום איהם, אַליין אין אַ פֿאָגע, אין מיטען ים, האָט ער פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון דעם גרעסטען, שטאַרקסטען פֿערגעניגען. אַלעס איז אויסגעפֿיהרט געוואָרען, ווי ער האָט געוואונשען. זיין חלום האָט ענדליך געהאַלטען ביי ווערען אַ ווירקליכקייט.

אין זיינע אויגען איז אויסגעקומען, דאָס צו זיין פֿערלאָזען הייסט צו זיין גערעטעט. ער איז געווען בלויז אַ מייל פֿון ברעג, און האָט געהאַט ביי זיך 75 טויזענד פֿראַנק. און אַלעס איז געגאַנגען ווי געשמירט. אמת ער האָט יעדע ברעקעלע אויסגעפֿיהרט מיט די גרעסטע פֿאָרזיכטיגקייט. ווען קלובין איז נאָך געווען יונג, האָט ער באַשלאָסען צו שטעלען אין קאָן זיין עהרליכקייט אויף דעם קאָרטען טיש פֿון לעבען, צו מאַכען גלויבען די וועלט אין זיין עהרליכקייט, אַנצופֿאַנגען פֿון דיזען פונקט, אָבצוואַרטען זיין געלעגענהייט, זיין טשאַנס, צו פּאַקען די ריכטיגע מינוט, צו שפּילען איין קאָרט

און נור איין קאָרט, און צו געווינען אַלעס, וואָס איז נאָך דאָ, איבערלאָזענ-דיג די נאַרען צו וויינען איבער זייערע פערלוסטען. מיט איין קלאַפּ האָט ער געוואָלט אויספיהרען דאָס, וואָס קלענערע זשוליקעס פּרובירען אַמאָל צוואַנציג. און וועהרענד די קליינע גנבים ענדיגען אויף דער תליה, האָט ער בעשלאָסען צו ענדיגען זיין קאַריערע אַלס אַ רייכער מאַן. זיין צוזאַמען טרעפען זיך מיט ראַנטאַין איז פאַר איהם געווען ווי אַ שטראַהל ליכטיגקייט, און ער האָט גלייך געמאַכט זיין פּלאַן ווי צו צווינגען ראַנטאַין אָבצוגעבען איהם זיין רויב, צו פאַרשווינדען, און אום די געשטראַשעטע ענטדעקונגען פון ראַנטאַין זאָלען איהם נישט קענען שאַדען, צו מאַכען מענשען גלויבען, אַז ער איז טוידט, און צוליעב דעם פערניכטען די דוראַנד. דאָס אַלעס איז געווען נויטוועדיג, און צו דעם אַלעס וועט זיין גוטער נאָמען בלייבען, ווי געווען. ווען אירגענד וועלכער מענש וואָלט געקענט זעהן קלובין פרייען זיך איבער דעם חורבן, וואָס ער האָט אָנגעמאַכט, וואָלט ער זיכער איהם גע-האַלטען פאַרן טייוועל זעלבסט, וואָס איז גליקליך אין דעם אויספיהרען פון אַ טויטליכע זינד.

זיין גאַנצען לעבען האָט ער געלעבט און געוואַרט אויף דעם מאָמענט, וואָס איז איצט אָנגעקומען.

זיין גאַנצער כאַראַקטער האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם וואָרט „ענד-ליך!" אַ פרייד, וואָס האָט געמאַכט איינעם ציטערען, האָט בעלויכטען זיין פינסטערען געזיכט, זיין מוטנער אויג האָט געפונקעלט קלאָהר און שרעקליך, דער אינגערליכער פייער פון זיין זעלע האָט זיך דאָרט אָבגעשפּיגעלט.

די גאַנצע לאַנג-אונטערדריקטע בייזקייט און נידערטראַכט פון זיין האַרץ איז איצט אַרויסגעקומען פריי און אָפען.

ענדליך איז ער געווען פריי — פריי און רייך. דאָס אונבעקאַנטע האָט זיך פאַר איהם אויפגעדעקט — ער האָט געלייזט דעם רעטענעש. קלובין האָט געהאַט גענוג צייט — דער פלוס פון ים האָט זיך געהאַלטען אין אויפהויבען, און האָט אויך אויפגעהויבען די דוראַנד אויף'ן פעלז. די שיף איז געבליבען פעסט אויף'ן פעלז, און עס איז ניט געווען וואָס מורא צו האָבען אַז זי זאָל אַזוי שנעל אונטערגעהן. אויסער דעם האָט ער דאָך גע-מוזט וואַרטען, ביז די שיפּעל מיט די מענשען אינוועניג וועלען זיין גענוג וויט זיי זאָלען ניט קענען זעהען וואָס ער טהוט. שטייענדיג אויף די דוראַנד, האָט ער פאַרלייגט זיינע הענד, געניסענדיג זיין איינזאַמקייט אין דער פינס-טערנעש פון דער נאַכט. דרייסיג יאָהר האָט ער געליטען אונטער דער לאַסט פון היפּאָקריטסטוואָ, פון פערשטעלענעס, ער איז געווען די שלעכטס-קייט אַליין, צוזאַמענגעשמיט מיט עהרליכקייט, ער האָט געהאַסט די

טוגענד ווי איינער האַסט אַן אויפגעצוואונגענעם חבר. אין זיין געדאַנק האָט ער געפּלאַנעוועט עטוואָס אונעהרליכעס, און צייט ער איז געוואָרען אַ ערוואַקסענער מאַן האָט ער געטראָגען דעם לאַנגווייליגען און שווערען פּאַנציער פון אויסצוזעהן אַנדערש ווי ער איז געווען. אונטער דיזען עהרליכען אויס־זעהען איז ער געווען אַ טייוועל. ער האָט געלעבט אונטער דער מאַסקע פון אַן עהרליכען מענשען מיט די זעעלע פון אַ טייוועל. ער איז געווען דער אַרעסטאַנט פון עהרליכקייט. איהם האָט געעקעלט די אַכטונג פון פּובליקום. עס איז אַ שווערע שטיקעל אַרבייט צו שיינען עהרליך פאַר אַ לאַנגע צייט, ווען מען איז עס ניט. אימער צו טרעטען דעם זעלבען וועג, צו טראַכטען בייזעס און צו ריידען און צו טאָהן גוטעס — דאָס איז ווירקליך ניט קיין קלייניגקייט. ער האָט זיך פערשטעלט אין דעם שאָטען פון עהרליכקייט, וועהרענד אין דער ווירקליכקייט איז ער געווען די פאַרקערפערונג פון פער־ברעכען. ער איז געווען אַ לעבעדיגער ווידערשפרוך. אימער געצוואונגען צו טראָגען אַן עהרליכען און שטילען אויסזעהען, צו שיינען דאָס, וואָס ער איז ניט, און אין דער שטיל צו שטורמען און צו קריצען מיט די ציין. טוגענד איז פאַר איהם געווען עטוואָס, וואָס האָט איהם געשטיקט. ער האָט פער־בראַכט זיין לעבען, געלוסטענדיג צו בייסען די האַנד, וואָס האָט פערשלאָסען זיין מויל, און אָנשטאָט צו בייסען איהר, האָט ער איהר גאָר געמוזט קושען.

צו זיין געצוואונגען צו זאָגען ליגען, מיינט צו ליידען. אימער צו האָבען אין געדאַנק עטוואָס בייזעס און צו זיין געצוואונגען צו האַנדלען פונקט קאַפּויר, קיין מאָל ניט צו זיין, ווי דו ביסט טאַקי אין דער אמת'ן, צו לעבען אַ דאָפּעלטען לעבען, איז אַ שרעקליך־ערמידענדע זאַך פאַר דעם מענש. מיט אַלע דיינע שוואַרצע און שרעקליכע געדאַנקען צו זיין געצוואונ־גען צו שיינען אָפענהערציג און עהרליך, צו געלוסטען צו פערשלינגען די, וואָס רעספּעקטירען דיר, אָנצוטאָהן קייטען אויף זיך, צו היטען זיך זעלבסט, צו פאַרדעקען דעם פערבעהאַלטענעם פערברעכען פון דיין האַרץ, אַרויף צו לייגען אַ לייצע אויף יעדע בעוועגונג, צו מאַכען פון העסליכקייט עטוואָס, וואָס זעהט אויס ווי שעהן, צו קיצלען מיט'ן שפּיץ פון שפּיז אָנשטאָט צו דערשטעכען יענעם, זיס צו מאַכען דעם פאַרגיפטעטען בעכער, צו היטען זיך מיט יעדען וואָרט, ניט צו געבען א בליק, אָהנע צו האָבען זיך גוט איבערלעגט — קיין זאַך אין לעב'ן קען ניט זיין מעהר שמערצפול און מעהר אָבשטויסענד ווי דיעזעס. די גאַנצע שלעכטקייט פון היפּאָקריטיזמוס ווערט דונקעל בעגריפען פון דעם היפּאָקריט זעלבסט.

אין מיטען דערינען, ווי קלובין איז געווען פערטיעפט אין זיינע פּלענער, ווי ער וועט אַריבערשווימען די קורצע שטרעקע, זיך פערבעהאַלטען פאַר אַ

וואָך אין די הויז פֿון די שמוגלער און דאַן פֿערשווינדען ערגעץ וואו אַלס אַ רייבער מאַן, האָט זיך די פֿאָגע אויפֿגעהויבען, און ער האָט דערזעהן, אַז ער איז גאָר ניט אויף די האַנוויי פעלזען, נור אויף די דאָווער פעלזען.

VII.

ער איז שיעור ניט משוגע געוואָרען פֿון דיזער ענטדעקונג, עס איז געוועזען צו וואהר. ער איז געוועזען אויף יענעם איינזאַמען און אָבגעזונדערטען פעלז, דער צווילינג שפּיץ פֿון די דאָווערס איז געשטאַנען אין זיין גאַנצער שרעקליכקייט. דער שמאָלער דורך־גאַנג צווישען זיי, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ פֿאַסטקע פֿאַר די וואָס וואַנדערען איבער די וואַסערען, האָט זיך געזעהן שאַרף און קלאָהר. ער האָט אויסגעזעהן עהנליך צו אַ מערדער הייל, וועלכען די איינוואוינער פֿון ים האָבען פֿאָרבערייטעט פֿאַר די בירגער פֿון לאַנד.

עס איז געווען אַ שרעקליכע אומענדערונג פֿאַר קלובין, אָנשטאָט די האַנוויים, די דאָווערס! אָנשטאָט צו זיין בלויז איין מייל פֿון ברעג, איז ער איצט פֿינף. איין מייל קען מען איבערשווימען, אָבער פֿינף, דאָס איז דער זיכערער טויט.

קלובין האָט אָנגעהויבען צו שוידערען. ער אַליין, מיט זיין פֿרייען ווילען האָט זיך געבראַכט אין די נעגעל פֿון טויט. צו פֿערבלייבען דאָ אויף'ן פעלז איז דאָך דאָסזעלבע, ווי צו שטאַרבען אַ הונגער טויט. זיינע 75 טויזענד פֿראַנק וועלען איהם דאָ ניט קענען פֿערשאַפֿען די קלענסטע פיצעל ברויט. און אַזוי זאָל זיך דאָס ענדיגען זיין פּלאַן, וועלכען ער האָט מיט אַזוי פֿיעל פֿאָרזיכטיגקייט דורכגעפֿיהרט? ער איז געווען דער פֿאָרזיכטיגסטער אַרכיטעקט פֿון זיין אייגענער פֿערניכטונג. קיין מעגליכקייט אויף הילפֿע, קיין האָפֿנונג צו רעטען זיך פֿון דיזע לאַגע. אָנשטאָט די גליקליכע קאַריערע, וואָס ער האָט זיך געמאָלען, מוז ער איצט ערוואַרטען אַ שרעקליכען און לאַנגזאַמען טויט. אַן אויגענבליק און אַלע זיינע גרויסע פלענער זיינען צו־שמעטערט געוואָרען. דער פּאַראַדיז, וואָס דער טייוועל האָט געהאָפֿט צו געניסען, האָט אָנגענומען דעם אויסזעהן פֿון אַ טרונע.

די פּיה אין דער שיף, פֿיהלענדיג דאָס וואַסער אָנקומענדיג צו זיי, האָבען אויפֿגעהויבען אַ שרעקליכען געשריי. די נאַכט האָט געהאַלטען אין אָנקומען, און מיט איהר זעהר מעגליך זאָל אויך אָנקומען אַ שטורם, די דוראַנד האָט זיך אָנגעהויבען וויגען פֿון רעכטס צו לינקס און פֿון לינקס

צו רעכטס אויף דעם פּעלז, דער מאָמענט איז ניט געווען ווייט, ווען אַ חוואַליע זאָל קומען און איהר אומוואַרפּען, און איבערקעהרען איהר אויף'ן זייט. עס איז ניט געווען איצט אַזוי פינסטער, ווי ווען דער צוזאַמענשטויס האָט פּאַסירט. חאָטש עס איז געווען איצט פיעל נעהענטער צו נאַכט, דאָך האָט מען געקענט פיעל בעסער זעהן, ווייל די פּאָגע האָט זיך אויפגעהויבען, און פיעל פון די פינסטערניש איז פערשוואונדען געוואָרען מיט איהר. קלובין איז אַרויף אין סאַמע שפּיץ, האָפּענדיג, טאָמער וועט זיך דאָך עפּעס טרעפען, וואָס זאָל איהם קענען ראַטעווען דעם לעבען. און ווירקליך, ווי ער האָט אַזוי געוואָרפען זיינע בליקען אין די ווייטקייט, האָט ער דערזעהן אַ שיף אָנקומענדיג.

„איך בין געראַטעוועט!" האָט קלובין געטראַכט. אין די שרעקליכע לאַגע, אין וועלכע ער האָט זיך געפונען, איז זיין ערשטער געדאַנק געווען ראַטעווען זיין לעבען. אָבער באַלד אין אַ מינוט שפּעטער האָט ער שוין געטראַכט וועגען דעם, ווי אַזוי דאָך צו בעהאַלטען ביי זיך זיין רויב. און ער האָט שוין אָנגעהויבען צו שמידען נייע פּלענער.

דערווייל האָט ער איינגעזעהן מוז ער טהון איין זאַך: די דוראַנד איז געווען אַזוי טיעף אויף'ן פּעלז, דאָס עס איז זעהר מעגליך, אַז מען זאָל ניט בעמערקען זי אין דער דונקעלהייט. אָבער ווען אַ מענש שטעהענדיג געגען דעם פינסטערען הימעל און מאַכענדיג סיגנאַלען פון אונגליק אויף דעם שפּיץ פון דעם מאַן פּעלז, מוז זיכער בעמערקט ווערען, און אַ שיפּעל וועט באַלד אַראָבגעלאָזען ווערען, אום אויפצונעהמען דעם פערוואָרפענעם. דער „מאַן פּעלז" איז געווען בלויז צוויי הונדערט יאַרד ווייט פון איהם. עס איז דאַרום געווען זעהר איינפאַך צוצושווימען צו איהם, און אויף איהם אַרויפקלעטערען. אָבער דאָ האָט ער ניט געטאָרט פערלירען אַ רגע. ער האָט זיך שנעל אויסגעטהון, לאָזענדיג זיינע קליידער אויף די דוראַנד. ער האָט געוואוסט, דאָס ער וועט קריגען אַנדערע אויף'ן שיף, וואָס וועט איהם זיכער ראַטעווען, אָבער ער איז געווען שטאַרק פאָרזיכטיג וועגען זיין לעדערנעם פּאַס. ווען ער האָט זיך אויסגעטהון, האָט ער איהם אונטערזוכט, און האָט איהם ווידער אָנגעטהון אויף'ן הויזלען לייב. דאַן, וואַרפענדיג אַ שנעלען בליק אונטען אויף די וואַסער האָט ער זיך שנעל אַראָבגעלאָזען מיט'ן קאָפּ פריהער אין ים אַריין.

ער איז אַראָבגעזונקען גאַנץ אונטען, ביז ער האָט דערגרייכט דעם גרונד און ער האָט זיך שוין געהאַלטען פאָרבערייטעט מיט אַ שפּרונג צוריקקעהרען זיך צוריק צו די אויבערפלעכע פון וואַסער.

אין דיעזען מאָמענט האָט עטוואָס געכאַפּט איהם פאַר'ן פוס, און האָט איהם מיט געוואַלד אַ שלעפּ געטהון צוריק.

זעקסטער בוך.

I.

איינִיגע מינוטען נאָך דעם, ווי גיליאַט האָט געהערט, אַז עטוואָס האָט פּאַסירט אין לעטהיערס הויז, איז ער געווען אין סאַן סאַמפּסאָן. ער איז געווען האַלב פּעררוקט פּון אַנגסט. וואָס האָט דאָרט געקענט טרעפּען?

אין סאַן סאַמפּסאָן האָט געקאָכט ווי אין אַ ביענשטאָק. יעדער פּון די איינוואוינער פּון דאָרף איז געשטאַנען ביים טהיר. מענשען האָבען גערעדט צווישען זיך אין אַ זעהר אויפגערעגטען צושטאַנד, און עס האָבען זיך געבילדעט פּיעלע קליינע גרופּען, וואָס האָבען דיסקוטירט צווישען זיך איבער עטוואָס, וואָס האָט ניט לאַנג פּאַסירט. יעדעס מאָל האָט מען געהערט איינעם אויסשרייען: „וואָס פאַר אַ שרעקליכער אונגליק!" אָבער אויף איינִיגע געזיכטער האָט מען אויך בעמערקט אַן אויסדרוק פּון צופּריעדענהייט. גיליאַט האָט קיינעם קיין פּראַגען ניט געשטעלט. עס איז ניט געווען זיין נאַטור צו פּרעגען עטוואָס פּון מענשען, מיט וועמען ער האָט ניט שטאַרק סימפּאַטיזירט. ער האָט אויך ניט פּיעל געגלויבט די ויגעלע־זאַגעלע מעשיות, ער האָט דאַרום בעשלאָסען צו דערוויסען זיך אַלעס אויף דעם ריכטיגען פלאַץ, און איז גלייך אַוועק צו לעטהיערס הויז.

זיין אַנגסט איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט זאָגאַר ריזיקירט אַריינצוגעהן אין הויז. אויסער דעם, די טהיר פּון דעם אונטערשטען פּלאָר איז געווען גאַנץ אָפּען. אַ גרופּע פּון פּרויען און מענער זיינען געשטאַנען. יעדער איז אַריין, און ער איז אַריין מיט די אַנדערע. אַריינקומענדיג אַהין האָט ער דאָרט געפּונען דעם דאָרף־שרייבער, איינעם פּון די וועניגע, וואָס האָבען געהאַט דעם מוטה צו זאָגען אַ גוטען וואָרט פּאַר גיליאַט.

— דו מוזט דאָך אודאי וויסען, וואָס האָט פּאַסירט, האָט ער געפּרעגט ביי גיליאַט.

— ניין, וואָס איז דען?

— די דוראַנד איז פּערלאָרען.

דער אונטערשטער האָל איז געווען געפּאַקט מיט מענשען. די מענשען האָבען גערעדט צווישען זיך זעהר שטיל, אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען אין אַ צימער פון אַ קראַנקען.

דער עולם איז מייסטענס געשטאַנען אַרום טהיר. אין דעם אַנדערען טהייל פון צימער איז געווען דערושעט, וועלכע האָט ביטער געוויינט, און לעטהיער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין וואַנד. זיין מאַטראָזען היטעל איז געווען אָנגערוקט איבער די אויגען, און אַ לאָק פון גרויע האָר איז געהאַנגען איבער זיין באַק. ער האָט ניט גערעדט קיין וואָרט. זיינע אָרעמס זיינען איהם געווען אַראָבגעלאָזט צו דער זייט; ער האָט קוים געשיינט צו אָטהעמען. ער האָט געהאַט אַן עהנליכקייט צו אַ מת, וואָס איז אָנגעשפּאַרט אין וואַנד, כדי ער זאָל ניט אומפאַלען.

ווי מען האָט אַזוי אַ בליק געטהון אויף איהם, האָט מען גלייך געקענט זעהן, דאָס מען האָט פאַר זיך אַ מענשען, וועמעס לעבען איז רואינירט געוואָרען. די דוראַנד איז אונטערגאַנגען און מיט איהר האָט זיך צובראָכען איינע פון די שטאַרקסטע באַנדען, וואָס האָבען איהם געהאַלטען ביין לעבען. די צווייטע העלפט פון איהם, וואָס איז געשוואומען אויפ'ן וואַסער, איז פערניכטעט געוואָרען. וואָס קען פון איהם איצט ווערען? אויפצושטעהן אין דער פריה און געהן שלאָפען ווען עס ווערט פינסטער? קיינמאָל שוין מעהר וואַרטען אויף דוראַנדס קומען, אָדער זעהן, ווי זי געהט אַוועק? וואָס פאַר אַ ווערדע האָט דער לעבען אָהן אַ צוועק? צו עסען, צו טרינקען, און דאַן — דער מענש האָט געקרוינט די אַרבייט פון זיין לעבען דורך אַ מייסטער־ווערק, אַלע זיינע קרעפטען האָט ער אָנגעשטרענגט אום צו דערגרייכען דעם העכסטען פונקט אויף דעם באַרג פון פראָגרעס — און איצט איז דיעזער פונקט פערלאָרען, און זיין מייסטערווערק איז טויט. וואָס פאַר אַ צוועק האָט ער איצט צו הינען שוין נאָך עטליכע יאָהר אויף דיעזער פינסטערער וועלט פאַר איהם? ער איז צו אַלט אום אָנצופאַנגען די מלחמה פון לעבען אויף דאָס ניי. אויסער דעם איז ער רואינירט. אָרימער, אַלטער מאַן! דערושעט איז געזעסען אין אַ שטוהל לעבען איהם, וויינענדיג און האַלטענדיג איינע פון לעטהיערס הענד אין איהרע. לעטהיער איז אָבער געווען גאַנץ אונבעוואוסט איבער דעם, ער האָט ניט געזעהן איהרע טרעהרען, און האָט ניט געפיהלט ווי זי האָט איהם געדריקט די האַנד. דער בליץ, וואָס איז אַראָבגעפאַלען אויף איהם האָט צודריקט כמעט יעדע ברעקעל לעבען אין איהם.

עס איז דאָ אַ טיפקייט אין אונגליק, וועלכען די מענשליכע סימפּטהיע קען גאָר ניט דערגייכען. די געשטאַלטען פון די וואָס בעוועגען זיך אַרום איך,

זעהען אוים ווי שאָטענס, זיי קומען צו אייך צו נאָהענט, און אייך דאַכט זיך, דאָס זיי זיינען זעהר ווייט פֿון אייך, ווען איהר ווערט אַריין געוואָרפֿען אין דעם אָבגרונד פֿון אַזאַ אונגליק, זעהט אייך אוים די אויסערע וועלט אַזוי ווי עטוואָס, וואָס איז גאַנץ ווייט פֿון אייך. איהר ווערט גאַנץ בלינד און אונוויסענד, דאָס עס זיינען דאָ נאָך בעשעפֿעניסע, וואָס לעבען אין איהר. אין אַזעלכע מאָמענטען גלויבט איהר קוים אַז איהר זייט פֿלייש און ביינער. דער לעבען זעהט אייך אוים צו זיין אַ פוסטער חלום. לעטהיערס פֿער־שטיינערטע און אויסדרוקלאָזע געזיכט האָט געצייגט דאָס ער האָט דערגרייכט יענע שטופֿע פֿון פֿערצווייפֿלונג. די מענשען אין צימער האָבען גערעדט שטילער־הייד צווישען זיך און האָבען איבערדערצעהלט איינער דעם אַנדערען די נייעס, וואָס זיי האָבען געהערט. די ידיעות זיינען געווען דיעזע:

„די דוראַנד האָט נעכטען אָווענד, אַ שטונדע איידער די זונן איז אונטער־געגאַנגען, זיך אָנגעשטויסען אויף די דאָווער־פֿעלזען אין אַ זעהר גרויסע פֿאָגע. די מאַטראָזען און די פּאַסאַזשירען זענען אַלע גערעטעט געוואָרען, נור דער קאַפּיטאַן האָט זיך ענטזאָגט צו פֿערלאָזען דאָס שיף. אַ שווערער שטורם האָט פֿעריאָגט דאָס שיפֿעל מיט די גערעטעטע פֿון די דוראַנד וויי־טער פֿון גערנסי. צו זייער גליק האָבען זיי זיך צוזאַמענגעטראָפֿען מיט די גרויסע שיף „קאַשעמיר“ אויף זייער וועג. אין דעם אונגליק איז געווען שול־דיג דער רודער־מאַן, דער שיכור'ר טאַנגראָל. קלובינס אויפֿפיהרונג איז געווען אַזעלכע וואָס מען קען ניט לויבען גענוג“.

אַלע זיינען געווען איינשטימיג אין דעם דאָס קלובין איז מעהר, ווי אַ געוועהנליכער מענש. און יעדער האָט געגלויבט, דאָס דער הימעל וועט ניט צולאָזען, ער זאָל שטאַרבען אויף אַזאַ שרעקליכען אופֿן.

די „שיף שאַלטיעל“ איז געקומען עטליכע שטונדען נאָך דער „קאַשעמיר“ און האָט געבראַכט די לעצטע נייעס. פֿאַר די לעצטע פֿיער און צוואַנציג שטונדען איז זי געווען אין די זעלבע וואַסערען, ווי די דוראַנד. זי האָט זיך אָבגעשטעלט, איידער די פֿאָגע איז אָנגעקומען. דער קאַפּיטאַן פֿון די „שאַלטיעל“ איז איצט געווען אין לעטהיערס הויז. ווען גיליאַט איז אָנגעקומען, האָט ער געענדיגט דערצעהלען זיין געשיכטע צו לעטהיער'ן. ער האָט אָט וואָס דערצעהלט: אין דער פֿריה, ווען דער ווינד איז אַביסעל שטילער געוואָרען, האָט ער געהערט דעם געשריי פֿון אָקסען אויף'ן ים. דאָס האָט איהם געמאַכט שטאַרק ערשטוינט. ער האָט אומגעדרייט זיין שיף אין די ריכטונג, פֿון וואַנען די געשרייען האָבען זיך געהערט. און ער האָט באַלד דערזעהן די דוראַנד, זיצענדיג פֿעסט אויף די דאָוורעס. ער האָט איהם געמאַכט סיגנאַלען, גערופֿען, אָבער דער גסיסה געשריי פֿון די פּיה

אין שיף איז געווען דער איינציגער ענטפֿער. ער איז געווען גאַנץ זיכער אַז קיינער אויסער די פֿיה איז ניט געווען אויף די דוראַנד. טראָץ דעם שטורם האָט די דוראַנד זיך נאָך גוט צוזאַמען געהאַלטען, און קלובין האָט זעהר לייכט געקאָנט דאָרט פֿערבלייבען די נאַכט. עס איז זיכער אַז קלובין איז ניט אַזאַ מענש, וואָס זאָל זיך לאָזען לייכט אַוועק שווינקען פֿון אַ כוואַליע און אַזוי ווי אויף דער דוראַנד איז ער ניט געווען, איז ער וואַהרשיינליך אויפֿגענומען געוואָרען פֿון איינע פֿון די פֿיעלע שיפֿען, וואָס קרייצען יענע וואַסערען. אַי, וואָרום האָט קלובין ניט געוואָלט געהן אין דעם קליינעם שיפֿעל צוזאַמען מיט זיינע מאַטראָזען? איז דער תירוץ, דאָס קלובין האָט ניט געוואָלט שטעלען אין געפֿאַהר דעם לעבען פֿון די מאַטראָזען און פּאַסאַזשי-רען, אַ מענש צו פֿיעל וואָלט געפֿעהרליך געווען פֿאַר אַזאַ קליינע שיפֿעל, און ער האָט בעסער ריזיקירט מיט זיין אייגענעם לעבען. אָבער נאָך דעם, ווי ער האָט זיין פֿליכט געטהאָן, האָט ער וואַהרשיינליך איין מינוט ניט געטראַכט, אויב ער זאָל ראַטעווען זיין אייגענעם לעבען, ווען דער צופֿאַל האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט דערצו. אַ מענש קען זיין אַ העלד, אָהנע צו זיין אַ נאַר, אַז אַ מאַן פֿון קלובין'ס כאַראַקטער זאָל בעגעהן זעלבסט מאָרד דאָס האָט זיך גאָר קיינעם ניט געקענט פֿאָרשטעלען, ווייל ערשטענס גלויבט דאָך קלובין אין גאָט: און צווייטענס איז ער דאָך אייגענטליך געווען אונשולדיג. אַלע האָבען מיט אונגעדולד געוואַרט אויף זיין צוריקקומען, כדי זיי זאָלען איהם קענען טראָגען אויף די הענד איבער'ן גאַנצען שטאָדט.

פֿון די ערצעהלונג אַלזאָ פֿון דעם קאַפּיטאַן פֿון דער „שאַלטיעל" האָבען צוויי זאַכען געשיינט צו זיין זיכער: קלובין איז געווען געראַטעט אין די דוראַנד פֿערלאָרען. וואָס אַנבעלאַנגט די דוראַנד, איז דאָ קיין אַנדער זאַך ניט געווען צו טאָהן ווי אָנצונעהמען דעם פֿאַקט. דער קאַפּיטאַן פֿון דער שאַלטיעל איז געווען דער עדות פֿון די לעצטע מאָמענטען פֿון די עזען חרבן. דער שאַרפֿער פֿעלז, אויף וועלכען די דוראַנד איז געווען אַזוי ווי צוגענעגעלט האָט איהר געהאַלטען פֿעסט די גאַנצע נאַכט. אָבער אין דער פֿריה האָט אַ שטאַרקע חוואַליע איהר אויפֿגעהויבען פֿון פֿעלז און מיט ד שנעלקייט פֿון אַ פֿייל פֿון בויגען האָט ער די דוראַנד אַ שליידער געטהאָן געגען די פֿעלזען. „אַ העלישער קלאַפּ האָט זיך געהערט" האָט דער קאַפּי-טאַן דערציילט, די דוראַנד, אויפֿגעהובען צו אַ געוויסע הויכקייט איז אַריין געשליידערט געוואָרען צווישען די פֿעלזען, און איז ווידער געבליבען פֿעסט. אָבער פֿיעל פֿעסטער ווי אויף דעם פֿעלז אונטערן וואַסער, זי איז דאָרט פֿערבליבען הענגענדיג אין דער לופֿטען, אָפֿען פֿאַר יעדען ווינד און יעדע בוואַליע.

די דוראַנד, נאָך די ערצעהלונג פֿון די מאַטראָזען פֿון שאַלטיעל איז שוין געווען דריי פֿערטעל צובראָכען. זי וואָלט צושמעטערט געוואָרען נאָך ביי נאַכט, ווען די פֿעלזען וואָלטען איהר ניט צוזאַמענגעהאַלטען. דער קאַפּיטאַן האָט איהר גוט בעטראַכט דורך זיין טעלעסקאָפּ. און מיט אַלע איינצעלהייטען האָט ער געגעבען אַ פֿולע ערקלעהרונג פֿון דעם אונגליק, וואָס האָט פּאַסירט. ער האָט געענדיגט, דאָס אין עטליכע טעג שפּעטער וועלען דער ווינד און די חוואַליעס קיין פּיצעל ניט איבערלאָזען פֿון דעם קערפּער פֿון דער דוראַנד.

פֿון די אַלע ערצעהלונגען האָט זיך אַרויסגעשטעלט קלאָהר דער פֿאַקט, אַז דער אינדזשען פֿון שיף איז ניט געשעדיגט געוואָרען אויף אַ האָר. אַזוי איז געווען די איבערצייגונג פֿון דעם קאַפּיטאַן און פֿון אַלע אַנדערע. שטו־פּענווייז איז די מאַשינעריע פֿון דער דוראַנד געוואָרען די זאַך, וואָס האָט בעשעפֿטיגט אַלעמענס געדאַנקען.

אין דער אמת׳ן, די אינדזשענס זיינען דאָך געווען דער וויכטיגסטער טהייל פֿון שיף. צו רעטען די דוראַנד איז שוין איצט אונמעגליך אָבער די מאַשינעריע, קען דאָך נאָך פֿיליכט גערעטעט ווערען. דיזע אינדזשענס זיינען געווען זעהר טהייער, אויפֿצובויען אַנדערע, עהנליכע, האָט געפֿעהלט געלד, צו געפֿינען דעם מעכאַניקער, וואָס זאָל אונטערנעהמען דיזע אַרבייט, איז געווען נאָך שווערער; מען האָט געוואוסט, אַז דער וואָס האָט געמאַכט דיזע אינדזשענס איז שוין געשטאָרבען, די אינדזשענס האָבען געקאָסט פֿערציג טויזנד פֿראַנק.

רעטען די מאַשינעריע! לייכט צו זאָגען עס, אָבער ווער וועט זיך אונ־טערנעהמען דאָס אויסצופֿיהרען? און איז עס גאָר מעגליך? אום צו רעטען די אינדזשענס, מוז אַ מענש אַוועק צו די דאָווער, בלייבען אַליין אין מיטען ים, אַליין אין יענער וויסטע, אַליין פֿינף מייל וויט פֿון ברעג, אַליין אין יענעם פּלאַץ פֿון שרעקענס פּאַר וואָכען לאַנג. און אויסער דעם, ווי איז עס גאָר מעגליך אַרויסצושלעפּען פֿון דעם צובראָכענעם שיף דעם אינדזשען? דערצו דאַרף מען האָבען ניט נור אַ גוטען מאַטראָז נאָר אויך אַן אויסגע־צייכענטען אינדזשינער. און וואָס פֿאַר אַ שוועריגקייטען ער מוז ערוואַרטען! דער מאַן, וואָס זאָל זיך נעהמען אויספֿיהרען אַזאַ אויפֿגאַבע, מוז זיין מעהר ווי אַ העלד. ער מוז זיין אַ משוגע׳נער. און נאָך אַלעמען, וואַרום זאָל אַ מענש זיך אויפֿאָפּפֿערען פֿאַר אַ מאַסע פֿאַראָסטעטע אייזען? ניין, עס איז זיכער, אַז עס איז ניטאָ אַזאַ מענש, וואָס זאָל וועלען און קענען דאָס אויס־פֿיהרען. דער אינדזשען מוז דאָרט בלייבען, ווי די גאַנצע שיף.

איבער דיזעס און אַנדערעס האָבען די מענשען אין צימער צווישען זיך גערעדט.

ניין! „עס איז אַלעס פֿערביי! דער מאַן איז נאָך ניט געבוירען געוואָרען, וואָס זאָל קענען דאָס אויספֿיהרען.״ האָט דער קאַפּיטאַן טרויעריג בעמערקט, און ווען ער וואָלט געווען—.

דערושעט האָט מיט אַמאָל זיך אומגעדרעהט מיט'ן קאָפּ צום קאַפּיטאַן און זי האָט געזאָגט גאַנץ אונשולדיג:

„וואָלט געווען אַזאַ מאַן, וואָלט איך געוואָרען זיין פֿרוי.״

אַלע זיינען שטיל געוואָרען אויף אַ רגע. אַ מאַן איז אַרויסגעטראָטען אין פֿראָנט פֿון אַלע אַנוועזענדע און שטעהענדיג געגען דערושעט בלייך און פֿול אַנגסט, האָט ער געזאָגט:

„וואָלט איהר מאַקי געוואָרען זיין פֿרוי, פֿריילין דערושעט?״

דאָס איז געווען גיליאַט.

אַלעמענס אויגען זיינען געווען געווענדעט אויף איהם.

לעטהיערס אויגען האָבען אויפֿגעבליצט מיט אַ מאָדנעם גלאַנץ, ער האָט אַראָבגענומען זיין מאַטראָזען היטעל, האָט איהר אַ וואָרף געטהאָן דער ערד. און אָהנע צו זעהן אירגענד וועמען פֿון די אַנוועזענדע, האָט אויסגעשריען:

„דערושעט זאָל זיין זיינע איך גיב מיין וואָרט דערצו, אין גאָטס נאָמען.״

II.

אויף מאָרגען ביי נאַכט, נאָך דעם טאָג פֿון די פֿיעלע בעגעבענהייטען, וועלכע מיר האָבען ערצעהלט אין דעם פֿאָריגען קאַפּיטעל, האָט אַ פֿישער־מאַן בעמערקט אַ שיפֿעל מיט אַ מענשען, שווימענדיג אויף'ן וואַסער. דער מאַן איז געוואָרען שטאַרק ערשטוינט: וואָס האָט דער מענש איצט צו טאָהן אויף'ן וואַסער? פֿיש כאַפּען קען ער ניט, ווייל ביי טאָג האָט דאָך אַ האָן געקרייט, און ווער געהט עס חאַפּען פֿיש, ווען אַ האָן קרייט, אַזוי האָט זיך דער פֿישערמאַן געהאַלטען אין איין וואונדערן, ניט קענענדיג פֿאַרשטעהן, ווער קען עס דאָרט זיין דער מענש, און וועמעס שיף איז דאָס; דאָסזעלבע שיפֿעל האָבען נאָך אַנדערע מענשען געזעהן אין פֿערשיעדענע פלעצער און זיינען געווען שטאַרק ערשטוינט דאַריבער.

די זעלבע נאַכט, נאָכדעם, ווי די זון איז אונטערגעגאַנגען, האָט אימיצער אָנגעקלאָפּט אין טהיר פֿון די הויז, וואו גיליאַט האָט געלעבט. דער, וואָס האָט געוואָלט אַריינגעהן, איז געווען אַ יונגער אינגעל, אָנגע־

טאָהן אין אַ ברוינעם ראָק, אין געלע זאָקען, וואָס האָט געצייגט דאָס ער האָט געהערט צו די דאָרף שול. אַן אַלטע פֿרוי, וועלכע האָט געקליבען אויף'ן ברעג פֿון ים פֿאַרשידענס, וואָס דער ים וואַרפֿט אַרויס, האָט איהם צוגערופֿען, און דער פֿאָלגענדער געשפּרעך איז צווישען זיי פֿאָרגעקומען:

— וועמען דאַרפֿסטו, מיין יונג?

— דעם מאַן, וואָס לעבט דאָ.

— ער איז ניט אין דער היים.

— וואו איז ער?

— ווייס איך ניט.

— וועט ער דאָ מאָרגען זיין?

— ווייס איך ניט.

— איז ער וואו אַוועק?

— ווייס איך ניט.

— וויל פֿערשטעהסט איהר, מוטער, דער פּריסטער, דער רעווערענד עבענעזער וויל איהם אָבשטאַטען אַ בעזוך.

— איך ווייס ניט.

— דער רעווערענד האָט מיר געשיקט אָהער צו פֿרעגען, אויב דער מאַן וואָס לעבט דאָ, וועט זיין אין דער היים מאָרגען פֿריה?

— איך ווייס ניט.

III.

ווערענד די פֿאָלגענדע פֿיער און צוואַנציג שטונדען האָט לעטהיער ניט געגעסען, ניט געטרונקען און ניט געשלאָפֿען. ער האָט געקושט דערושעט, האָט געפֿרעגט וועגען קלובין, איבער וועמען עס זיינען נאָך קיינע ידיעות אָנגעקומען, האָט אונטערגעשריבען אַן ערקלערונג, אַז ער האָט צו קיינעם ניט, און האָט אויסגעווירקט, אַז טאַנגראָל זאָל אַרויסגע־לאָזען ווערען פֿריי. יענעם גאַנצען טאָג, ווי אויך דעם נעקסטען, איז ער געבליבען אָנגעשפּאַרט אויף'ן טיש, ענטפֿערענדיג גור, ווען מען האָט צו איהם גערעדט. די נייגיערדע פֿון פּובליקום איז שוין בעפֿרידיגט געוואָרען און איינזאַמקייט האָט געהערשט אין די הויז פֿון לעטהיער. די טהיר פֿון הויז איז געווען איצט צוגעמאַכט, און לעטהיער איז פֿערבליבען אַליין מיט דערושעט. דער קורצער גלאַנץ, וואָס פֿלעגט אויפֿבליצען אין לעטהיערס אויג, איז איצט אין גאַנצען אויסגעלאָשען געוואָרען. און דער שלייער פֿון אַ טיעפֿער מעלאַנכאָליע האָט זיך אָנגעטהאָן אויף זיין גאַנצען פּנים.

דערוישעט איז געווען שרעקליך אונרוהיג איבער איהם, און האַנדלענ־דיג נאָך די עצה פֿון איהרע דינסטמיידלעך, האָט זי אַוועקגעלייגט ביי איהם אויף׳ן טיש די פּאָר זאָקען, וועלכע ער האָט אָנגעהויבען צו שטרי־קען, איידער ער האָט געהערט פֿון די שרעקליכע נייעס.

ווען ער האָט דאָס בעמערקט, האָט ער געשמייכעלט צו זיך זעלבסט און האָט געמורמעלט, „האַלטען זיי מיך דען פֿאַר משוגע?"

נאָך אַ פֿערטעל שטונדע שטיל שווייגען האָט ער צוגעלייגט, „ווען מען פֿיהלט זיך גליקליך, איז אַ זאָק שטריקען זעהר אַנגענעהם".

דערוישעט האָט באַלד אַוועקגענומען די זאָקען און האָט זיך אויך שוין בענוצט מיט די געלעגענהייט צו פֿערבעהאַלטען דעם קאָמפּאַס מיט די פּאַפּירען פֿון שיף, אויף וועלכע, זי האָט געמיינט, לעטהיער קוקט צו פֿיעל.

נאָך מיטאָג, עטוואָס פֿאַר טהעע־צייט, האָט זיך געעפֿענט די טהיר און צוויי מענער, אָנגעקליידט אין שוואַרצען, זיינען אַריין אין צימער. איינער איז געווען אַלט, דער אַנדערער יונג. דער נאָמען פֿון דעם אינגערן איז שוין דערמאָנט געוואָרען אין אונזער ערצעהלונג.ביידע זיינען זיי געווען פּריסטער.

דער אינגערער, זייענדיג שוין אַ פּריסטער, האָט געמוזט אַלט זיין ניט ווייניגער פֿון 25, אויסגעזעהען האָט ער צו זיין ניט מעהר ווי 18. ער איז געווען זעהר שעהן. זיינע באַקען זיינען געווען אַזוי ראָזיג, ווי פֿון אַ יונגע מיידעל און אין זיין איינפֿאַכען אָנצוג איז זיין פֿיגור געווען דעלי־קאַט און עלעגאַנט.

דער עלטערער פּריסטער איז ניט געווען קיין אַנדערער, ווי דער אַלטער פּריסטער העראָד, וואָס האָט פֿערלאָזען איצט זיין אַלטען פּלאַץ, אום צו פֿערנעהמען אַ העכערע שטעלע.

לעטהיער איז געווען אַזוי פֿערגראָבען אין זיינע געדאַנקען, דאָס ער האָט גאָר ניט בעמערקט די צוויי מענשען אַריינקומענדיג. דער פּריסטער העראָד איז צו איהם צוגעגאַנגען, האָט זיך פֿאַר איהם פֿערנייגט און אין איניגע ווערטער האָט ער איהם ערקלעהרט, דאָס ווי עס פֿיהרט זיך, איז ער געקומען צו איהם פֿאָרצושטעלען דעם נייעם פּריסטער, וואָס פֿער־נעהמט זיין פּלאַץ.

דערוישעט האָט זיך אויפֿגעהויבען פֿון איהר פּלאַץ, אַזוי האָט אויך געטהאָן רעווערענד עבענעזער, לעטהיער האָט געקוקט אויף דעם נייעם פּריסטער און האָט געמורמעלט: אַ שלעכטער מאַטראָז.

די דינסטמיידעל האָט אַריינגעבראַכט צוויי שטולען, און די צוויי הייליגע האָבען זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש.

דאַן האָט דער אַלטער פּריסטער אָנגעהויבען צו ריידען.

ער האָט געהערט פון דעם אונגליק, און אַלס פּריסטער איז ער געקומען צו געבען טרייסט און ראַטה. דער אונגליק איז טאַקי אַ גרויסער, דאָך האָפט ער, אַז ער וועט ברייגנען גוטעס אין אַנדערע היגזיכטען; לאָמיר נור גוט אונטערזוכען אונזערע אייגענע הערצער: זיינען מיר דען ניט אָפּט צופיעל בעשעפטיגט מיט וועלטליכע זאַכען? צו געניסען גליק צו לאַנג איז געפעהרליך. מיר טאָרען ניט דענקען אַז יעדער אונגליק איז שלעכט, די וועגען פון גאָט זיינען געהיימניספאָל. מעגליך, אַז הערר לעטהיער איז רואינירט, אָבער וואָס איז דאָ אַזאַ געפאַהר? צו זיין רייך איז אָפּט אַ גרויסע סכנה פאַר די נשמה, עס איז דאָ אַזעלכע זאַכען, ווי פאַלשע פריינד. אָרעמקייט פערטרייבט זיי. מען זאָגט, אַז די דוראַנד האָט איינגעבראַכט אַ טויזענד פונט אַ יאָהר, דאָס איז אַ גרויסע סומע געלד. לאָמיר אויסמיידען דעם נסיון, לאָמיר פערראַכטען גאָלד, און אָננעהמען פאַר גוט די אָרימקייט, וואָס גאָט שיקט אונז. אָבגעזונדערטקייט ברענגט גוטע פרוכט — דורך דעם קריגט מען חן ביי גאָט, דעם אַלמעכטיגען. לאָמיר ניט רעבעלירען געגען די אונפערשטענדליכע וועגען פון גאָט. ווער קען זאָגען, אויב דער פערלוסט פון די דוראַנד, וועט ניט ברייגנען אַ בעלוינונג און זאָגאַר נאָך אויף דיזער וועלט? אפילו ער, דאָקטאָר הערד, האָט אַריינגעלייגט זיין געלד אין אויסגעצייכענטע אונטערנעהמונג, וואָס האַלט אין גאַנג אין שפּילה. אויב הערר לעטהיער וואָלט זיין איבערגעבליבענעם קאַפּיטאַל אַריינגלייגען אין דעם זעלבען געשעפט, קען ער נאָך ווידער רייך ווערען.

זאָל ער זיך בענוצען זיין געלד פאַר אַ געשעפט אין די פעראייניגטע שטאַאַטען. אויב ער וויל ווערען רייך, דאַרף ער נור נעהמען אַקציעס פון אַ גרויסע קאָמפּאַני, וואָס האָט זיך געבילדעט, אום צו ענטוויקלען די פּלאַנטאַציעס אין טעקסאַס, וואו עס זיינען בעשעפטיגט מעהר, ווי 20 טויזענד ניגערס.

„איך וויל ניט האָבען צו טהאָן מיט שקלאַפעריי", האָט לעטהיער געענטפערט.

„שקלאַפעריי איז אַן איינריכטונג פון גאָט", האָט דער פּריסטער געענטפערט. שטעהט דען ניט געשריבען: „אויב אַ מענש וועט שלאָגען זיין שקלאַף, זאָל ער בלייבען אונבעשטראָפט, ווייל דער שקלאַף איז זיין געלד?

די דינסטמיידלעך, שטעהענדיג אויף'ן שוועל האָבען געשלונגען יעדען וואָרט, וואָס דער פּריסטער האָט געזאָגט. דער רעוועערענד הערד האָט

זוייטער גערעדט. ער איז אין דער אמת'ן געווען אַ גאַנץ גוטער מענש, און ווי ער איז געווען געגען לעטהיערס אַנזיכטען, דאָך איז ער געקומען צו איהם מיינענדיג ערנסט צו ברייגגען איהם טרייסט און ראַטה. ער האָט איהם געפֿרעגט, אויב ער איז טאַקי אַזוי רואינירט. אויב ער וועט ניט אָננעהמען אַ גוט בעצאָהלטע שטעלע פֿון דער רעגירונג, ער ווייס, אַז אַ שטעלע איז איצט לעדיג אין דושערסי, ער וועט זיך סטאַרען, אַז לעטהיער זאָל קריגען דיעזע שטעלע.

לעטהיער האָט אַנגעשטעלט זיינע אויגען אויף דאָקטאָר העראָד, און האָט געענטפֿערט: „איך האָב ניט ליעב די מלאכה פֿון הענגען אימיצען".

— הערר לעטהיער! די טויט שטראָפֿע איז אַ באַפֿעהל פֿון גאָט; איז דען ניט געשריעבען „אַן אויג פֿאַר אַן אויג און אַ צאָהן פֿאַר אַ צאָהן?"

דער רעווערענד עבענעזער האָט זיך צוגערוקט צו רעווערענד העראָד און האָט איהם געזאָגט גאַנץ שטיל: „וואָס דיעזער מאַן זאָגט, ווערט איהם דיקטירט".

„דיקטירט פֿון וואַנען? פֿון וואָס?" האָט דער אַלטער גלה געפֿרעגט ביים יונגען.

עבענעזער האָט געענטפֿערט ווידער זעהר שטיל: „פֿון זיין געוויסען!"

דער רעווערענד העראָד האָט זיך אַ טאַפּ געטאָן ביין קעשענע, האָט פֿון דאָרט אַרויסגעצויגען אַ דיקען בוך, און האָט געזאָגט אין אַ הויכע שטימע:

„דאָ איז דער געוויסען!"

דאָס איז געווען די ביבעל.

דאַן האָט ער זיך ווידער געווענדעט צו לעטהיער און האָט געזאָגט:

— הערר לעטהיער, לאָמיר זיך ניט צושיידען, ניט האָבענדיג פֿריהער געלעזען איינינע זייטען פֿון דיעזען בוך. דיעזער בוך איז איבערהויפּט גוט פֿאַר די, וואָס זיינען אין אונגליק. מיר געפֿינען אין דעם הייליגען בוך ווערטער, וואָס וועלען טרייסטען יעדען אונגליקליכען. לאָמיר עפֿענען דעם הייליגען בוך וואו ניט איז, און לייענען מיט גלויבען די שטעלע, וואָס האָט זיך אונז אויפֿגעעפֿענט. וואָס דער מענש קלייבט ניט אויס, דאָס קלייבט אויס גאָט פֿאַר איהם. גאָט ווייסט וואָס איז אַם בעסטען פֿיר אונז. זיין פֿינגער, אונזיכטבאַר פֿאַר אונז, דייטעט אָן די שטעלע, אויף וועלכע אונזער בליק שטעלט זיך אָב, וואָס פֿאַר אַ שטעלע עס זאָל ניט זיין, זי מוז אונז אונפֿערמיידליך בריינגען טרייסט און אַ ראַטה. לאָמיר ניט זוכען קיין אַנדער זאַך אויסער דאָס, וואָס מיר געפֿינען! הערר לעטהיער,

איהר זיינט אין טרויער, דאָס איז דער בוך פון טרייסט. אייער נשמה ליידעט, דאָס איז דער בוך, וואָס וועט איהר געזונד מאַכען.

דער רעוועררענד הערראָד האָט אויפגעעפענט דעם בוך, און האָט אָנגעהויבען לייענען אין אַן איינדרוקספאָלע שטימע:

„און רבקה האָט געזעהען יצחק און לאה און האָט געזאָגט, ווער איז דער מאַן, וואָס קומט מיר אַנטקעגען?"

„דאַן האָט איהר יצחק געבראַכט אין זיין געצעלט, און האָט איהר גענומען פאַר זיין ווייב, און די ליעבע, וואָס ער האָט געהאַט צו איהר איז געוועזן גרויס."

די אויגען פון עבענעזער און דערושעט האָבען זיך בעגעגענט.

צווייטער טהייל.

I.

די שיפּעל, וועלכע פֿאַרשידענע מענשען האָבען בעמערקט שווימענדיג ביי נאַכט אויף'ן ים, איז ווי דער לעזער האָט שוין וואַהרשיינליך אַליין געטראָפֿען געוועזען גיליאַטס. ער האָט אויסגעקליבען דעם קאַנאַל-וועג צווישען די פֿעלזען. דיזער וועג איז געוועזען דער געפֿעהרליכסטער, אָבער דערפֿאַר אויך דער קירצעסטער. זיין איינציגער געדאַנק איז געוועזען צו קומען אַהין וואָס גיכער. דער ים איז אַ שרעקליכער בעל חוב. פֿערזאַמען זיך איין שטונדע קען זיין געפֿעהרליך. זיין אַנגסט איז געוועזען צו זיין ביי די דאָווערס וואָס שנעלער אום צו רעטען די מאַשינעריע פֿון די פֿער-אונגליקטע דוראַנד.

ווען עס האָט אָנגעהויבען טאָג ווערען, האָט מען געקענט זעהן אויף איינעם פֿון די געפֿעהרליכסטע און איינזאַמסטע פלעצער פֿון ים צוויי זאַכען, די ווייטקייט צווישען וועלכע איז געוואָרען אַלץ קלענער, ווייל איינע האָט זיך אַלץ דערנעהנט צו די צווייטע. איין זאַך, וועלכע מען האָט געקענט קוים בעמערקען אין די ברייטע בעוועגונג פֿון וואַסער, איז געוועזען גיליאַטס באַרקע, די אַנדערע זאַך איז געוועזען איבערן וואַסער — אַ פֿירכטערליכע און אין דער זעלבער צייט אַ גרויסאַרטיגע געשטאַלט, צוויי הויכע זיילען, אַרויסקומעניג פֿון ים האָבען געהאַט צווישען זיך עטוואָס, וואָס האָט געדינט ווי אַ בריק.

דיזע צוויי הויכע זיילען זיינען עס געוועזען די דאָווער פֿעלזען. די גרויסע מאַסע, וואָס איז געוועזען צווישען זיי, איז געוועזען די פֿעראונגליקטע דוראַנד.

גיליאַט איז געוועזען אָנגעטהאָן ווי אַ מאַטראָז. ער האָט דערקענט די דאָווערס און האָט געראודערט זיין באַרקע גלייך צו זיי. די לאַגע פֿון די

דוראַנד איז געווען פונקט פאַרקעהרט צו די לאַגע פון אַ שיף, וואָס געהט אונטער; די דוראַנד איז געהאַנגען אין דער לופטען.

עס איז שוין געווען העלער טאָג, ווען גיליאַט איז אָנגעקומען אין די וואַסערען אַרום דעם פעלז. ער האָט עטליכע מאל געמאָסטען די טיפקייט, ער האָט געבראַכט מיט זיך פאַרשידענע זאַכען, וועלכע ער האָט גערעכענט אויסצולאָדען.

זייענדיג געוואָהנט צו זיין אַוועק פון דער היים פאַר אַ לענגערע צייט, האָט ער אימער געהאַט געוויסע נייטיגע זאַכען אָנגעגרייט. ער האָט מיט זיך געבראַכט אַ זאַק ביסקוויטס, אַ באַסקעט געזאַלצענע פיש, גערויכערטע פלייש, און אַ גרויסען קאַן מיט פרישע וואַסער. אין אַ נאָרוועגישען קאַסטען, געפאַרבט מיט בלומען, האָט ער געהאַט פערפאַקט איינינע וואָלענע העמדער, זיינע אייבער הויזען, וואָס זיינען געווען וואָטער פרוף, און אַ שעפסען פעל, וועלכען ער איז געווען געוואוינט ביי נאַכט אַ וואָרף צו טהאָן איבער זיינע זאַכען. ווען ער האָט פערלאָזען זיין הויז, האָט ער דיזע אַלע זאַכען אין איילעניש אַריינגעוואָרפען אין באַרקע און נאָך אַ גרויסען ברויט דערצו. אין זיין איילענעש האָט ער ניט גענומען מיט זיך קיין אַנדער זאַך, ווי נור זיין גרויסען שמיד האַמער, זיין האַק און אַ שטריק מיט קנופען. האָבענדיג צו דיזען שטריק אַזאַ פערטשעפונג אייזען, קען מען מיט איהם אַרויפקלעטערן אויף די שפיציגסטע און העכסטע פעלזען; נאַטירליך, קען עס נור טהאָן אַ געניטער און שטאַרקער מאַטראָז.

ווען גיליאַט איז צוגעקומען מיט זיין שיפעל צום גרויסען פעלז, איז דאָס וואַסער געווען צוריק געפאַלען — אַ אומשטאַנד, וואָס איז געווען זעהר גינסטיג פאַר זיין צוועק. דער אַוועקגעהענדער פלוס האָט איבערגע-לאָזען נאַקעט פיעלע אויסהויילונגען פעלז פון די דאָווערס, וועלכע ווערען פערשוואונדען אונטערן וואַסער ווען דער ים הויבט זיך אויף. ער איז צוגעקומען צו אַ פלאַץ, וואָס איז געווען פונקט אונטער די דוראַנד. די דוראַנד איז געהאַלטען געוואָרען צווישען די צוויי פעלזען, ווי אין אַ צוואַנג.

דיזע אויסהוילונגען זיינען איהם איצט גאַנץ גוט צו נוץ געקומען, אום צו קומען נאָהענט און בעטראַכטען גוט די לאַגע. דאָרט האָט ער אויך דערוויל אויסגעלאָדען די מיטגעבראַכטע זאַכען. אָבער ער האָט זיך געמוזט צואיילען, וויל די אויסהוילונגען, דיזע נאַטירליכע שאַפקעס און פלאַטפאָרמען אין פעלז, זיינען נור איבערן וואַסער פאַר עטליכע שטונדען.

אַ געדיכטע מאַסע פון נאַסע און גליטשיקע ים גראָז האָט בעדעקט

דיעזע פּלאַטפאָרמען, זיי זיינען געווען דעסטאָ גליטשיגער ווייל זיי זיינען געווען אַביסעל משפּוע'דיג. גיליאַט האָט אויסגעטהאָן זיינע שיך, און מיט נאַקעטע פיס איז ער אַרויפגעשפּרונגען אויף די גליטשיקע נאַסקייט, פאַרפעסטיגענדיג זיין שיף לעבען אַ שפּיץ פון דעם פעלז.

דאַן איז ער צוגעגאַנגען צו דעם פלאַץ, וואָס איז געווען אונטער די דוראַנד און האָט איהר גוט בעטראַכט. צווישען די פעלזען איז נור געווען אַ טהייל פון דער דוראַנד. די שיף, אויפגעכאַפּט פון די חוואַליעס, איז, ווי מען זאָגט, אַרויסגעריסען געוואָרען מיט'ן וואָרצעל פון וואַסער. דער שטורם ווינד אַרויסרייסענדיג איהר פון די קלויען פון די חוואַליעס, האָט איהר צובראָכען אויף דער העלפט; איין העלפט איז צוריק אַריינגעפאַלען אין וואַסער, און די אַנדערע העלפט, וואו די מאַשינערי איז געווען, האָט דער שטורם מיט זיין שרעקליכע קראַפט אַריינגעשליידערט צווישען די צוויי פעלזען. די צוויי פעלזען מיט די דוראַנד אין מיטען האָבען, איצט אויסגעזעהן ווי דער בוכשטאַב H.

פיעלעס פון דער פאָדערסטער זייט איז נאָך געהאַנגען ווי עס איז אויף דעם טהייל וואָס איז געבליבען צווישען די פעלזען. גיליאַט האָט אויפמערקזאַם אַלעס בעטראַכט. דער דעק פון שיף איז געווען איצט ווי אַ דאַך איבער זיין קאָפּ.

האָבענדיג אַלעס בעטראַכט נענוי האָט גיליאַט זיך שנעל צוריק געקערט צו זיין שיפעל, האָט אַרויסגעלייגט זיינע זאַכען אין איינע פון די טיפסטע אויסהוילונגען פון פעלז, מאַכענדיג פון אַלע זאַכען איין פעקעל. דאַן האָט ער אָנגעהויבען קלעטערן איבער'ן פעלז, ביז ער האָט זיך געפונען אויף די זעלבע הויך מיט דער האַלבער שיף, גאַנץ הויך אין דער לופטען.

דאָס אינוועניגסטע פון די דוראַנד האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ שרעקליך טרויעריגען אַנבליק. אַלעס האָט דאָרט אויסגעזעהן, ווי די וואונד פון אַ מענשען, וואָס איז צושניטען אויף דער העלפט: די פערשיעדענע זאַכען, וואָס זיינען אַרויס געהאַנגען פון איהר האָבען געהאַט אַן עהנליכקייט מיט די אינגעווייט פון אַ קערפער. אַלעס, וואָס איז ניט געווען צובראָכען, איז געווען צוואָרפען און ניט אויף'ן פלאַץ.

גיליאַט האָט ניט ערוואַרטעט צו געפינען נור אַ טהייל פון שיף. פון די בעשרייבונג פון דעם קאַפּיטאַן פון די „שאַלטיעל" וועלכע איז געווען אַזוי ריכטיג אין אַלע אַנדערע פרטים, האָט ער ניט גערעכט זיך צו געפינען בלויז אַ האַלבע שיף. עס איז געווען, וואַהרשיינליך, דאָס דער „טייווילשער קלאַפּ", וועלכען דער קאַפּיטאַן האָט געהערט האָט עס פּאַסירט דאַן, ווען דער

שטורם האָט צוריסען די שיף אין צוויי. אַלעס איז געווען צושטאָכען און צובראָכען, נור דער אינדזשין איז געבליבען גאַנץ. איינינגע שרייפלעך בלויז האָבען געפעהלט.

די דוראַנד איז אַלזאָ געווען געפאַנגען פון די דאָווערס. ווי אַזוי האָט זי פון דאָרט געקאָנט אַרויסגעשלעפּט ווערען? ווי אַזוי האָט זי געקאָנט בעפרייט ווערען פון איהר געפאַנגענשאַפט? עס איז שווער פאַר איינעם, וואָס זיצט אין געפענגנים, צו אַנטלויפען פון דאָרט, ווי פיעל שווערער מוז עס זיין צו בעפרהייען אַזאַ שווערע אייזערנע מאַסע, ווי אַן אינדזשין און ניט צושעדיגען איהם?

גיליאַט איז געווען געדריקט פון אַלע זייטען פון די פאָדערונג אויף אַרבייט. די הויפּטזאַך איז אָבער געווען פריהער צו געפינען אַ זיכערען פלאַץ פאַר זיין שיף און דאַן אַ פלאַץ פאַר זיך.

אויסער דעם אינדזשען איז אויך נאָך געבליבען אונבעשעדיגט דער קאַפּסטאַן, אַ מאַשין, וועלכע ווערט געברויכט אום אַרויפצוציהען און אַרונטערצולאָזען פערשיעדענע זאַכען אויף'ן שיף.

דאָס אַלעס האָט גיליאַט זעהר אויפמערקזאַם בעטראַכט און אין זיין קאָפּ איז שוין געבאָרען געוואָרען אַן אידעע, ווי אַזוי ער קען דעם געפאַנגענעם אינדזשין אַרויסראַטעווען. אָבער פון אַן אידעע ביז צו איהר פערווירקליכונג איז אַ גאָר ווייטער שריט, און מען קען זיך קוים פאָרשטעלען די אַלע שרעקליכע ליידען און יסורים, וועלכע גיליאַט האָט געמוזט אויסשטעהן, ביז איהם איז געלונגען זיין פּלאַן אויסצופיהרען.

פריהער פון אַלץ, ווי שוין געזאָגט, האָט ער געמוזט געפינען אַ פּלאַץ פאַר זיין באַרקע און זיך. ער האָט איהר ניט געקאָנט לאָזען שטעהן אין דעם ברוויזענדען ים לעבען אַ פעלז פאַר אַ לאַנגע צייט. זי וואָלט געוויס געוואָרען צובראָכען און צושמעטערט פון די חוואַליעס און אָן די פעלזען, נאָך איידער דער אינדזשען וואָלט געווען געראַטעוועט. אַלעס וואָלט דאַן געווען פערלאָרען. נאָך לאַנגען זוכען, איז גיליאַט'ן געלונגען צווישען די פעלזען אויסצוגעפינען אַ קליין טייכעל, וואו דאָס וואַסער האָט געפלאָסען רוהיג. ער האָט גלייך דיעזען פּלאַץ געמאַכט פאַר זיין שיפס־קוואַרטיר. און נון, דאָס אויסגעפינענדיג, האָט ער געמוזט זעהן אַ פּלאַץ פאַר זיך.

צו מאַכען זיין קוואַרטיר אין זיין אייגענע שיף האָט ער ניט געקענט, וויל ער וואָלט דאַן געווען צו ווייט פון די דוראַנד, און דער צוקומען צו איהר וואָלט איהם יעדעס מאָל אויסגעקומען גאַנץ שווערליך. ער האָט דאַרום גלייך אויפגעגעבען די אידעע פון איינצוקוואַרטירען זיך אין זיין

איינגענע שיף. דאַן איז ביי איהם געווען די פֿראַגע, אויב די דוראַנד אַליין וואָלט איהם ניט געקאָנט דיענען אַלס אַ וואוינונגס־פּלאַץ. ער איז דאַרום נאָך אַמאָל אַרויף צו דער דוראַנד, האָט נאָך אַמאָל איהר גענוי בעטראַכט, און האָט אויסגעפֿונען, אַז זי שאָקעלט זיך אונטער זיינע פֿיס, דאָס יעדער בלאָז פֿון ווינד איז פֿאַר איהר געפֿעהרליך. ער האָט איינגעזעהן, דאָס זיין איינציגער טשאַנס צו ראַטעווען דעם אינדזשען, בעשטעהט אין דעם, ער זאָל די דוראַנד מאַכען וואָס לייכטער. צו בלייבען שלאָפֿען אויף די דוראַנד וואָלט געהייסען צו ברייננגען די דוראַנד און זיך אין געפֿאַהר, דאָס אין איין שעהנע נאַכט זאָלען זיי ביידע צושמעטערט ווערען אויף שטיקער.

אַלזאָ אויב ניט די דוראַנד, וואו קען ער אַלזאָ דאָך געפֿינען אַ פּלאַץ, וואו ער זאָל קענען געפֿינען זיין אָברוה פֿון זיין טאָג שווערע אַרבייט? שטעהענדיג אַזוי און טראַכטענדיג אויף דעם קלענערען פֿעלז פֿון די דאָ־ווערם איז זיין בליק געפֿאַלען אויף דעם שפּיץ פֿון דעם העכסטען פֿעלז. דאָרט האָט ער בעמערקט עטוואָס, ווי אַן אויסגעהוילטע פּלאַטפֿאָרמע. און גאָר ניט לאַנג טראַכטענדיג האָט ער באַלד בעשלאָסען, אַז ער מוז דאָרט זיין, אום צו זעהען אויב ער קען דאָרט פֿילייכט ניט געפֿינען אַ רוהע פּלאַץ פֿאַר זיך. מיט זיין גאַנצער קראַפֿט האָט ער אַ וואָרף געטהאָן דעם שטריק מיט די קנופּען, איין עק פֿון וועלכען ער האָט געהאַלטען ארומגעבונדען אַרום זיך.

דעם ערשטען מאָל האָט דער אייזען האַקען פֿון שטריק זיך אָן גאָר ניט פֿערטשעפּעט, און די שטריק איז צוריק אַראָבגעפֿאַלען. ער האָט אַ וואָרף געטהאָן די שטריק אַ צווייטען מאָל און דיעזעס מאָל שוין מיט אַ ביסעל מעהר ערפֿאָלג. דער הוק האָט זיך דאָרט אָן עטוואָס פֿערטשעפּעט. ער האָט אַ ציה געטאָהן דעם שטריק אום צו זעהן, אויב ער האַלט זיך דאָרט פֿעסט, און איז ווידער צוריק געפֿאַלען. ערשט צום דריטען מאָל איז דער שטריק געבליבען דאָרט פֿעסט. דאַן האָט ער זיך מיט ביידע הענד אַ כאַפּ געטהאָן פֿון דעם קלענערען דאָווער אויף וועלכען ער איז געשטאַנען.

די האַסטיגקייט פֿון דעם שפּרונג האָט געקאָנט מאַכען, ער זאָל צוריבען ווערען אויף שטיקער אָן דעם גרויסען פֿעלז. ער האָט גענוג גע־וואוסט פֿון די געפֿאַהר, וואָס עס סטראַשעט איהם, און איין אָרעם, גוט פֿערוויקעלט אין אַ טוך, האָט ער געהאַלטען אויסגעשטרעקט אום צו פֿערמיידען דעם קלאַפּ.

די שטריק האָט זיך אָנפֿאַנגס שטאַרק געשאָקעלט אַהין און אַהער, און ווען עס האָט זיך אַביסעל איינגעסטאַלירט, האָט גיליאַט איהר

אַ כאַפּ געטהאָן צווישען זיינע ביידע פּים, און האָט אָנגעהויבען קלעטערען.

באַלד איז ער געוועזן אויף'ן שפּיץ, דאָרט, וואו קיין מענשליכע פוס איז נאָך קיין מאָל ניט געוועזן. זיין מיה איז ניט געוועזן אומזיסט. ער האָט ווירקליך דאָרט עטוואָס געפונען עהנליך צו אַ הייל, וואו ער זאָל זיך קענען אויסרוהען. די שטריק האָט זיך פערטשעפּעט אָן אַן עפנונג אין פעלז. אום צו מאַכען עס נאָך זיכערער, האָט ער אַרויפגעלייגט אויף דעם הוק אַ פּאָר שווערע שטיינער. אום די שטריק זאָל זיך ניט רייבען אָן פעלז, האָט ער איהם אַרומגעוויקעלט מיט פערשיעדענע שמאַטעס, פונקט ווי די קלאָאונס אין די צירקען וויקלען זיך אַרום אין פערשיעדענע זאַכען, כדי עס זאָל זיי ניט וועה טהאָן, ווען זיי ווערען געבריקעט און געשטויסען.

די שטריק איז געוועזן לאַנג גענוג. ער האָט געגרייכט ביז צו דעם פלאַץ, וואו די דוראַנד איז געוועזן. ער האָט אַלזאָ געקענט צו יעדער צייט זיך אַראָבלאָזען צו דער דוראַנד ווען עס איז געוועזן נויטיג. אָט אויף אַזאַ אופן האָט גיליאַט געפונען זיין אירעאַלע קוואַרטיר — ניט ווייט פון דער דוראַנד, און דאָך ניט אויף איהר; האָבענדיג אָבגעטהאָן דיעזע שטיקעל אַרבייט, האָט ער אויפגעעפענט זיין קערבעל, וואו ער האָט געהאַלטען זיין מאָהלצייט, ער האָט גענומען אַ שטיקעל גערויכערטע פלייש מיט ברויט, פערטרונקען עס מיט וואַסער, און איז געוועזן העכסט גליקליך, ער האָט געפיהלט, דאָס ער האָט אויפגעטהאָן א גוטען טאָג אַרבייט.

עס האָט אָנגעהויבען צו ווערען נאַכט. אַ שטראַהל פון ליכט האָט נאָך אַרומגעבלאָנדזשעט אויף דעם שפּיץ פעלז, וועלכער איז איצט געוועזן גיליאַט'ס היים. פּלוצלונג האָט ער דערהערט אַ גערויש איבער זיין קאָפּ. גיליאַט האָט אויפגעבליקט. אַ גרויסער שוואַרצער קרייז האָט זיך גערדרעהט איבער זיין קאָפּ. דער קרייז איז אָט צוגעקומען נעהענטער, אָט האָט ער זיך צוריק געצויגען, עס איז געוועזן א גרויסע קאָמפּאַניע פון פערשיעדענע ים פויגעל. דיעזער פעלז איז וואַהרשיינליך געוועזן זייער נאַכט קוואַרטיר. גיליאַט האָט פערנומען זייער פלאַץ. עס איז געוועזן בעשיינפערלעך דאָס זייער אונערוואַרטעטער גאַסט האָט זיי שטאַרק בעאונרוהיגט. אַ מענש דאָרט איז געוועזן אַזאַ זאַך, וואָס זיי האָבען נאָך קיין מאָל ניט געזעהען. זייער ווילדער אַרומפליהען און קולות מאַכען האָט נאָך אָנגעהאַלטען פּאַר אַ געוויסע צייט. זיי האָבען אויסגעזעהן צו וואַרטען, אַז דער פרעמדער זאָל פערלאָזען דעם פלאַץ.

גיליאַט האָט זיי נאָכגעקוקט מיט זיינע טרוימערישע אויגען.

ענדליך האָבען די פויגעל אויפגעגעבען זייער האָפנונג. ווי עס האָט אויסגעזעהן, האָבען זיי צווישען זיך בעראַטהען, וואָס צו טהאָן, זיי האָבען זיך בעזעצט אויף דעם מאַן פעלז.

גיליאַט, בעזעצענדיג זיך אין זיין צימער פון גראַניט, און נעהמענדיג אַ שטיין פאַר אַ צוקאָפּענס, האָט נאָך פאַר אַ לאַנגע צייט געהערט די פייגעל קלאַפּערענדיג צווישען זיך.

דאַן זיינען זיי געוואָרען שטיל און אַלעס האָט געשלאָפען—די פייגעל אויף זייער פעלז און גיליאַט אויף זייגעס.

ביים טאָג־אָנברוך איז גיליאַט געווען האַלב פאַרפראָרען. אָבער ער האָט גוט געשלאָפען.

גיליאַט האָט געגענעצט, זיך אויסגעצויגען, און איז אַרויסגעשפרונגען פון זיין שטיינערנע בעט.

זיין שלאָף איז געווען אזוי טיעף, דאָס עס האָט איהם גענומען אַ קליין ווײלע זיך אויסטשובענען און זיך דערמאָנען אָן אַלעס, וואָס האָט פּאַסירט נעכטען.

ביסלעכווייז האָט זיך צוריקגעקערט צו איהם דער געפיהל פון די ווירקליכקייט, און ער האָט אָנגעהויבען דענקען פון עסען פריהשטיק.

דער וועטער איז געווען רוהיג. דער הימעל קיהל און קלאָהר. די וואָלקענס זיינען געווען אַוועק. דער נאַכט־ווינד האָט ריין געמאַכט דעם האָריזאָנט און די זון האָט זיך אויפגעהויבען אין איהר גאַנצער פּראַכט. נאָך אַ שעהנער טאָג האָט געהאַלטען אין אָנקומען. גיליאַט האָט זיך געפיהלט גליקליך.

ער האָט אַראָבגעוואָרפען פון זיך זיין אויבער־ראָק און זיינע וואַרימע שטיוועל, האָט זיי איינגעוויקעלט אין דעם שעפּסען־פעל מיט די וואָל אויף דרויסען, און האָט עס אַריינגעשטופּט אין זיין הייל, אין פאַל עס זאָל רעגענען.

האָבענדיג דאָס אַלעס אָבגעטהאָן, האָט ער פערבעט זיין בעט — דאָס הייסט ער האָט אָבגעראַמט די שטיינדלעך, וועלכע האָבען געריבען איהם אין די זייטען די פאָריגע נאַכט.

דאַן האָט ער זיך אַראָבגעלאָזען אויף׳ן שטריק צו די דוראַנד און איז צוגעגאַנגען צו דעם פּלאַץ, וואו ער האָט געלאָזען זיין קערבעל מיט עססענ־וואַרג. ווייל אָבער ער האָט אין איילעניש געלאָזען עס גאַנץ ביים ברעג, האָט דער ווינד ביי נאַכט עס אַראָבגעוואָרפען אין ים.

עס איז געווען גלייך צו זעהן, אַז עס איז ניט קיין לייכטע זאַך צוריק צו קריגען דעם קערבעל פון וואַסער. דער גייסט פון שלעכטעס

טהאָן איז געווען אין דעם ווינד, וואָס האָט גערעדע אויסגעזוכט זיין איינ־ציגען קערבעל. דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון קאַמפף. גיליאַט האָט פערשטאַנען דעם צייכען.

גיליאַט האָט געמאַכט זיך אַן אָנבייסען פון איינינע שוועמלעך, וועלכע ער האָט מיט גרויס מיה אַראָבגעריסען פון די פעלזען. ער האָט שיעור ניט צובראָכען זיין מעסער, דאָס טהוענדיג. וועהרענד ער האָט געהאַט דיזען גרויסאַרטיגען אָנבייסען, האָט גיליאַט דערהערט הויכע געשרייען אויף'ן ים. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. דאָס זיינען געווען פילע ים פויגעל, וואָס זיינען געווען אויף איינינע נידעריגע פעלזען, שלאָגענדיג זיך איינע מיט די אַנדערע. אַלע האָבען זיך מיט גרויסע גע־שרייען געדרייט אַרום דעמזעלבען פונקט. דאָס איז געווען גיליאַטס קערבעל.

ווערענדיג אַרונטערגעוואָרפען אויף אַ שאַרפען שפיץ פון אַ שטיין האָט דער קערבעל זיך געעפענט. די פויגעל זיינען גלייך געווען אַרום איהם, און האָבען אַוועקגעטראָגען אין זייערע שנאָבלען פערשיעדענע שטיקלעך עסענוואַרג. גיליאַט האָט דערקענט פון וויימען זיין גערויכערטע פלייש און געזאַלצענע פיש.

עס איז אַלזאָ געקומען די צייט פאַר די פויגעל צו נעהמען ראַכע. אויך זיי האָבען אויפגענומען דעם קאַמפף. גיליאַט האָט זיי גערויבט פון זייער קוואַרטיר; זיי האָבען איהם גערויבט פון זיין אָנגעגרייטע עסענוואַרג.

II.

אַ וואָך איז פאַראיבער.

חאָטש עס איז געווען יעמאָלט דער רעגען סעזאָן, דאָך האָט ניט גערעגענט, דאָס האָט גיליאַט'ן זעהר געפרייט. די אַרבייט, וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען אויסצופיהרען, האָט איבערשטיגען, וועניגסטענס אין אויסזעהן, די מאַכט פון דער מענשליכער האַנד אין קונסט. דער ערפאָלג האָט אויסגעזעהן צו זיין אונוואַהרשיינליך, דאָס דער וואונש אויסצופיהרען האָט אויסגעזעהן, ווי משוגעת. שטענדיג, פון אָנפאַנג ביז די לעצטע מינוט איז גיליאַט געווען אַרומגערינגעלט פון שטערונגען. דער, וואָס וואָלט געזעהן גיליאַט'ן אַרבייטען די ערשטע וואָך, וואָלט בשום אופן ניט גע־קענט זאָגען וואָס ער מיינט מיט דיזע אַרבייט, עס האָט אויסגעזעהן

אַזוי ווי גיליאַט האָט שוין מעהר גאָר ניט געטראַכט פֿון דער דוראַנד אָדער די צוויי דאָווערס. זיין גאַנצע צייט האָט ער אַוועקגעגעבען פֿאַר'ן אויפֿקלייבען אַלעס, וואָס איז אַרויסגעוואָרפֿען געוואָרען פֿון דער דוראַנד אין ים אַריין צווישען די פֿעלזען. שטיקלעך האָלץ, שטריק, לייוונט, אייזען, קלעצער, דאָס אַלעס האָט ער צוזאַמענגעקליבען און אָבגעלייגט אָן אַ זייט.

צו דער זעלבער צייט האָט ער אויך געמאַכט נאָכפֿאָרשונגען אין די פֿעלזען, מאָמער וועט ער דאָך געפֿינען אַ בעסערן פּלאַץ צום שלאָפֿען, ווייל דאָרט, אויף דעם שפּיץ פֿעלז, איז געווען זעהר קאַלט. צו זיין גרויסען בעדויערן אָבער האָט ער ניט געפֿונען קיין איינציגען פּלאַץ אויף די פֿעלזען, וועלכען ער זאָל זיך קענען מאַכען פֿאַר זיין וואוינונג, לעבען דעם קלענערן דאָווער האָט ער יאָ געפֿונען צוויי אויסהיילונגען, און חאָטש דער רעגען און דער ווינד האָבען דאָרט געהערשט גאַנץ פֿריי, דאָך זיינען זיי געווען צו הויך פֿאַר'ן ים. דער ים מיט זיינע חוואַליעס האָט זיי ניט געקענט דערגרייכען. גיליאַט האָט בעשלאָסען, דאָס איינע פֿון דיעזע היילען זאָל איהם דיענען אַלס אַ סקלאַד, און די אַנדערע אַלס אַ קוזשניע, אין אַ וואָך צייט איז אַלעס אַרום דער דוראַנד און אויף דער דוראַנד געווען ריין פֿון יעדע איבעריגע זאַך, אויסער די מאַשינעריי איז קיין זאַך ניט געבליבען אויף דעם האַלבען קערפּער פֿון דער דוראַנד.

גיליאַט האָט אימער אָנגעפֿאַנגען זיין אַרבייט פֿון דעם פֿריה־מאָרגען. אויסער די צייט, וואָס ער האָט געשלאָפֿען, האָט ער זיך ניט גענומען קיין מינוט רוה. ווען ער איז פֿאַרטיג געוואָרען מיט דעם צוזאַמענפּאַקען און אויסזאָרטירען פֿון אַלץ, וואָס ער האָט צוזאַמענגעקליבען אַרום די פֿעלזען האָט גיליאַט זיך גענומען צו בויען אַ ווערקשטאַט.

אין די צווייטע אויסהיילונג, וואו ער האָט זיך איינגעריכטעט זיין ווערקשטאַט, איז געווען אַ סאָרט דורכגאַנג, ווי אַ גאַלעריע פֿון אַ טיעפֿע מינע. פֿריהער האָט ער געדיינקט דאָרטען צו מאַכען זיין וואוינונג. אָבער דער בלאָזען פֿון דעם ווינד איז דאָרט געווען אַזוי שטאַרק, דאָס ער האָט געמוזט אויפֿגעבען דיזען פּלאַן. דיעזער אייביגער שטראָם פֿון לופֿט האָט איהם געבראַכט די אידעע צו מאַכען דאָרט זיין ווערקשטאַט. דער ווינד איז געווען זיין פֿיינד, און גיליאַט האָט בעשלאָסען צו מאַכען איהם פֿאַר זיין דיענער. דיעזען ווינד האָט ער זעהר גוט אויסגענוצט אַלס אַ קראַפֿט, וואָס זאָל איהם אויפֿבלאָזען דעם פֿייער. דורך פֿערשידענע איינפֿעלע איז איהם געלונגען איינצוריכטען אַ ווערקשטאַט, אין וועלכע ער זאָל קענען מאַכען דאָס נויטיגסטע. ווען גיליאַט האָט דאָס אויסגעפֿיהרט, האָט ער

זיך געפיהלט, זעהר שטאַרק. ער איז געווען דער הערר איבער לופט, וואַסער און פייער. יעדען אָווענד, ווען זיין אַרבייט איז געווען צו ענדע, האָט ער געגעסען אַ ביסקוויט, נאַס געמאַכט אין וואַסער, אַ קרעה־פיש אָדער עטוואָס אַן אַנדער מין חיה, וואָס ער האָט געקאָנט געפינען אין וואַסער אַרום די פעלזען, און ציטערענדיג פון קעלט אין אַלע זיינע אברים, פלעגט ער אַרויפקלעטערען צו זיין שלאָפצימער אויף דעם גרויסען דאָווער.

דיזער פעלז האָט געהאַט אַ פאָלשטענדיגע סיסטעמע פון אונטער־אירדישע היילען, אַ מענש האָט געקענט אַריין אַהין אָבער אויף זיין אייגענע געפאַהר.

גיליאַט האָט בעשלאָסען אויסצופאָרשען דיזע אונטערוואַסערדיגע היילען, פילייכט וועט ער דאָרט עפּעס געפינען, וואָס קען איהם צוניץ קומען צו זיין אַרבייט. דיזע היילען זיינען געווען זעהר געפעהרליך, ווערה צו דעם, וואָס זאָל זיך דאָרט אַ ביסעל צו לאַנג פערזאַמען. די אָנקומענדע פלוט פלעגט זיי אָנפילען מיט וואַסער ביז צום באַלקען.

איין טאָג איז גיליאַט אַריין אין איינע פון דיזע היילען, עס איז גע־ווען אַ פראַכטפאָל שעהנער טאָג פון רוהע און זונשיין, עס איז ניט געווען וואָס מורא צו האָבען, אַז דער ים זאָל נאָך פערגרעסערען די געפאַהר.

צוויי זאַכען האָבען געצוואונגען גיליאַט'ן צו ריזיקירען אַריין געהן אין דיזע היילען אונטערן וואַסער. ערשטענס, עס האָט איהם אויס־געפעהלט מאַטעריאַל צו זיין אַרבייט, און ער האָט גערעכענט, אַז ער וועט געפינען דאָרט פערטראָגענע שטיקער האָלץ, ברעטער און אייזען, און דאַן פילייכט וועט ער געפינען פערשידענע פיש צו עסען. פון די פעלזען האָט ער שוין אלעם אַראָבגעגריזשעט, וואָס עס איז נור געווען.

דער דורכגאַנג אין הייל איז געווען זעהר שמאָל. גיליאַט האָט זיך שטאַרק צוזאַמענגעדריקט און איז אַריינגעדרונגען אין הייל אַזוי ווייט, ווי ער האָט נור געקענט. ער האָט דערגרייכט אַליין ניט וויסענדיג, דאָס אינוועניגסטע פון דעם פעלז, אויף וועלכען קלובין האָט אָנגעשטויסען די דוראַנד, חאָטש דער פעלז, איז געווען זעהר אונצוגענגליך פון אויסוועניג.

דאָך איז ער געווען גאַנץ פוסט פון אינעוועניג, דאָרט איז געווען פול גאַלעריען און צימערן ווי דער קבר פון אַן עגיפּטישען קעניג. דאָ איז עס געווען וואו קלובין האָט זיך אַראָבגעלאָזען אין וואַסער. גיליאַט האָט עס אָבער ניט געוואוסט.

אין דיזען קראָקאָדילען הייל וואו, ווי דער אמת איז, קראָקאָדילען זיינען ניט געווען, צווישען די סטראַשענדע געפאַהרען, האָט גיליאַט אַרום־געבראָדיעט, האָט זיך אָנגעשלאָגען דעם קאָפּ פון צייט צו צייט אָן באַלקען

האָט זיך איינגעבויגען און ווידער אויסגעגלייכט, איז געפֿאַלען און זיך באַלד ווידער אויפֿגעהויבען, ביסלעכווייז איז די גאַלעריע געוואָרען אַ ביסעל ברייטער, אַ בלייך פֿון טאָגעס ליכט האָט זיך געוויזען, און גיליאַט איז געשטאַנען ביי דעם אַריין גאַנג פֿון אַ מערקווירדיגען אויסזעהן.

דער שטראַהל איז געווען אַ גליק פֿאַר גיליאַטען, איין טריט ווייטער און ער וואָלט אַריין געפֿאַלען אין אַ וואַסער וואָס האָט פֿילייכט גאָר קיין גרונד ניט געהאַט. די וואַסערן פֿון דיזע היילען זיינען אַזוי קאַלט און פֿאַראַלעזירענד דאָס זיי זיינען געוועהנליך געפֿעהרליך פֿאַר די שטאַרקסטע שווימער. אויסער דעם, ווען מען פֿאַלט אַהין אַריין, איז עס זעהר שווער אַרויסצוקריכען פֿון דאָרט: עס איז אונמעגליך זיך אָנצוכאַפּען אָן אירגענד וועלכען טהייל פֿון די גלאַטע וואַנד.

גיליאַט איז געבליבען שטעהן און האָט בעטראַכט וואָס פֿאַר איהם איז געווען. ער האָט זיך געפֿונען אין אַ גרויסע הייל, פֿון וועלכען דער באַלקען איז געווען עהנליך צו דאָס אינוועניגסטע פֿון אַ גרויסען מוח, וואָס מען קען זיך נור פֿאָרשטעלען, וואָס איז נור וואָס אויסגעהיילט געוואָרען. אַ שטיינערנער באַלקען און אַ וואַסערדיגער באָדען, דיזע הייל איז געווען צוגעמאַכט פֿון אַלע זייטען. ניט אַ פֿענסטער, ניט אפילו א ליכט לאָך האָט זיך געזעהן, די ליכטיגקייט איז געקומען פֿון אונטען און דורך'ן וואַסער — אַ מורא'דיגע סאָרט ליכטיגקייט.

גיליאַט האָט אַלעס געקענט זעהן אין דיזען בלייכען שיין, און דער איינדרוק פֿון דיזע סצענע איז געווען עטוואָס, וואָס ער האָט נאָך אין זיין לעבען ניט געשפּירט. מען קען זיך ניט פֿאָרשטעלען עטוואָס שעהנער'עס, און אויך קיין זאַך מעהר טרויעריגעס וואָלט ניט געקענט געפֿונען ווערען.

דאָס איז געווען אַ וואונדערליכער פּאַלאַץ, וואו דער טויט איז געזעסען אויף זיין טראָהן, שמייכלענדיג און צופֿרידען. אַ פּלאַץ פֿון שאָטען וועלכער האָט אייך דאָך געמאַכט שווינדלען פֿאַר די אויגען. אַזעלכער איז געווען דיזער אונטערוואַסערדיגער הייל, דער שלאָגען פֿון דעם ים האָט זיך געפֿיהלט אין דיזען פּלאַץ. אַ געהיימניספֿולער גייסט האָט אויסגעזעהן אָנצופֿיעלען דעם גאַנצען פּלאַץ. די שטיינער האָבען אויסגעזעהן אַזוי ווי אויסגעשניטען אין פֿערשיעדענע גרויסאַ־טיגע פֿיגורען פֿון אַ קינסטליכע האַנד, און דאָס אַלעס בעלויכטען מיט אַ ליכט וואָס איז געקומען פֿון אונטערן וואַסער, האָט פֿאָרגעשטעלט מיט זיך אַן אָנבליק וואָס אַ מענשליכע אויג האָט עס נאָך ניט געזעהן.

פּלוצלינג, אין וואַסער, אין דיעזען וואַסער, וואָס האָט אויסגעזעהן

ווי פליסענדע דימאַנטען, האָט גיליאַט געהאַט אַ געפיהל פון דעם אָנקומען פון אַ גאַנץ געהיימניספאָלע פאָרמע, אַ סאָרט לאַנגער באַנד האָט בעוועגט אין דעם בליצענדיגען וואַסער. עס האָט ניט געשוואומען, נור איז געשפרונגען מיט זיין אייגענעם פרייען ווילען, דאָס האָט געהאָט אַ געוויסען צוועק, עס איז געלאָפען אין ערגעץ זעהר געשווינד. דיעזע בעשעפעניש האָט אויסגעזעהן צו זיין בעדעקט מיט אַ מין שטויב, וואָס דאָס וואַסער קען ניט אָבוואַשען, דיעזע בעשעפעניש איז געווען מעהר ווי שוידערליך, עס איז געווען וואונדערליך, דער צוזעהער האָט געפיהלט, אַז אַז דאָס איז אַ מאָנסטער. דאָס איז געווען אַ לעבעדיגע זאַך, עס האָט אויסגעזעהן צו זוכען דעם פינסטערען טהייל וואו עס איז ענדליך פערשוואונדען געוואָרען. דער שווערער שטן איז געוואָרען פינסטערער, ווען דיעזע שרעקליכע פאָרמע האָט זיך דורך איהם דורכגעשטופט און איז פערשוואונדען געוואָרען.

III.

אַזוי ווי דער לעזער איז ניט קיין אינזשיניער אָדער זאָגסט אַ מעכאַניקער, וועלען מיר איהם ניט מיעד מאַכען מיט די פערשיעדענע איינצעלהייטען פון די גיגאַנטישע ארבייט, וואָס גיליאַט האָט אונטערגענומען. גענוג וועט זיין צו געבען אַן אַלגעמיינעם פלאַן אין קורצען. דער פלאַן איז געווען פאָלגענדער: אַרויסצושניידען פון דער דוראַנד דעם אינדזשין אויף אַזאַ אופן, דאָס די דוראַנד זאָל בלייבען צווישען די דאָווערס און דער אינדזשין זאָל קענען אַרונטערגעלאָזען ווערען אין שיף. אום אויסצופיהרען דיעזעם ערפאָלגרייך, האָט ער פאַר אַלעם געמוזט פעסטער מאַכען די דוראַנד צווישען די דאָווערס. מיט קלעצער און קייטען האָט ער איהר געמאַכט אַלץ פעסטער, דאַן האָט ער מיט דעם גאַנצען צוזאַמענגעקליבענעם מאַטעריאַל פערפעסטיגט מעהר דעם אינדזשין צו די דוראַנד, און ווען דאָס אַלעס איז פאַרטיג געווען, האָט ער געמוזט אויסזעגען דעם אינדזשין פון דער שיף, זאָ דאָס דער אינדזשין איז געבליבען הענגען אויף די קייטען, מיט וועלכע ער האָט איהם פערפעסטיגט צום שיף. ווען דאָס אַלעס איז געווען פאַרטיג, איז געבליבען פאַר גיליאַט'ן צו ברייננגען זיין שיף אונטער דער דוראַנד, און מיט זיין קאַפּסטאַן, וועלכער איז געווען אין גוטער אָרדנונג, אַראָבצולאָזען דעם אינדזשין אין שיף. פריהער נאַטירליך איבערשניידענדיג די קייטען, וועלכע האָבען איהם געהאַלטען צו דער דוראַנד.

אָט דאָס אַלעס אויסצופיהרען האָט נור געקענט אַזאַ מענש ווי גיליאַט. זיין אויסזעהן איז געווען שרעקליך, אין זיין שווערע אַרבייט האָט ער אַוועקגעגעבען זיין גאַנצע קראַפט. הונגער און דורשט פון איין זייט, און מיעדקייט פון דער אַנדערער, האָבען איהם שרעקליך אויסגעמאָגערט; די האָר אין זיין באָרד זיינען געוואָרען לאַנג און צופלאָנטערט, ער האָט געהאַט איבערגעבליבען בלויז איין העמד, וואָס איז ניט געווען צופליקט אויף פיצלעך. ער איז אַרומגעגאַנגען מיט נאַקעטע פיס, ווייל דער ווינד האָט פערטראָגען איינעם פון די שיך און דער ים האָט איהם געזויבט דעם צווייטען. זיינע הענד זיינען געווען צוריסען און פערבלוטיגט. ער האָט געליטען הונגער, קעלט און דורשט. זיין קאָן פרישע וואַסער איז איהם שוין אויסגעגאַנגען. אַלעס, וואָס איז איהם פערבליבען, איז געווען אַביסעל ביסקוויטס, וועלכע ער האָט געמוזט ברעכען מיט די ציין. ער איז געוואָרען שוואַכער פון טאָג צו טאָג, טראָץ אָבער אַלעם דעם איז זיין ענטשלאָסענהייט געווען אַזוי פעסט, דאָס ער האָט ניט אויפגעהערט פאַר אַ מינוט צו אַרבייטען. אין איין שעהנעם טאָג איז דיזע שייבער משוגע'נע אונטערנעהמונג געווען געקרוינט מיט ערפאָלג. דער אינדזשין איז געזעסען פעסט אין גיליאַט'ס שיף, און אַלעס, וואָס גיליאַט'ן איז געבליבען צו טהאָן, איז געווען צוריקצוקעהרען נאָך גערנסי.

איין זאַך האָט בלויז געשטערט גיליאַט'ן צו פערלאָזען דיזען שרעקליכען פלאַץ: וועהרענד דער אינדזשין איז געווען בעפרייט, איז דער קוימען אָבער נאָך געבליבען אין דער דוראַנד, און דיזע האָט איהם ניט געלאָזט אַרויסגעהן. צוויי זאַכען האָבען געמאַכט מעגליך דעם אינדזשין צו זיין איצט אין שיף: אין דערזעלבער צייט, ווען דער אינדזשין האָט זיך אַראָבגעלאָזען צום שיף האָט די שיף זיך אויך אויפגעהויבען צו דעם אינדזשין: עס איז יעמאָלט געווען די וואַסער-פלוטה, און די שיף ווי אויך דער אינדזשין זיינען ביידע געגאַנגען איינע אַנטקעגען די אַנדערע. אָט טאַקי צוליעב דעם, וואָס די שיף האָט זיך אויפגעהויבען, איז דער קוימען געבליבען שטעקען אין דער דוראַנד און פאַר גיליאַט'ן איז ניט געבליבען קיין אַנדער ברירה, ווי אָבצוּוואַרטען דעם אָבפאַל פון די וואַסער, וואָס וועט בעפרייען דעם קוימען, און וועט ערשט דאַן קענען אויף אייביג פערלאָזען דעם פלאַץ, וואו ער האָט אַזוי פיעל געליטען און וואו ער האָט אָבער אויך אַזאַ גרויסאַרטיגע אַרבייט אויסגעפיהרט.

אָבער ווי לאַנג דאַרף עס נעהמען?

זעקס שטונדען.

אָבער אין זעקס שטונדען וועט שוין באַלד זיין מיטען נאַכט. און ווי קען ער עס רייזיקירען אַרויסצופאָהרען צווישען די פעלזען אין דער פינסטער, ווען עס איז געפעהרליך אפילו, ווען עס איז העלער טאָג? ער וועט אַלזאָ

מוזען נאָך אַ נאַכט פֿערברײנגען דאָרט, וואָס האָט נאָך מעהר געערגערט, דאָס ער האָט געמוזט זיצען מיט פֿערלײגטע הענד און וואַרטען. דיעזער געצוואונגענער אָברוה האָט איהם געערגערט, אַזוי ווי ער אַליין וואָלט געווען שולדיג אין דעם. ער האָט צו זיך אַליין גערעדט: „וואָס וואָלט עס דערווּ־שעט געזאָגט, ווען זי וואָלט מיך געזעהן אַזוי אַרומפֿוילענצען.“ אָבער פֿילײכט איז דיזער אָברוה געווען פֿאַר איהם שטאַרק נעהטיג. זײן שיף איז איצט געווען רײזע-פֿאַרטיג, און ער האָט בעשלאָסען דאָרט דיעזע נאַכט צו שלאָפֿען. ער האָט אַרויפֿגעקלעטערט צו זײן קוואַרטיר, האָט פֿון דאָרט געבראַכט זײן שעפּסען פֿעל, האָט אײנגעשלונגען עטליכע פֿישלעך, האָט זיך אײנגעווי־קעלט אין זײן שעפּסען פֿעל, און אַוועקלײגענדיג זיך ווי אַ וואַכט־הונד לעבען דעם אינדזשין, איז ער באַלד אײנגעשלאָפֿען. עס פֿערשטעהט זיך פֿון זעלבסט, דאָס נאָך אַזאַ האָרעוואַניע שלאָפֿט זיך געשמאַק.

אין מיטען דער נאַכט האָט ער זיך פּלוצלינג אויפֿגעכאַפּט.

ער האָט אויפֿגעעפֿענט זײנע אויגען.

די דאָוועראָס זײנען געווען בעלויכטען פֿון אַ ווײסע ליכטיגקײט. אויף דעם פֿינסטערען פּנים פֿון דעם פֿעלז האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אַ שאָטען ווי פֿון אַ גרויסען פֿײער.

פֿון וואַנען איז דיעזער פֿײער געקומען?

פֿון וואַסער.

דער ים האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ וואונדערליכען אָנבליק. אַזוי ווײט ווי דאָס אויג האָט געקענט זעהן, איז דער ים געווען אַזוי ווי אָנגעצונדען. דיעזער פֿלאַם האָט זיך דורכגעשפּאַרט דורך גיליאַט'ס פֿערמאַכטע אויגען. דאָס איז געווען, וואָס האָט איהם אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף. זײן אויפֿוואַכען איז געווען גראַדע צו דער רעכטער צײט: דאָס וואַסער איז אַרונטערגעפֿאַלען און האָט זיך שוין אָנגעפֿאַנגען ווידער אויפֿצוהויבען. דער קוימען פֿון אינדזשין, וואָס איז בעפֿרײט געוואָרען, ווען גיליאַט איז געשלאָפֿען, איז שוין שיער נאָך אַמאָל ניט געפֿאַנגען געוואָרען פֿון די אויסגעלעכערטע דוראַנד. נאָך אײן האַלבע שטונדע און גיליאַט וואָלט געמוזט וואַרטען נאָך אַ טאָג. גיליאַט האָט עס אַלעס דערזעהן, און ניט מאַכענדיג לאַנגע פֿאָרבערײטונגען, האָט גיליאַט געזעהן אַרויסצוברײנגען זײן שיף פֿון אונטער דער דוראַנד. אין צעהן מינוטען צײט איז גיליאַט'ס שיף מיט זײן טהײערע משא, וואָס זי האָט געטראָגען, אַוועק פֿון דעם פּלאַץ, וואו דער קוימען האָט אַלע מאָל געקענט ווערען אַ געפֿאַנגענער. טראָץ אָבער אַלעם דעם, האָט גיליאַט קײנע פֿאָרבערײטונגען ניט געמאַכט צו פֿערלאָזען דעם פֿעלז, ער האָט ווידער אַמאָל פֿערפֿעסטיגט זײן שיף צום פֿעלז, און ניט נור האָט ער ניט גע־

עפֿענט דעם אַרויסגאַנג אין ים. נור ער האָט איהם נאָך בעסער פֿערשפּאַרט, באַלד איז די זאָנדערבאַרע ליכטיגקייט פֿערשוואונדען געוואָרען, און עס האָט אָנגעהויבען צו טאָגען. פּלוצלינג איז גיליאַט געבליבען שטיל און האָט זיך צוגעהערט. איהם האָט זיך אויסגעדוכט, דאָס ער הערט אַ שוואַכען גערויש קומענדיג איבער'ן וואַסער. גיליאַט האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. ער האָט געוואוסט גאַנץ גוט וואָס דאָס מיינט. אַ מינוט שפּעטער איז ער שוין געווען ביים אַריינגאַנג פֿון דער איסט זייט, וועלכע איז געבליבען די גאַנצע צייט אָפֿען, און מיט די מעכטיגע קלעפּ פֿון זיין האַמער האָט ער אַריינגעקלאַפּט גרויסע טשוועקעס אין די זייטען פֿון דעם פֿעלז. דאָס האָט ער געמאַכט פֿאָרבערייטונגען אויף גיך פֿאַר אַ פֿערצאַמונג, וואָס זאָל צוברעכען, פּאַראַליזירען די גאַנצע געוואַלט פֿון די כוואַליעס.

די זון איז אַרויסגעקומען העל און לויכטענדיג. דער ים איז געבליבען רוהיג, אָבער אין זיין איילעניש האָט מען געקענט בעמערקען אַ געפֿיהל פֿון מורא. איצט האָט מען ערשט געזעהן די אורזאַכע, צו וואָס ער האָט אָנגעקליבען די אַלע שטיקער האָלץ און גרויסע קלעצער. אַלעס, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעקליבען, איז געברויכט געוואָרען איצט צו דעם אַריינגאַנג, וואָס איז געווען ברייט אַ פֿינף אָדער זעקס פֿוס, די פֿערהעלטניסמעסיגע שמאָלקייט פֿון דיעזען אַריינגאַנג האָבען עס געמאַכט ניט אַזוי שווער פֿאַר גיליאַט'ן זיך אָנצוגרייטען צום קאַמפּף מיט'ן ים. דער ים איז געווען זעהר רוהיג. ער האָט אויסגעזעהן ווי אַ שפּיגעל, קיין וואָלקען ניט אין הימעל, קיין חוואַליע אויף'ן ים. עס איז געווען אונמעגליך צו ערוואַרטען אַ שעהנערען טאָג.

נאָר גאַנץ ווייט האָט מען געקענט זעהן אַ לאַנגע שוואַרצע שורה פֿון פֿייגעל: זיי האָבען אויסגעזעהן צו איילען זיך. זיי זיינען געפֿלויגען גלייך צום לאַנד צו, גיליאַט האָט נאָך פֿעסטער זיך גענומען צו פֿערשטעלען דעם אַריינגאַנג. ווען עס איז שוין געווען מיטאָג־צייט, איז גיליאַט געווען פֿאַרטיג מיט זיין שנעל אויפֿגעריכטעטע געביידע און שטעהענדיג אויף איהר האָט ער אויפֿמערקזאַם בעטראַכט דעם ים. דיעזער האָט אויסגעזעהן מעהר ווי רוהיג, ער האָט אויסגעזעהן אַבסאָלוט טויט, שטילשווייגענד. ניט אַ זעגעל האָט זיך געזעהן אויף איהם. דער הימעל איז נאָך אַלץ געווען קלאָהר, נאָר ער האָט זיך אומגעביטען פֿון בלוי צו ווייס. דיעזע ווייסקייט האָט געהאַט אַ מאָדנעם אָנבליק, נור אויף דעם האָריזאָנט האָט זיך געזעהן אַ שטיקעל לאַטע פֿון אַ וואָלקען; דיעזער וואָלקען איז אַלע מאָל אַלץ גרעסער און גרעסער געוואָרען, דאָס וואַסער האָט זיך אָנגעהויבען ביסלעכווייז צו בעוועגען.

גיליאַט האָט געטהאָן גוט וואָס ער האָט אויפֿגעבויט זיין באַריקאַדע.

אַ שטורם האָט געהאַלטען אין אָנקומען, די עלעמענטען האָבען בעשלאָסען ניט אַרויסצולאָזען זייער רויב אָהן אַ קאַמפף.

IV.

די געהיימניספּולע נאַטורקרעפטען האָבען אַזוי ווי בכיון אויסגעקליבען די געפעהרליכסטע צייט פאַר גיליאַט׳ן. וואָלט דער שטורם געקומען, ווען גיליאַטס באַרקע איז געשטאַנען אין דעם שטילען וואַסער, דער אינדזשען אין דער דוראַנד, וואָלט עס גיליאַט׳ן וועניג וואָס געשאַדט. אין ערגסטען פאַל, ווען דער אינדזשען וואָלט אפילו צובראָכען געוואָרען, וואָלט ער ווע־ניגסטענס זיך אַליין געקאָנט רעטען פון דיזען אונגליק דורך זיין שיף. איצט אָבער זיינען דער אינדזשען, די באַרקע און גיליאַט — אַלע דריי — געווען אויף איין פּלאַץ. אַ גוטער קלאַפּ, און זיין שיף קען צושמעטערט ווערען אויף שטיקער אין דעם פעלז, דער אינדזשען פערניכטעט און גיליאַט דערטרונקען ווערען. אַן ערגערע לאַגע האָט שוין ניט געקענט זיין. עס איז איצט ביי איהם געווען אַ פראַגע: „צו געהן אָדער צו פערבלייבען״, אַוועקלאָזען זיך אויף׳ן ים אין אַזאַ צייט וואָלט געווען אַ משוגעת. צו פער־בלייבען ווידער איז געווען פירכטערליך.

גיליאַט האָט אַרויפגעקלעטערט אויף דעם שפּיץ פון דעם גרויסען דאָווער.

פון דאָרט האָט ער געקענט זעהן דעם גאַנצען האָריזאָנט: די מזרח זייט איז געווען שרעקליך, אַ וואַנד פון אַ וואָלקען האָט איהם אין גאַנצען בעדעקט, דיזע פינסטערע וואַנד איז געוואָרען יעדע רגע גרעסער און גרע־סער. דער שרעקליכער וואָלקען האָט אויסגעזעהן ווי אַ באַרג, וואָס איז פּלוצלינג אויסגעוואַקסען צווישען הימעל און ערד. דאָס איז געווען די נאַכט, וואָס איז פּלוצלינג בעפאַלען דעם העלען טאָג.

גיליאַט האָט אויפמערקזאַם בעטראַכט דעם אָנקומען פון דיזען מורא׳די־גען וואָלקען און האָט גערעדט צו זיך: „איך בין דורשטיג אָבער דו וועסט מיר באַלד געבען גענוג צו טרינקען״. ער איז געבליבען בעוועגונגסלאָז איי־ניגע סעקונדען, האָט געוואָרפען אַ בליק אויף זיין וואַסערברעכער, און דאַן האָט ער זיך שנעל אַראָבגעלאָזען פון פעלז, איז צוגעלאָפען צו די הייל, וואו זיין סקלאַד איז געווען. איינגע מינוטען נאָך דעם איז ער שוין געווען ביי דער אַרבייט.

ער האָט איינגעזעהן, אַז איין וואַסערברעכער וועט ניט זיין גענוג פאַר די בייזע מאַכט פון דעם אָנקומענדען שטורם, און ער האָט זיך גענומען

בויען אַ צווייטען, צעהן צוועלף פֿוס ווייט פֿון דעם ערשטען. די שטילקייט האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטען. די זון איז פלוצלונג פֿערשוואונדען געוואָרען אונטער דעם פֿינסטערען וואָלקען, דער טאָג איז ווי מיט אַמאָל אויסגעלאָשען געוואָרען, אָבטרעטענדיג זיין פלאַץ אַ פֿערמישטען בלייכען שיין. מיט אַמאָל האָט אויסגעפּלאַצט אַ שרעקליכער דונער, קיין בליץ איז ניט געקומען נאָך איהם, און עס איז ווידער געוואָרען גאַנץ שטיל, דאָס איז געוואָרען די רוהע פֿון קעמפּפֿער, וועהרענד זיי פֿערנעהמען זייערע פּאָזיציאָנען, דאַן לאַנגזאַם, איינער נאָך'ן אַנדערן זיינען געקומען בליצען. דייע בליצען זיינען געווען שטילע. פלוצלונג האָט גיליאַט דערפֿיהלט אַ ווינד, בעוועגנדיג די האָר פֿון זיין קאָפּ. צוויי אָדער דריי גרויסע טראָפּענס רעגען זיינען אַראָבגעפֿאַלען לעבען איהם אויף'ן פֿעלז, דאַן איז געקומען אַ צווייטער דונער, און דער ווינד איז געוואָרען שטאַרקער.

דער שרעק פֿון פֿינסטערניש האָט דערגרייכט זיין העכסטען פּונקט. דער ערשטער דונער האָט אויפֿגעטרייסעלט דעם ים, דער צווייטער האָט צושפּאַלטען די וואָלקענדיגע וואַנד, און עס האָט זיך אָנגעפֿאַנגען איינער פֿון די שרעקליכסטע שטורמס: רעגען, ווינד, בליצען, דונערען, חוואַליעס וואַרפֿענדיג זיך ביז צו די וואָלקענס, שוים, הייזעריגע געשרייען, שווישצערייען. אַלעם דאָס צוזאַמען האָט געהאַט דעם אויסזעהען פֿון אַ גאַנצע וועלט מיט מאָנסטערס, וואָס האָבען זיך פלוצלונג אָבגעריסען פֿון קייט. פֿאַר אַן איינזאַמען מענשען, געפֿאַנגען מיט אַן איבערגעלאָזענעם שיף צווישען צוויי געפֿעהרליכע פֿעלזען אין מיטען ים, האָט קיין קריזיס ניט געקענט זיין מעהר שרעקליך.

אָבער מיט דער געפֿאַהר איז אויך געוואַקסען גיליאַטס קוראַזש. אין מיטען פֿון די דונערקלעפּ האָבען זיך אויך געהערט די קלעפּ פֿון גיליאַטס מעכטיגען האַמער, בויענדיג אַ צווייטע באַריקאַדע. גיליאַט האָט געליטען פֿון אַ ברענענדיגען דורשט, זיין קאָפּ איז געווען איבערגעבויגען איבער זיין אַרבייט, פֿון צייט צו צייט פֿלעגט ער אָנשעפּען מיט זיין הויפּען אַביסעל רעגען וואַסער און האָט עס געטרינקען, דאַן גאָר ניט בעטראַכטענדיג וואָס טהוט זיך אַרום איהם, האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבייט.

ווען די באַריקאַדע איז שוין באַלד געווען געענדיגט. איז פלוצלונג געוואָרען העל, די וואָלקענס זיינען אַוועק, עס האָט אויסגעזעהן, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען די ענדע פֿון שטורם. דאָס איז אָבער געווען נור דער אָנפֿאַנג, דער שטורם איז איצט גאָר געקומען מיט אַ פֿרישע נייע קראַפֿט, איין חוואַליע נאָך די אַנדערע האָבען זיך געשליידערט אָן די ערשטע פֿערצאַמונג,

וואָס גיליאַט האָט אויפֿגעבויט. זי האָט פֿאַר אַ שטיק צייט אויסגעהאַלטען די אַטאַקע גאַנץ גוט, ענדליך איז געקומען אַ גרויסע חוואַליע און מיט אַ געוואַלדיגע מאַכט האָט זי אַרויסגעריסען אַ קלאָץ פֿון איהר. עס איז געקומען די צייט פֿאַר די צווייטע באַריקאַדע צו טהון איהר אַרבייט און צוברעכען די מאַכט פֿון די צובושעוועטע נאַטורקרעפֿטען, פלוצלונג איז דער שטורם אַליין געקומען גיליאַט'ן צו הילף, ריכטיגער, גיליאַט האָט געמאַכט דעם שטורם פֿאַר זיין העלפֿער, ווען ער האָט געקענט זיין פֿאַר איהם די שרעקליכסטע געפֿאַהר. אין מיטען דעם גערויש האָט זיך דערהערט פֿון דער זייט וואו די דוראַנד איז געפֿאַנגען צווישען די פעלזען אַן אימה'דיגער קלאַפּ. גיליאַט האָט איינגעזעהן, אַז ווען דעם שטורם זאָל געלינגען אַרויסצורייסען די גאַנצע דוראַנד פֿון די פעלזען, וועט זי דערטרינקען: איהם, זיין שיף מיט דעם אינדזשין צוזאַמען. מיט די שנעלקייט פֿון אַ בליץ איז ער אַרויפֿגעפֿאַלען אויף דער דוראַנד, און געפֿינענדיג אַ מעהר אָדער וויינגער זיכערען פלאַץ צו שטעהן, האָט ער מיט זיין האַק אָנגעהויבען אונטערצוהאַקען די טהיילען שיף, וואָס זיינען געהאַנגען פֿון דרויסען, כדי דיזע טהיילען זאָלען ניט מיטשלעפּען די גאַנצע דוראַנד. ער האָט געהאָלפֿען דעם שטורם אין זיין פֿערניכטונגס־אַרבייט. צו דער זעלבער צייט האָט ער ניט אָבגעהאַקט יעדען טהייל בעזונדער, ער האָט זיי נור אונטערגעהאַקט. און ווען אַ גרויסע חוואַליע איז געקומען, איז דער גאַנצער אונטערגעהאַקטער טהייל אַראָבגעפֿאַלען צווישען די פעלזען, און אויף אַזאַ אופן איז אויפֿגעבויט געוואָרען אַ דריטע מעכטיגע באַריקאַדע פֿאַר די ברויזענדע חוואַליעס.

גיליאַט האָט געטהון אַלעס, וואָס איז געווען מעגליך פֿאַר אַ מענשען אין קאַמפף מיט דער נאַטור, און ווי אונגליקליך ער איז געווען, דאָך האָט ער זיך געפֿיהלט ווי אַ זיעגער. ער איז אַרונטערגעגאַנגען צום שיפֿעל און האָט איהר אונטערזוכט ביים שיין פֿון די בליצען. ער האָט געפֿונען דאָס זי האָט ניט געליטען קיין שטאַרקע בעשעדיגונגען וועהרענד דעם שטורם.

וועהרענד גיליאַט האָט איהר בעטראַכט, איז עטוואָס ווייסעס פֿערביי געפֿלויגען פֿאַר זיינע אויגען, און איז ווידער פֿערשוואונדען געוואָרען, דאָס איז געווען אַ ים פֿויגעל. קיין אָנבליק וואָלט איהם אַזוי ניט דערפֿרעהט. ווען די פֿויגעל קומען, געהט דער שטורם אַוועק. דאָס דונערען איז נאָך שטאַרקער געוואָרען, נאָך אַ גוטער סימן.

דער רעגען האָט פלוצלונג אויפֿגעהערט, דער שטורם האָט אויפֿגעהערט מיט די פלעצליכקייט פֿון אַ קלאָץ, וואָס פֿאַלט צו דער ערד: די גרויסע מאַסע וואָלקען האָט זיך פֿאַנאַנדערגעריסען, אַ פּאַס קלאָהרער הימעל איז ערשינען. גיליאַט איז געוואָרען ערשטוינט. עס איז געוואָרען אַ העלער טאָג.

דער שטורם האָט געדויערט גאַנצע צוואַנציג שטונדען.

דער ווינד וואָס האָט געבראַכט דעם שטורם, האָט איהם אויך אַוועקגעטראָגען.

באַלד האָט זיך געזעהן די גאַנצע ברייטע ווייטקייט פֿון דעם שמייכלענדען הימעל.

גיליאַט האָט געפֿיהלט, דאָס ער איז שרעקליך מיעד, דער שלאָף בעפֿאַלט דעם אויסגעמאַטערטען, ווי אַ פֿויגעל איהר רויב. ער האָט אַ פֿאַל געטהון אין זיין שיפֿעל וואו ער איז געשטאַנען, און איז גלייך איינגעשלאָפֿען. אין אַזאַ בעוואוסטלאָזען צושטאַנד איז ער געבליבען איינינע שטונדען.

V.

ווען גיליאַט האָט זיך אויפֿגעכאַפּט איז ער געווען הונגעריג.

דער ים איז געוואָרען רוהיגער, אָבער די כוואַליעס זיינען נאָך אימער געגאַנגען צו הויך, און דאָס האָט ווידער געמאַכט אונמעגליך פֿאַר איהם זיך צושיידען מיט דעם פלאַץ, וואו ער האָט זיך אַזוי פֿיעל אָנגעליטען.

חאָטש ער איז געווען שטאַרק הונגעריג, דאָך דאָס ערשטע, וואָס גיליאַט האָט געטהון, איז געווען זיך אויסצוטהון נאַקעט, דער איינציגער מיטעל זיך אַביסעל צו דערוואַרעמען. זיינע קליידער זיינען געווען דורכגענעצט פֿון דעם שטורם, אָבער דער רעגען האָט אויסגעוואַשען דאָס ים וואַסער און דאָס האָט געגעבען די מעגליכקייט זיך אויסצוטריקענען זיך, ער האָט קיין זאַך ניט געלאָזען אויף זיך אויסער זיינע הויזען, וועלכע זיינען געווען ביי איהם פֿערקאַטשעט ביז די קניע. זיין אויבערראָק, דושעקעט, שעפּסען פֿעל און אַרבייטסהויזען האָט ער אויסגעשפּרייט, פֿערפֿעסטיגענדיג זיי מיט שטיינער, דאָ און דאָרט.

דאַן האָט ער געטראַכט פֿון עסען. זיין מעסער האָט ער אימער געהאַלטען שאַרף, און מיט איהם האָט ער אָבגעקראַצט פֿון פעלז איינינע שוועמלעך און ווערעמלעך, וועלכע ער האָט גלייך פֿערשלונגען, אָבער ער איז מיט זיי ניט זאַט געוואָרען, זיינע ביסקוויטס איז איהם שוין אויסגעגאַנגען, חאָטש וואַסער האָט איצט געהאַט אַ סך.

ער האָט זיך בענוצט דערמיט, וואָס דאָס וואַסער האָט געהאַלטען איצט אין אָבפֿאַלען, און ער האָט געוואַנדערט צווישען די פֿעלזען, זוכענדיג, זוכענדיג קרייפיש. ער איז געווען איצט אויף דעם פלאַץ, וואו די דוראַנד האָט מיט צעהן וואָכען פֿריהער זיך אָנגעשטויסען אין פעלז.

אויף דיזען פּלאַץ האָט ער געקענט גיכער האָפֿען צו געפֿינען עפּעס צו עסען. ביי דעם אָבפֿאַלען פֿון די וואַסער האָבען די ראַקעס ליעב אַרויס־צוקריכען אין די לופֿט. עס זעהט אויס, אַזוי ווי זיי וואָלטען ליעב געהאַט זיך צו וואַרעמען אין דער זון: צוויי לאַנגע מאָנאַטע זיינען דיזע ראַקעס, געווען גיליאַטס איינציגע נאַהרונג.

דיזעס מאָל אָבער זיינען ניט געווען ניט קיין קרייפֿיש און ניט קיין ראַקעס. דער שטורם האָט זיי פֿערטריבען אין זייערע איינזאַמע בעהאַל־טונגס־פּלעצער, און זיי האָבען נאָך ניט געקראָגען גענוג קוראַזש אַרויסצו־געהן פֿון דאָרט. גיליאַט האָט געהאַלטען אין האַנד זיין אָפֿענעם מעסער און פֿון צייט צו צייט האָט ער אויסגעזוכט אַ ווערעמעל, וועלכען ער האָט איינגעשלונגען געהענדיג.

ווען גיליאַט האָט שוין באַלד בעשלאָסען זיך צופֿריעדען צו שטעלען מיט דאָס, וואָס ער האָט געקראָגען, האָט אַ קליינער גערויש אַרום איהם, אויפֿגעוועקט זיין אויפֿמערקזאַמקייט. אַ גרויסער ראַק, דערשראָקען פֿון זיין אָנקומען, האָט זיך נור וואָס אַריינגעוואָרפֿען אין אַ לוזשע. דאָס וואַסער איז געווען ניט טיעף און גיליאַט האָט איהם ניט פֿערלוירען פֿון אויג. ער האָט זיך נאָך איהם נאָכגעיאָגט. דער ראַק האָט זיך בעוועגט שנעל. פּלוצלונג איז ער פֿערשוואונדען געוואָרען. גיליאַט האָט זיך אָנגעהאַלטען אָן פֿעלז און האָט זיך אויסגעצויגען, אום צו זעהן, וואו דער ראַק האָט זיך פֿערבעהאַלטען.

ווי ער האָט זיך פֿאַרגעשטעלט, אַזוי איז עס טאַקי געווען. דאָרט אונ־טערן פֿעלז איז געווען אַ גרויסע עפֿנונג, דורך וועלכע אַ מענש האָט זיך געקענט דורכקוועטשען.

דער ים איז אַריין אַהין, אָבער עס איז ניט געווען טיעף דאָרט; עס האָט זיך געזעהן דער גרונד, בעדעקט מיט גרויסע שטיינער. האַלטענדיג זיין מעסער צווישען די ציין, איז גיליאַט אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער. דאָס וואַ־סער האָט איהם דערגרייכט ביז צו די אַקסלען, ער האָט זיך דורכגעשפּאַרט דורך די עפֿנונג און ער האָט זיך געפֿונען אין אַ דורכגאַנג מיט אַ דאַך איבער זיין קאָפּ. די ווענדט זיינען געווען גלאַט און גליטשיק, און דער ראַק האָט זיך אין ערגעץ ניט געזעהן, גיליאַט האָט זיך אויפֿגעשטעלט אויף זיינע פֿיס און האָט אין די האַלבע פֿינסטערניש אָנגעהויבען געהן ווייטער. ווען ער האָט געמאַכט ביי אַ פֿופֿצעהן טריט, האָט זיך דער דאַך געענדיגט. ער איז אַרויס פֿון דעם דורכגאַנג. דאָרט איז געווען מעהר פּלאַץ, ווי אויך מעהר טאַגעס־ליכט. ער האָט אַלעס געקענט זעהן, און איז געוואָרען שטאַרק ערשטוינט.

ער איז ווידער אַמאָל געווען אין יענער אונטער־וואַסערדיגער הייל, אין וועלכער ער איז שוין איינמאָל געווען מיט אַ מאָנאַט צוריק.

זיינע אויגען זיינען געוואָרען צוגעוואוינט צום פּלאַץ, און ער האָט ניט ווייט פון זיך דערזעהן אַ שפּאַלט אין פעלז. ער האָט זיך געקלעהרט, אַז דער ראַק האָט זיך אודאי געמוזט פערבעהאַלטען דאָרט. ניט פיעל טראַכטענדיג האָט ער אַריינגעשטופּט זיין האַנד אַהין.

מיט אַמאָל האָט ער זיך דערפּיהלט געכאַפּט פון עטוואָס פאַר'ן אָרעם. אַ מאָדנע אונבעשרייבליכע שרעק האָט דורכגעציטערט זיין גאַנצען וועזען.

אַ לעבעדיגע זאַך, דין, פּלאַך, קאַלט און גליטשיק, האָט זיך אַרומגעדרעהט אַרום זיין נאַקעטען אָרעם. זי האָט אָנגעהויבען באַלד אַרויפצוקלעטערן צו זיין ברוסט. עס האָט ניט געדויערט קיין רגע, ווי נאָך עטוואָס עהנליך צו אַ שטריק, האָט זיך אַרומגעדרעהט אַרום זיין עלענבויגען און האָט דערגרייכט זיין אַקסעל. אַ שאַרפער שפּיץ האָט זיך אַריינגעשטאָכען ביי איהם אונטער'ן אָרעם.

גיליאַט איז געוואָרען ווי פערשטיינערט. ער האָט קוים געהאַט כוח זיך אַ ריהר צו טהאָן, אַזוי ווי ער וואָלט געווען צוגעשמידט צום פּלאַץ. מיט זיין לינקע האַנד, וועלכע ער האָט נאָך דערווייל געהאַט פריי, האָט ער געכאַפּט זיין מעסער, וואָס ער האָט געהאַלטען צווישען די ציין, און מיט דיעזע האַנד האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט, און האָט געמאַכט אַ שטאַרקע אָנשטרענגונג צו בעפרייען זיין צווייטע האַנד. אָבער עס איז געווען אומזיסט, ער האָט נור אויסגעפיהרט, דאָס זיין שרעקליכער שונא האָט זיך נאָך פעסטער אַריינגעקוועטשט אין זיין פלייש. זיין שונא האָט געהאַט אַ פלייש ווייך ווי אַ לעדער, שטאַרק ווי שטאָהל, און קאַלט ווי די נאַכט.

אַ צווייטע געשטאַלט, שאַרף, לאַנג און דין, האָט זיך בעוויזען פון דעם שפּאַלט, און האָט זיך באַלד אַרומגעוויקעלט, ווי אַ פּאַס, אַרום גיליאַט'ס בויך. צו דערזעלבער צייט האָט ער דערפּיהלט אַ שמערץ, וואָס האָט געמאַכט אַלע זיינע מוסקלען זיך צוזאַמענציהען. ער האָט געפיהלט ווי חיות אָהן אַ צאָהל האָבען זיך איינגעטשעפּעט אין זיין פלייש און טרינקען זיין בלוט.

אַ דריטע געשטאַלט איז אַרויסגעשפּרונגען פון דעם שפּאַלט פון פעלז און האָט זיך אַרומגעדרעהט אַרום זיינע פיס.

עס איז געווען אונמעגליך אָבצורייסען דיעזע ווייכע גליטשיגע פּאַסען, וואָס האָבען געבונדען זיין קערפּער. יעדער פון די פּאַסען האָט זיך איינגעגעסען אין די פלייש דורך די פיעלע, פיעלע שאַרפע ציין. יעדער שפּיץ האָט איהם פערורזאַכט די שרעקליכסטע יסורים. עס איז געווען ווי טויזענדער מיילער וואָלטען איהם פערשלונגען אין איין און דערזעלבער צייט.

אַ פינפטער לאַנגער, דינער באַנד איז אַרויסגעשפּרונגען פון לאָך.

דיעזער האָט זיך איינגעקלאַמערט אין זיין ברוסט. דאָס האָט נאָך פּער־גרעסערט גיליאַט׳ס ליידען. ער האָט קוים געקענט אָטהעמען.

אַלע דיעזע בענדער זיינען וואַהרשיינליך געקומען פון איין מיטעל־פונקט. און טאַקי באַלד נאָכדעם האָט זיך דער מיטעל־פונקט אַליין בעוויזען.

אַ גרויסע קיילעכדיגע מאַסע. די פינף דינע פאַסען האָבען עס געהערט צו דיעזען צענטער, ווי די שטעקלאַך צו דעם מיטעל־פונקט פון אַ ראָד. אויף דער אַנדערער זייט פון דיעזען שרעקליכען מאָנסטער האָבען זיך גע־זעהן נאָך דריי בענדער, וועלכע זיינען נאָך דערווייל פערבליבען אונטערן פעלז. אין מיטען פון דיעזע ווייכע מאַסע זיינען ערשיענען צוויי אויגען.

די אויגען האָבען געקוקט אויף גיליאַט׳ן.

ער האָט דערקענט אין דיעזען מאָנסטער דעם טייוועל פיש. פאַר די, וואָס האָבען עס ניט געזעהן, איז שווער צו גלויבען אין די עקזיסטענץ פון אַזאַ חיה.

דער טייוועל פיש האָט קיינע ביינער, קיין ברוסט, קיין האַרץ, קיין שנאָבעל, קיינע ציין, קיינע נעגעל, און דאָך פון אַלע אַנדערע בעשעפעניסע איז ער אַם בעסטען בעוואָפענט.

וואָס איז אַלזאָ דער טייוועל־פיש? דאָס איז דער וואַמפּיר פון דעם ים. דיעזער מאָנסטער איז פון אַ גרויליכען קאָליער. ער איז אַזוי דיק, ווי דער אָרעם פון אַ מענשען, און איז כמעט פינף פוס די לענג. זיין אויסזעהן איז ענליך צו אַ פערמאַכטען שירעם אָהן אַ הענטעל; דיעזע מאַסע קומט צו צו אייך גאַנץ לאַנגזאַם. מיט אַ מאָל עפענט זי זיך אויף און אַכט לאַנגע פאַסען קומען אַרויס פון אונטער אַ געזיכט מיט צוויי אויגען. דיעזע פאַסען זיינען לעבעדיג. זייער בעוועגונג איז ווי די פון פלאַמען.

דיעזע פאַסען דערשטיקען אייך. זייער בעריהרונג פאַראַליזירט אייך. ווען זיי זיינען אַרום אייך, קענט איהר זיי בשום אופן ניט אַראָברייסען פון זיך, ביז איהר פאַלט אַנידער טויט.

ווען דער טייוועל־פיש שווימט, רוהט ער זאָ צו זאָגען, אין זיין שייד, ער שווימט מיט אַלע זיינע טהיילען פערמאַכט. ער קען דאַן צוגעגליכען ווערען צו אַ צוגענייטען אַרבעל מיט אַ פויסט אינוועניג. זיינע צוויי אויגען, חאָטש זיי זיינען גרויס, דאָך זיינען זיי ניט קענטיג, ווייל זיי האָבען דעם קאָליר פון וואַסער.

דער טייוועל־פיש, ניט נור ער שווימט, נור ער געהט אויך, איז האַלב פיש, האַלב קריכענדע חיה. ווען דאָס קריכט אויף׳ן גרונד פון ים מאַכט עס געברויך פון זיינע אַכט בענדער. דאָס האָט ניט קיין בלוט, קיינע ביינער און קיינע פלייש. עס איז ווייך און קוואַציג, אַ פעל מיט קיין

זאַך ניט אינעווייניג. זיינע אַכט בענדער קענען אויסגעקערט ווערען אויף די אַנדערע זייט, ווי פֿינגער פֿון אַ הענדשקע.

ער ציהט אייך ניט נור צו זיך נאָר אויך אין זיך. ווערהערענד איהר זייט געבונדען, און צוגעשמידט צום פּלאַץ, פֿיהלט איהר ווי איהר ווערט ביסלעכווייז אַריינגעצויגען אין דיעזען מאָנסטער.

אָט אַזאַ בעשעפֿעניש איז עס געווען אין וועמענס מאַכט גיליאַט איז געווען איינציגע מינוטען. דיעזער מאָנסטער איז עס געווען דער איינוואוינער פֿון דיעזען פּלאַץ, דאָס איז געווען אַ מין סאָרט וואַסער טייוועל.

פֿון די אַכט הענד פֿון דעם טייוועל־פֿיש זיינען פֿינף געווען אַרום גיליאַטס קערפּער און דריי האָבען זיך נאָך געהאַלטען צום פֿעלז צו. צוויי הונדערט און פֿופֿציג מיילער האָבען געזויגען זיין בלוט. גיליאַט האָט נור געהאַט איין וואַפֿע — זיין מעסער. נור זיין לינקע האַנד איז איהם געבליבען פֿריי. אָבער דער לעזער ווייס, מיט וואָס פֿאַר אַ מאַכט ער האָט איהר געקאָנט געברויכען. מען האָט געקאָנט זאָגען אַז גיליאַט האָט געהאַט צוויי רעכטע הענד.

זיין אָפֿענער מעסער איז געווען אין זיין לינקע האַנד.

די הענד פֿון דעם טייוועל־פֿיש קען מען ניט שניידען, דאָס איז אַזאַ לעדערנער שטאָף, וועלכען עס איז אונמעגליך צו שניידען מיט אַ מעסער. עס איז דאָ נור איין וועג צו קעמפֿען מיט דיעזען מאָנסטער, און דאָס איז צו טרעפֿען איהם אין קאָפּ.

גיליאַט האָט דאָס געוואוסט.

מיט דעם טייוועל־פֿיש, ווי מיט אַ צורייצטען אָקס, איז דאָ אַ געוויסער מאָמענט אין דעם קאַמפּף מיט וועלכען מען מוז זיך בענוצען. דאָס איז דער מאָמענט, ווען דער פֿיינד קומט צו אייך מיט'ן קאָפּ; די בעוועגונג איז שנעל. ווער עס פֿערליערט דיעזע געלעגענהייט, דער ווערט פֿערניכטעט.

דאָס, וואָס מיר האָבען דאָ בעשריבען, האָט געדויערט נור איינציגע סעקונדען, גיליאַט האָט אַ כאַפּ געטהאָן זיין מעסער; דאָס בלוט זויגען איז געוואָרען שטאַרקער. גיליאַט האָט געקוקט אויף'ן מאָנסטער, און ער האָט דערזעהן, ווי זיין זעקסטער אָרעם טהיילט זיך אָב פֿון פֿעלז, און גייט כאַפּען זיין לינקע פֿרייע האַנד. צור גלייכער צייט, איז דער מאָנסטער מיט זיין קאָפּ אַרויסגעקומען. נאָך אַ רגע, און דעם מאָנסטער'ס מויל וואָלט געווען אויף גיליאַטס ברוסט. בלוטענדיג פֿון די זייטען, מיט זיינע צוויי הענד געפּענטעט, וואָלט ער זיכער באַלד געווען אַ טויטער מענש.

אָבער גיליאַט איז געווען פֿאָרזיכטיג. ער האָט אויסגעמידען דעם

שפּרונג פֿון דעם מאָנסטערס זעקסטען אָרעם, און אין דעם מאָמענט, ווען דער מאָנסטער האָט אַ שפּרונג געטהאָן, אום זיך אָנצוטשעפּען אָן זיין ברוסט, האָט ער עם אַ שטאַרקען שטויס געטהאָן מיט זיין מעסער, וואָס ער האָט געהאַלטען אין זיין האַנד. עס זיינען געווען אין דעם מאָמענט צוויי קאָנוואולסיאָנען אין ענטגעגען געזעצטע ריכטונגען פֿון דעם טייוועל־פֿיש און זיין אָפּפֿער.

די בעוועגונג איז געווען אַזוי שנעל, ווי אַ בליק.

ער האָט אַריינגעשטויסען דעם שטאָהלען קלונג אין די פֿלאַכע, גליטשיגע שטאָף און מיט אַ שנעלע בעוועגונג האָט ער אַראָבגעריסען דעם קאָפּ.

דער קאַמפּף איז געווען צו ענדע, די בענדער אַרום איהם האָבען אָבגעלאָזען, די פֿיער הונדערט זויג־אַפּאַראַטען בעריבט פֿון די קראַפֿט, וואָס האָט זיי אויפֿגעהאַלטען, זיינען גלייך אַראָבגעפֿאַלען פֿון גיליאַט'ן און פֿון דעם פֿעלז, און גיליאַט האָט צוגעמאַכט זיין מעסער.

עס איז געווען פּונקט די רעכטע צייט, וואָס ער האָט געטויטעט דעם טייוועל פֿיש. ער איז געווען שיעור דערשטיקט. דער גאַנצער קערפּער איז געווען אין וואונדען, פֿון וועלכע עס האָט גערונען בלוט. אַ רפואה פֿאַר דיזע וואונדען איז ים וואַסער: גיליאַט האָט זיך אַריינגעוואָרפֿען אין וואַסער, רייבענדיג זיין גאַנצען קערפּער מיט די הענד. זיינע וואונדען זיינען באַלד געוואָרען ניט געפֿעהרליך.

געהענדיג אַביסעל וויטער איז ער אָהנע עס צו בעמערקען, צוגעקומען צו אַ פּלאַץ, וואָס האָט זיך געצויגען הינטער די וואַנד פֿון די הייל. דער פּלאַץ איז געווען טרוקען. דאָרט אַרום זיינען געלעגען פֿיעלע שטיינדלעך. דער אַריינגאַנג אַהין איז געווען גרויס, און אַ מאַן האָט געקענט אַריינגעהן אַהין איינבויגענדיג זיך. ער איז געווען אימשטאַנד צו זעהן וויט, וואָס עס טהוט זיך דאָרט. איהם האָט אָנגעהויבען צו שווינדלען. עס האָט זיך איהם אויסגעדוכט, דאָס וויט אין דעם ווינקעל פֿון הייל זעהט ער עטוואָס שמייכלענדיג. גיליאַט האָט בעשלאָסען צו זעהן וואָס דאָס איז. ער איז אַריין אין הייל און האָט גלייך אָנגעהויבען געהן צו דעם געגענשטאַנד, וואָס האָט איהם אַזוי שטאַרק פֿעראינטערעסירט.

און ווירקליך עס איז דאָרטען געווען עטוואָס שמייכלענדעס. דאָרט איז געלעגען אַ מענשליכער סקעלעט. דער סקעלעט איז געווען אַרומגערינגעלט פֿון אַ מאַסע ראַקעס. קיינער פֿון זיי האָט זיך ניט גערירט. אויך זיי זיינען שוין געווען טויט. בלויז פּוסטע שאָלעכצען.

צווישען אַ מאַסע שטיינער זיינען דיזע ראַקעס געווען צושפּרייט אין גאַנצע הורבעס. גיליאַט מיט זיין בליק גערינכטעט אויף דעם מענשליכען

סקעלעט, איז געגאַנגען צווישען די טויטע ראַקעס, ניט בעמערקענדיג זיי גאָר.

דער סקעלעט האָט מיט זיך פֿאַרגעשטעלט אַ שרעקליכען אָנבליק. אַ ברעקעל פֿלייש איז אויף איהם ניט געווען, אַזוי ווי מען וואָלט איהם צוגע־ריכט פֿאַר אַ מוזעאום. דאָרט וואו אַמאָל האָט געשלאָגען די האַרץ, איז איצט געווען פֿול מיט טויטע ראַקעס. דער גרינער ראָסט פֿון ים האָט אַרומגע־רינגעלט די לעכער, וואו עס זיינען אַמאָל געווען די אויגען. די ציינער זיי־נען געווען אויסגעשצירעט, די מאַסע טויטע ראַקעס האָבען אויסגעזעהן, אַזוי ווי זיי וואָלטען ערשט געהאַט געענדיגט זייער מאָהלצייט, קיין זאַך וואָלט ניט געקענט זיין מעהר פֿירכטערליך, ווי דער אָנבליק פֿון די טויטע ראַקעס אויף זייער טויטען אָפּפֿער.

גיליאַט איז איצט געווען אין דעם סקלאַד פֿון דעם טייוועל פֿיש. דער אָנבליק איז געווען אַ העכסט טרויעריגער, די ראַקעס האָבען אויפֿגעפֿרעסען דאָס פֿלייש פֿון דעם מענשליכען קערפּער, און דער טייוועל פֿיש האָט אויפֿגעפֿרעסען די ראַקעס.

אין ערגעץ האָט מען ניט געזעהן אַן איבערבלייבעכץ פֿון אַ שטיקעל מלבוש. דער מענש, וועמעס ביינער גיליאַט האָט איצט געזעהן, איז געווים געכאַפּט געוואָרען נאַקעטערהייד.

גיליאַט האָט אָנגעהויבען אַראָבצושאַרען די טויטע ראַקעס פֿון דעם סקעלעט, פּלוצלונג האָט ער זיך איינגעבויגען און האָט זיך בעסער צוגע־קוקט צו דעם סקעלעט. אַרום די טאַליע האָט ער בעמערקט אַ מין פּאַס. דאָס איז געווען אַ לעדערנער גאַרטעל, וועלכען דער מאַן האָט געטראָגען אַרום זיך, ווען ער האָט נאָך געלעבט, דער לעדער איז געווען פֿייכט, און די ספּרונזשינע פֿערזשאַווערט. גיליאַט האָט אַ ציה געטהון דעם גאַרטעל, אָבער די ביינער האָבען ניט געלאָזען, ער האָט געמוזט זיי דורכברעכען אום איהם אַראָבצונעהמען פֿון דעם סקעלעט. ווען ער האָט איהם שוין גע־האַט אין די הענד, האָט ער אין דעם פּאַס אָנגעטאַפּט עפּעס אַ האַרטע זאַך, ער האָט דורכגעשניטען דעם לעדער מיט'ן מעסער און ער האָט דאָר־טען געפֿינען אַ קליינע פֿיער־עקיגע פּושקע און אייניגע שטיקער גאָלד. גיליאַט האָט איבערגעצעהלט צוואַנציג גינעס. די אייזערנע פּושקע איז גע־ווען אַ טאַבאַק פּושקע פֿון אַן אַלטען מאַטראָז, וואָס האָט זיך געעפֿענט און צוגעמאַכט מיט אַ ספּרינג. זי איז געווען זעהר פֿעסט און פֿערראַסטעט, און דאָ איז איהם ווידער צוניץ געקומען זיין מעסער. אַ דריק מיט דעם שפּיץ פֿון אַ קלונג האָט געמאַכט דעם דעקעל אָבשפּרינגען. אינעווייניג זיי־נען געווען בלויז שטיקלעך פּאַפּיר, זיי זיינען געווען פֿייכט אָבער ניט בעשעדיגט, דאָס זיינען געווען דריי באַנקנאָטען, יעדע טויזענד פֿונט סטערלינג.

גיליאַט האָט זיי גלייך ווידער אַריינגעלייגט אין פושקע. אויף זיי האָט ער אָנגעלייגט די צוואַנציג פונט אין גאָלד, און האָט צוגעמאַכט די פושקע, אַזוי גוט ווי עס האָט זיך געלאָזען. האָבענדיג דאָס אָבגעטהון, האָט ער גוט בעקוקט דעם פאַס, אויף דער לינקער זייט האָט ער געפינען איינינע בוכ־שטאַבען, אויסגעקריצט מיט טינט. גיליאַט האָט זיי איבערגעלעזען. די ווערטער זיינען געווען „הערר קלובין".

וועהרענד גיליאַט איז דאָ געווען פערנומען מיט'ן טייוועלפיש און מיט'ן סקעלעט האָט זיך דאָס וואַסער אויפגעהויבען און האָט פערטרונקען דעם אַריינגאַנג פון הייל. גיליאַט האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי אַראָב־צולאָזען זיך אויף'ן גרונד, און אויף אַזאַ אופן פערלאָזען דעם שרעקליכען פלאַץ, ער האָט עס געמאַכט אָהנע גרויסע שוועריגקייטען, ווייל ער האָט זעהר גוט געוואוסט די לאַגע פון דעם אַריינגאַנג, און אַ שווימער איז ער דאָך געווען אַ קינסטלער.

עס איז זעהר לייכט צו פערשטעהן, וואָס פאַר אַ דראַמאַ דאָ האָט זיך אָבגעשפיעלט מיט אַ צעהן וואָכען צוריק. איין מאָנסטער איז בעפאַלען אַ צווייטען: דער טייוועלפיש איז בעפאַלען הערר קלובין.

דיזע צוויי פערקערפערונגען פון פערראַטה האָבען זיך בעגעגענט אין דער מורא'דיגער פינסטערניש. דער מאָנסטער האָט פערניכטעט דעם מענש. דער טייוועל פיש איז איהם בעפאַלען און האָט איהם דערטרינקען, אַ חוואַליע האָט פערטראָגען זיין טויטען קערפּער אין הייל, וואו גיליאַט האָט איהם ענטדעקט.

גיליאַט האָט ווידער אָנגעהויבען זוכען צווישען די פעלזען עטוואָס, אום זיין הונגער צו שטילען, ראַקעס האָט ער שוין מעהר ניט געוואָלט עסען, צו עסען אַ ראַק וואָלט איהם איצט אויסגעזעהן דאָסזעלבע ווי ער וואָלט עסען מענשען פלייש.

ווען גיליאַט האָט שוין ווי עס איז געשטילט זיין הונגער, האָט ער זיך צוריקגעקעהרט צו דעם פלאַץ וואו ער האָט געלאָזען זיין באַרקע. ווען ער איז שוין ביין שיף איז ער דערשראָקען געוואָרען אויף טויט. אין דער באַר־קע איז געווען איבער צוויי פוס וואַסער: אין שיף איז וואו עס איז געוואָ־רען אַ לאָך. ער האָט גלייך דערזעהן, אין וואָס פאַר אַ געפאַהר זיין באַרקע געפינט זיך. וואָלט ער געקומען אַ שטונדע שפּעטער, וואָלט ער מעהר ווי דעם קוימען אַרויסשטאַרצענדיג פון וואַסער. ניט געפונען. ער האָט ניט גע־טאַרט פערלירען אַ מינוט. עס איז געווען אונבעדינגט נויטיג צו געפינען די לאָך, פערשטאָפּען איהר, און דאַן אויסליידיגען די באַרקע אָדער וועניגס־טענס איהר לייכטער מאַכען. קיין פּאָמפּע האָט ער ניט געהאַט, ער

האָט קיין אַנדער זאַך ניט געהאַט פאַר די אָנקומענדע וואַסער ווי אַ שופלע.

גילי̇אַט האָט זיך גלייך גענומען צו דער אַרבייט, ניט נעהמענדיג זיך אפילו צייט אָנצוקליידען. עס האָט איהם געוואָרפען ווי אין אַ קדחת, אָבער ער האָט ניט געפיהלט ניט קיין הונגער און ניט קיין קעלט.

דאָס וואַסער איז געוואָרען יעדע רגע אַלץ מעהר. איבער'ן גאַרטעל אין וואַסער, האָט ער געזוכט אַרום שיף, אויסגעפינען וואו די לאָך איז. ער האָט ענדליך אויסגעפונען דעם אונגליק. וועהרענד דעם שטורם האָט זיך די באַרקע אָנגעשטויסען אין פעלז און דאָס האָט איהר געמאַכט רינען.

די לאָך איז געווען אַ געפעהרליכע צוליעב איהר גרויס. נור גליקלי־כערווייזע איז די שיף נאָך אַלץ געווען איבער דער וואַסער ליניע.

די לאָך איז אויסגעפונען געוואָרען. און איצט האָט מען איהר געמוזט פערשטאָפּען. דאָס איז געווען אַלעס, וואָס איז דערוויל מעגליך געווען.

צווישען די פערשיעדענע זאַכען, וואָס גיליאַט האָט צוזאַמענגעקליבען, האָט ער אויך געהאַט אַן אָנגעפעכטע שטיק לייוועגט. דיעזעס מיט זיינע זאַכען האָט ער אַריינגעפאַקט אַהין, די לאָך איז געווען פערשטאָפּט אָבער נור אויף אַ וויילע, דער קלענסטער ווינטעל האָט געקענט מאַכען די גאַנצע אַרבייט צו גאָר ניט. גיליאַט האָט זיך גענומען אויסשעפען די וואַסער. די אַרבייט האָט איהם געמאַכט פיהלען אַביסעלע וואַרעמער. אָבער זיין מיד־דיגקייט האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע. ער האָט זיך געמוזט אַליין מודה זיין, אַז עס וועט זיין אונמעגליך פאַר איהם אויסצושעפען דאָס גאַנצע וואַסער, דאָך האָט ער געמאַכט נאָך אַן אָנשטרענגונג, אָבער ער האָט עס ניט אויף לאַנג געקענט אויסהאַלטען. די שופלע איז געפאַלען פון האַנד, ער איז געווען נאַקעט. עס האָט געוואָרפען אַ צאָהן אין אַ צאָהן. ער האָט געפיהלט אַזוי ווי פאַר'ן טויט.

אַ מעגליכער צופאַל איז איהם פלוצלונג געקומען אין די געדאַנקען, פיללייכט וועט אַ שיף פערביי זעגלען, און זי וואָלט איהם זעהר פיעל גע־קענט העלפען. עס איז געקומען דער מאָמענט, ווען אימעצענס הילפע איז געווען אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיגקייט. נאָך איינער מיט אַ לאַמטערנע — וואָלט נאָך אַלעס געקענט געראַטעוועט ווערען. און אַזוי ווי דער העלפער איז ניטאָ מוז ער וואַרטען די גאַנצע נאַכט ביז עס וועט טאָג ווערען. אין אַזאַ לאַנגע צייט קען די באַרקע הונדערט מאָל אונטערגעהן. וואָלט אַ שיף זיך וואו בעוויזען, וואָלט גיליאַט געקענט איהר געבען אַ סיגנאַל פון שפיץ פון הויכען פעלז. קיין ווינד איז ניט געווען, דער הימעל קלאָהר און עס איז געווע מעגליך אַז אימעצער זאָל איהם דערזעהן.

גיליאַט האָט אַרויפגעקלעטערט אויף'ן פעלז, קיין זאַך האָט זיך ניט געזעהן אויף'ן ברייטען ים. גיליאַט האָט געפיהלט, אַזוי ווי אַלעס וואָלט געווען פערלאָרען, אַ געפיהל וואָס ער האָט נאָך ניט געשפירט ביז דאַן.

אַ פינסטערער צופאַל איז איצט געווען הערשער איבער איהם. מיט זיין גאַנצע אַרבייט, מיט זיין ערפאָלג, זיין קוראַזש זיינען, ער, זיין שיף און דער אינדזשין געוואָרען די שפּיעלצייג פון אַ חוואַליע. ער האָט קיין מי־טעל מעהר געהאַט מעהר אָנצופיהרען דעם קאַמפף. ווי האָט ער געקענט פערקירצען די נאַכט, ניט צולאָזען דאָס וואַסער זאָל זיך אויפהויבען, און דער ווינד זאָל ניט בלאָזען?

די דערוויילינע פערשטאָפּונג איז געווען זיין איינציגע האָפנונג. אַלעס, וואָס ער האָט געהאַט אַרום און אויף זיך, האָט ער פערברויכט פאַר די פערשטאָפּונג. בעסער מאַכען האָט ער איהר ניט געקענט, און דיזע פער־שטאָפּונג, האָט געקענט צו יעדער צייט פון אַ גרויסע חוואַליע אַרויסגע־שטופּט ווערען. אַלעס איז איצט אָבגעהאַנגען פון דעם קאַמפף צווישען אַ חוואַליע און אַ בינטעל שמאַטעס.

גיליאַט האָט געקוקט מיט ווילדע, פערצווייפעלטע בליקען אין די וויטקייט. ער איז געשטאַנען גאַנץ נאַקעט אין מיטען פון דיזע גאַנצע אונגעהייערע, אונפאַסבאַרע גרויסקייט.

דאַן ווערענדיג איבערמעכטיגט פון דיזע אונבעקאַנטע אונענדליכקייט, איז ער ניעדערגעזונקען, האָט אויפגעגעבען דעם קאַמפף האָט זיך אַוועק־געלייגט אויף'ן פעלז מיט'ן פנים צו די שטערען, און אויפהויבענדיג זיינע הענד צו די שרעקליכע טיפענישען, האָט ער אויסגעשריען אין דער הויך:

„האָב רחמנות!"

גיליאַט האָט צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען תפילה געטהאָן.

זיין גאַנצער וועזען האָט אויסגעזעהן, אַזוי ווי עס זאָל זיך האָבען אויפגע־לייזט אין קעלט, מידיגקייט, מאַכטלאָזיגקייט, געבעט און פינסטערניש.

זיינע אויגען האָבען זיך איהם צוגעשלאָסען.

אייניגע שטונדען זיינען פערבייגעגאַנגען.

די זון האָט זיך אויפגעהויבען אין אַ קלאָהרען, אונבעוואָלקטען הימעל.

איהר ערשטער שטראַהל האָט געטראָפען אַ בעוועגונגסלאָזען קערפּער אויף דעם גרויסען דאָווער. דאָס איז געווען גיליאַט.

ער איז נאָך אַלץ געלעגען אויסגעשטרעקט אויף'ן פעלז.

ער איז געווען נאַקעט, קאַלט און שטייף, אָבער ער האָט ניט געצי־טערט. עס וואָלט געווען שווער פאַר אַ צושויער צו זאָגען אויב די געשטאַלט איז ניט קיין טויטער גוף.

די זון האָט אויסגעזעהען צו קוקען אויף איהם.

אויב ער איז נאָך ניט געווען טויט, איז ער אָבער געווען אַזוי נאָהענט צום טויט, דאָס דער מינסטער קאַלטער ווינטעל וואָלט געווען גענוג, אום אויסצולעשען דאָס לעבען.

דער ווינד האָט אָבער אָנגעהויבען צו אָטהעמען וואַרעם און בעלע־בענדיג. דאָס איז געווען דער אָטהעמען פון מאַי.

די זון האָט זיך אויפגעהויבען אין די בלויע הימלען, און מיט איהרע וואַרימע שטראַהלען האָט זי איינגעוויקעלט דעם בעוואוסטלאָזען האַלב טויטען גוף.

גיליאַט האָט זיך ניט אַ ריהר געטהאָן, אויב ער האָט געאָטהעמט איז עס געווען אַזוי שוואַך, דאָס עס איז געווען קוים צו בעמערקען.

די זון האָט איבער איהם אַלץ מעהר און מעהר געוואַרעמט די לופט, וואָס איז פריהער נור געווען וואַרעמלעך, איז איצט געוואָרען הייס, און עס האָט זיך געהערט אַ קרעכץ, אַרויסרייסענדיג זיך פון גיליאַטס ברוסט. ער האָט געלעבט, גיליאַט האָט אָנגעהויבען זיך צו ריהרען. די ים פייגעלעך וועלכע האָבען שוין גוט געקענט דיזע געשטאַלט, זיינען געפלויגען אַרום איהר, ניט מיט זייער אַמאָליגע פערוואונדערונג, נור מיט אַ מין ברידערליכע צערטליכקייט; זיי האָבען אַרויסגעלאָזען פון זיך געשרייען פול שמערץ; עס האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי זיי וואָלטען איהם גערופען און געוועקט.

איין פויגעל האָט געקראָגען אַזוי פיעל קוראַזש צו קומען גאַנץ נאָהענט צו איהם; זי האָט אָנגעהויבען כאָרכלען, אַזוי ווי זי וואָלט צו איהם גערעדט. אָבער דער שלאָפער האָט זיך ניט אַ ריהר געטהאָן, די פויגעל איז אַרויפגעפלויגען אויף זיין אַקסעל און האָט אָנגעהויבען צערטליך בעריהרען זיינע ליפען.

גיליאַט האָט אויפגעעפענט זיינע אויגען.

די פייגעל זיינען צופלויגען מיט אַ ווילדען, לוסטיגען געשריי. גיליאַט האָט זיך אויפגעהויבען, האָט זיך אויסגעשטרעקט, ווי אַ לייב, איז צוגעלאָפען צו דעם ראַנד פון דעם דאָווער, און האָט אַרונטערגעקוקט אונטען צום ים.

זיין שיף איז נאָך דאָרט געשטאַנען, מיט דעם אינדזשין און אַלע־מען, די פערשפאָנונג האָט אויסגעהאַלטען. דער ים איז וואַהרשיינליך געווען זעהר רוהיג די גאַנצע נאַכט.

אַלעס איז געווען גערעטעט. גיליאַט איז שוין מעהר ניט געווען מיד, זיינע קרעפטען זיינען מיט אַמאָל צו איהם צוריק געקומען. זיין בעוואוסט־לאָזיגקייט האָט זיך אומגעוואַנדעלט און אַ טיעפען שטאַרקען שלאָף.

ער איז גלייך אַרונטער, האָט אויסגעשעפּט דאָס וואַסער פֿון שיף. די לאָך אין זיין שיף איז איצט געווען איבער די וואַסער ליניע. ער האָט זיך אָנגעקליידעט, האָט געגעסן, געטרונקען אַביסעל וואַסער און איז געווען גליקליך.

די לאָך פֿון זיין שיף, בעטראַכט פֿיר דעם שיין פֿון די זונן, האָט געפֿאָדערט מעהר אַרבייט, ווי ער האָט זיך עס פֿאָרגעשטעלט. דעם גאַנ־צען טאָג האָט פֿערנומען צו פֿעררירכטען איהר. אויף מאָרגען ערשט, גלייך מיט דעם אָנפֿאַנג פֿון דער זונן, נאָכדעם ווי ער האָט אַוועקגענומען זיינע פֿערצאַמונגען, און אויפֿעפֿענענדיג דעם אַריינגאַנג אין ים, אָנגעטהאָן אין זיינע צוריסענע קליידער, וואָס האָבען איהם געדינט אַלס אַ מיטעל צו פֿערשטאָפּען די לאָך, האָבענדיג מיט זיך קלובינס גאַרטעל מיט 75 טויזענד פֿראַנק, שטהענדיג גלייך שטאָלץ אין זיין שיף לעבען אינדזשין, האָט גיליאַט זיך אָבגעשטופּט פֿון די דאָווערס און האָט געריכטעט זיין שיף גלייך נאָך סאַן סאַמפּסאָן.

דריטער טהייל.

I.

סאַן סאַמפּסאָן פֿון איצט איז כמעט אַ שטאָט. דער סאַן סאַמפּסאָן פֿון פֿערציג יאָהר פֿריהער איז געווען כמעט ווי אַ דאָרף.

ווען די ווינטער אָבענדען האָבען זיך געענדיגט, און דער פֿריהלינג איז געקומען, זיינען די איינוואוינער ניט לאַנג געבליבען אויסערן בעט נאָך דעם, ווי די זונן איז אונטערגעגאַנגען.

איין אָוועגד, אָנפֿאַנג מיי, נאָכדעם, ווי לעטהיער האָט בעטראַכט די לבנה דורך די בוימער און האָט זיך צוגעהערט צו די טריט פֿון דערושעט, וועלכע האָט אַרוגעשפּאַצירט אַליין אין גאָרטען, איז ער אַריין אין זיין צימער און האָט זיך געלייגט שלאָפֿען. אויסער דערושעט האָט די גאַנצע הויזגעזינד געשלאָפֿען. די דינסט־מיידלאַך זיינען שוין געווען אין בעט. די טהירען און לאָדענס זיינען געווען צוגעמאַכט. קיין טריט האָט זיך ניט געהערט פֿון גאַס. עס האָט נאָר וואָס געשלאָגען ניין, און שוין איז דער גאַנצער דאָרף געלעגען אין טיפֿען שלאָף.

העדר לעטהיער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף זיין בעטעל אין די קליידער.

צייט דעם אונגליק, וואָס האָט געטראָפֿען מיט דוראַנד, איז די בעטעל געווען דער איינציגער מיטעל פֿאַר לעטהיער צו פֿערגעסען זיך. ער איז נאָך אַלץ געווען ווי אין אַ חלום. ער האָט נאָך ניט צוריק בעקומען די מאַכט און געזונדקייט פֿון אַלע זיינע פֿעהיגקייטען. זיינע בעטראַכטונגען זיינען ניט געווען קיין געדאַנקען; זיין שלאָף איז ניט געווען קיין אָברוה. ביי טאָג איז ער ניט געווען וואַכענדיג, און ביי נאַכט ניט שלאָפֿענדיג.

ער איז געווען אויף און דאַן זיך אַוועקגעלייגט. דאָס איז געווען אַלעס. אַמאָל פֿלעגט ער פֿערבלייבען נאָך מיטאָג־צייט לעבען פֿענסטער פֿון זיין צימער, קוקענדיג צום האַפֿען, וואו די דוראַנד פֿלעגט זיך אָבשטעלען, און

האָט געקוקט און געקוקט נים בעמערקענדיג קיין אַנדער זאַך, וואָס טהוט זיך אַרום איהם.

אַ געוויסע פּאַסירונג האָט איהם אויפגעוועקט פון דיעזען טרוימערישען, לעבלאָזען צושטאַנד. איין נאָכמיטאָג, אין מיטען אפּריל איז אָנגעקומען אַ בריף. דער בריעף איז געקומען פון איבער'ן ים. די דינסטמיידעל האָט אַריינגעבראַכט דעם בריעף צו איהר בעל הבית. ער האָט איהם צוגענומען פון איהר, מעכאַניש אַוועקגעלייגט אויף'ן טיש, און האָט זאָגאַר נים אַ קוק געטהאָן אויף איהם.

דער בריעף איז געבליבען אַ גאַנצע וואָך אויף'ן טיש ניט געעפענט. איין פריה מאָרגען האָט די דינסטמיידעל איהם געפרעגט, אויב זי מעג אָבראַמען דעם שטויב פון בריעף. לעטהיער האָט זיך אַזוי ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

„דו ביזט גערעכט", האָט ער געזאָגט. ער האָט גלייך געעפענט דעם בריף און האָט דאָרט געלעזען:

„צו הערר'ן לעטהיער פון סאַן סאַמפּסאָן".

„איהר וועט זיין צופרידען צו הערען נייעס פון מיר, איך בין אויף אַ שיף, וואָס געהט צו אַ פּלאַץ, פון וואַנען מען קומט נים צוריק. צווישען די מאַטראָזען געפינט זיך איינער פון סאַן סאַמפּסאָן, וואָס וועט יאָ קומען צוריק און וועט אייך איבערגעבען אייניגע אינטערעסאַנטע פאַקטען.

איהר וועט זיין ערשטוינט צו הערען, דאָס איך געה ווערען אַן עהר־ליכער מאַן, אַזוי עהרליך, ווי הערר קלובין.

„איך דענק, אַז איהר מוזט וויסען, וואָס האָט ניט לאַנג פּאַסירט צווישען מיר און איהם, דאָך איז פּיליכט נים איבעריג צו דערצעהלען עס אייך אין קורצען.

מיט אייניגע יאָהר צוריק האָב איך פון אייך צוגענומען פופציג טויזענד פראַנק. איידער איך האָב פערלאָזען דיעזען וועלט־טהייל, האָב איך איבער־געגעבען צו אייער פערטרויטען געשעפטס אַגענט דריי באַנקנאָטען, טויזענד פונט סטערלינג יעדע. דאָס מאַכט צוזאַמען 75 טויזענד פראַנק. איהר וועט אָהנע צווייפעל זיין צופריעדען מיט דיעזע סומע.

הערר קלובין האָט פאַר אייך געהאַנדעלט און האָט ערהאַלטען אייער־געלד, איינגעשלאָסען די פראָצענטען אויף אַ זעהר ענערגישען אופן. עס האָט מיר אויסגעזעהען, אַז ער איז שוין אַ ביסעל צו אויפריג, אַלס אַן איינמאָנער פון אייער געלד, און צוליעב דעם לאָז איך עס טאַקי אייך וויסען.

אייער ערשטער פערטרויטער ביזנעס־אַגענט.

„ראַנטאַין,

פ. ס. הערר קלובין האָט געהאַט ביי זיך אַ רעוואָלווער, ווען איך האָב איהם אַוועקגענעבען אייער געלד. דאָס וועט אייך ערקלערען, וואַרום איך האָב ניט קיין רעסיט.

לעטהיער איז געטראָפען געוואָרען ווי פון אַ בליץ פון דיעזען בריעף. ער האָט דערקאָנט די האַנדשריפט, דעם אונטערשריפט. וואָס אַנבעלאַנגט די פאַקטען, האָט ער אָנפאַנגס גאָר ניט פערשטאַנען. באַלד אָבער האָט ער אָנגעפאַנגען נאָכצודענקען, און זיין שלאָפענדער מאַרך האָט אָנגעהויבען צו אַרבייטען.

שוין לאַנג האָט מען אָנגעהויבען מורמלען, אַז קלובין האָט עס גע־מוזט אַבזיכטליך טהאָן, זיין ניט צוריק קומען האָט אויפגעוועקט אַ חשד געגען איהם, אַלעס וואָס האָט געפעהלט, איז געווען דער מאָטיוו, וואַרום זאָל עס קלובין האָבען געטהאָן. איצט איז אָבער געווען אַלעס קלאָהר פאַר לעטהיער.

דער איינדרוק, וואָס דיעזער בריעף האָט געמאַכט אויף לעטהיער, איז געווען שרעקליך. צוזאַמען מיט די דוראַנד האָט ער אויך פערלאָרען דעם גלויבען אין אַ מענשען, אין וועמען ער האָט זיך אין גאַנצען פערטרויט.

אין דעם אָווענד, וואָס מיר האָבען דערמאָהנט אין אָנפאַנג פון דעם קאַפּיטעל, און וואָס איז געווען איינער פון די ערשטע אין מאָנאַט מאַי, האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף זיין בעטעל אין אַ צושטאַנד פון די בי־טערסטע פערצווייפלונג. זיין גאַנצער לעבען איז פערבייגעפלויגען פאַר זיינע אויגען. ווי ער האָט געאַרבייט, געהאָרעוועט, געשטרעבט, און איצט וואָס? אַן אָרימאַן, אַ בעטלער!

אַזוי האָט ער זיך אַרומגעוואָרפען אַ פּאָר שטונדען. פּלוצלונג האָט ער צופעליגער ווייזע אַ קוק געטהאָן דורך'ן פענסטער. ער האָט דערזעהן עט־וואָס אונגעוועהנליכעס. ער האָט דערזעהן אַ קוימען פון אַ דאַמפּף שיף. לעטהיער האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט. דער גאַנצער האַפען איז געווען בעלויכטען מיט די שטראַהלען פון דער לבנה, און דאָרט האָט זיך אויך געזעהן זיין אינדזשין מיט'ן קוימען מיט אַלעמען.

עס האָט ניט גענומען קיין רגע און ער איז גלייך געווען דרויסען מיט אַ לאַנטערנע אין האַנד. און ווירקליך אויף דעם פּלאַץ, וואו די דוראַנד פלעגט שטעהן, איז איצט געשטאַנען אַ באַרקע, אין וועלכע עס איז געזעסען פעסט דער אינדזשין. קיינער איז אין דער באַרקע ניט געווען. ער האָט אָבער גלייך דערקענט, אַז דאָס איז גיליאַט'ס באַרקע.

לעטהיער איז אַריין אין שיף, האָט בעטראַכט דעם אינדזשין פון אַלע זייטען, אַלעס אויף'ן אָרט. דאַן האָט ער אויסגעפּלאַצט אין אַ ווילדען גע־לעכטער און האָט אָנגעהויבען שרייען: העלפט! העלפט!

דער גלאָק פֿון האַפֿען איז געווען ניט ווייט, ער איז צו איהם צוגע-לאָפֿען און האָט אָנגעהויבען קלינגען מיט אַלע זיינע כוחות.

II.

גיליאַט'ס רייזע נאָך סאַן סאַמפּסאָן איז געווען אַביסעל לאַנגזאַם, אָבער אָהן אירגענד וועלכען צופֿאַל. ווען ער איז צוגעקומען צום האַפֿען, איז שוין דאַן געווען ניט ווייט פֿון צעהן; אַלעס אַרום און אַרום איז געווען שטיל. ער האָט צוגעפֿעסטיגט זיין שיף צו דעם רינג, צו וועלכען די דוּ-ראַנד פֿלעגט פֿערפֿעסטיגט ווערען איין מאָל אַ וואָך, און איז גלייך צוגע-לאָפֿען צו לעטהיערס הויז, האָפֿענדיג צו כאַפּען אַ בליק אויף דערושעט אויב זי שלאָפֿט נאָך ניט.

גיליאַט האָט אַרויפֿגעקוקט צו די צוויי פֿענסטער פֿון הויז. ער האָט געטראַכט פֿון דעם שלאָף פֿון די, וואָס איז איהם געווען אַזוי טהייער. הינטער יענער וואַנד שלאָפֿט זי געוויס. ער האָט געוואונשען, הלואי וואָלט ער איצט דאָ ניט געווען, און דאָך וואָלט ער גיכער געשטאָרבען איידער אַוועקצוגעהן פֿון דאַנען; ער האָט געטראַכט איבער די צערטליכע בעווע-גונג פֿון איהר ברוסט. ער האָט אַזוי ווי געזעהן איהר מיט איהרע צוגע-מאַכטע אויגען, מיט'ן געזיכט ליגענדיג אויף'ן האַנד. ווייטער האָט ער ניט געהאַט דעם מוטה צו דענקען, און דאָך ניט ווילענדיג האָט ער געטראַכט דעריבער; מיט וואָס פֿאַר אַ זיסען שווידער עס האָט זיך געמאָלט אין זיין פֿאַנטאַזיע זיין באַלדיגע נאָהענטקייט צו איהר, צו דיעזע בעשעפֿעניש פֿון די וואָלקענס! די פֿינסטערניש פֿון דער נאַכט מאַכט אַמאָל דרייסט די שרעקעדיגסטע פֿאַנטאַזיען. גיליאַט איז געווען שרעקליך בייז אויף זיך, דאָס ער דענקט גאָר פֿון דערושעט אויף אַזאַ אופֿן, און דאָך האָט ער זיך ניט געקענט אָבררייסען פֿון דיעזע געדאַנקען; ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט איהר צימער, איהר אונטערקלייד אויף'ן שטוהל, איהר דזשעקעט אַרונטער-געפֿאַלען אויף'ן קאַרפּעט; ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט איהר קאָרסעט, איהרע זאָקען, איהרע שיך — זיין זעעלע איז געווען צווישען די שטערען.

מיט אַמאָל האָט עטוואָס צוגעצויגען זיין אויפֿמערקזאַמקייט אין גאָרטען. ער האָט געוואָרפֿען אַ שנעלען בליק און האָט איהר דערזעהן.

גיליאַט האָט געפֿיהלט, ווי עס געהען איהם אוים די כוחות. דאָס איז געווען דערושעט.

דערושעט האָט פֿאָרטגעזעצט איהר שפּאַציר. זי איז געבליבען שטעהן,

צוריקגעגאַנגען עטליכע טריט, און ווידער שטעהן געבליבען, דאַן איז זי צוריקגעקומען און האָט זיך געזעצט אויף אַ הילצערנע באַנק.

וואָס גיליאַט האָט געפיהלט דערזעהענדיג איהר, איז אונמעגליך צו בעשרייבען אין ווערטער. צו זעהן דערושעט, איהר אַליין, צו זעהן איהר קלייד, איהר הוט, איהר שטיינגע, וועלכע זי האָט געדרעהט אַרום איהר פינגער — איז דאָס געווען מעגליך זיך גאָר פאָרצושטעלען? איז עס מעגליך צו זיין אַזוי נאָהענט צו איהר, צו הערען איהר אָטהעמען? גיליאַט האָט זיך געפיהלט דער עלענדסטער און צו גלייכער צייט דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט. ער האָט גאָר ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל טהאָן. דער געדאַנק אַריבערצושפרינגען איבערן פאַרקען און זיין לעבען איהר, איז איהם גאָר אין זינען ניט געקומען. וואָלט צו איהם געקומען אַזאַ געדאַנק, וואָלט ער געוויס גלייך גענומען און אַנטלאָפען. אויב אירגענד וועלכער געדאַנק איז ביי איהם יאָ געווען אין קאָפ, איז עס געווען בלויז דאָס דערושעט זיצט דאָ אויף אַ באַנק ניט ווייט פון איהם. מעהר פערלאַנגט ער גאָר ניט, און ער באָדט זיך אין אַ ים פון גליקזעליגקייט.

אַ גערויש האָט זיי ביידען אויפגעוועקט — איהר, פון איהר פערטראַכטקייט און איהם פון זיין ענטציקונג.

אימיצער איז צוגעקומען ניט ווייט פון דעם פלאַץ, וואו זי איז געזעסען. עס איז געווען פאַר גיליאַט אונמעגליך, צוליעב די צווייגען פון די בוימער, צו זעהן ווער דאָס איז, אָבער די טריט זיינען געווען פון אַ מאַנספערזאָן.

דערושעט האָט אויפגעהויבען איהרע אויגען.

די טריט זיינען געקומען אַלץ נעהענטער, דאַן האָבען זיי אויפגעהערט. די קומענדע פערזאָן איז געבליבען שטעהן. גיליאַט האָט געקאָנט נור זעהן דעם שאָטען פון די אָנקומענדע פערזאָן. ער האָט געקוקט אויף דערושעט. זי איז געווען גאַנץ בלאַס, איהר מויל איז געווען עטוואָס אָפען, אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט אַרויסלאָזען פון זיך אַ געשריי פון פערוואונדערונג. זי האָט זיך עטוואָס אויפגעהויבען אָבער זי איז באַלד צוריקגעזונקען אויף איהר פלאַץ. אין איהר מינע האָט זיך בעמערקט אַ צומישונג פון די גרעסטע פרייד מיט אַ וואונש צו אַנטלויפען. איהר ערשטוינונג האָט אויסגעדריקט ענטציקונג, פעראייניגט מיט שרעקעדיגקייט.

דער פרעמדער, וועלכער איז געווען פאַר גיליאַט בלויז אַ שאָטען, האָט אָנגעהויבען ריידען. אַ שטימע האָט זיך געהערט פון הינטער די בוימער. דאָס איז געווען אַ שטימע פון אַ מאַנספערזאָן. גיליאַט האָט געהערט דיזע ווערטער:

איך ליעב אייך! גאָט האָט ניט בעשאַפען די האַרץ פון מענשען זי

זאָל בלייבען שטיל. ער האָט איהם פֿערשפּראָכען גליק, ווינשענדיג, דאָס ער זאָל ניט בלייבען אַליין. פֿאַר מיר איז דאָ נור איין פֿרוי אויף דער גאַנצער וועלט. דאָס זיינט איהר! איך דענק פֿון אייך, ווי פֿון אַ גרויסע תפילה. מיין גלויבען איז אין גאָט, און מיין האָפֿנונג אין אייך. איהר זייט מיין לעבען, מיין העכסטער גליק.

„מיין הערר!" האָט דערושעט געענטפֿערט. „עס איז ניטאָ קיינער אין הויז, וואָס זאָל אייך ענטפֿערען."

די שטימע האָט זיך ווידער געלאָזט הערען:

„יאָ, איך האָב זיך ערלויבט צו טרוימען פֿון גליק, גאָט האָט אונז ניט פֿערבאָטען צו טרוימען. איך ליעב אייך מיט'ן גאַנצען האַרצען, פֿריילייןֿ. פֿאַר מיר זייט איהר די הייליגע אונשולד. איך וויים, אַז עס איז איצט די צייט, ווען אַלע אין אייער הויז שלאָפֿען שוין, אָבער איך האָב ניט גע־קענט אויסקלייבען אַן אַנדער מינוט. געדענקט איהר יענע שטעלע אין די ביבעל, וועלכע אַן אַנדערער האָט אונז פֿאָרגעלעזען? זייט דאַן האָב איך געטראַכט דעריבער. דער רעווערענד הערראָד האָט צו מיר געזאָגט, דאָס איך מוז מיר קריגען אַ רייכע פֿרוי און איך האָב געענטפֿערט, ניין, איך מוז האָבען אַן אָרימע פֿרוי. איך רייד צו אייך, פֿריילייןֿ, ניט האָבענדיג מוטה געטנוג צו צוקומען נאָהענט צו אייך. איך וואָלט נאָך וויטער גע־שטאַנען, אויב עס וואָלט געווען אייער וואונש, דאָס מיין שאָטען זאָל ניט אָנריהרען דעם פּלאַץ, וואו אייערע פֿיס געפֿינען זיך. אייער ווילען איז פֿאַר מיר דאָס העכסטע. איהר וועט קומען צו מיר, אויב דאָס איז אייער וואונש. איך ליעב און איך וואַרט. איהר זייט די לעבעדיגע געשטאַלט פֿון אַ ברכה. גאָט צייגט זיין ווילען דורך די בלומען, דורך די ליכט פֿון טאָג, דורך דעם פֿריהלינג און ליעבע איז זיין געבאָט. ווי שעהן איהר זייט אין דיזען הייליגען שאָטען פֿון דער נאַכט! דיעזער סאָרט גאָרטען איז אויפֿגעפּאַסט געוואָרען פֿון אייך, אין זיינע ריחות איז דאָ עטוואָס פֿון אייער אָטהעם. די ליעבע פֿון אונזערע זעעלען ווענדט זיך ניט אָן אונז. דאָס קען אונז ניט גערעכענט ווערען פֿאַר אַ זינד; איהר זייט געווען אין יענעם צימער; אויך איך בין דאָרט געווען; דאָס אַלעס. איך האָב ניט געטהאָן קיין זאַך אויסער דאָס, וואָס איך האָב געפֿיהלט, אַז איך ליעב אייך. מאַנכעס מאָל האָב איך אויף אייך אַ בליק געטהאָן; איך בין געווען אפשר אונגערעכט, אָבער איך האָב ניט געקענט אַנדערש האַנדלען; אַלעס דאָס האָט געטראָפֿען, וויל איך האָב געקוקט אויף אייך; איך האָב ניט געקענט אָבקעהרען מיינע בליקען; די האַרץ איז דער גרעסטער טעמפּעל פֿון אַלע; צו האָבען אייער גייסט אין מיין היים, דאָס איז דער אירדישער גן עדן, צו

וועלכען איך שטרעב. זאָגט אַז איהר וועט זיין מיינע! אָה, ווערט מיין פרוי! ווילט איהר ניט? מעהר ווי איין מאָל האָבען מיינע אויגען, ניט ווילענדיג, געשטעלט צו אייך דיזע פראַגע! איך ליעב אייך! ענטפערט מיר! איך וועל ריידען צו אייער פעטער, אַזוי שנעל, ווי ער וועט מיר נור וועלען און קענען הערען, אָבער איך ווענד מיך פריהער צו אייך; צו רבקה'ן בעט איך פאַר רבקה'ן!

דערושעט האָט אַראָבגעלאָזען איהר קאָפּ, און האָט געמורמעלט:

„אָה, איך פערגעטער איהם!"

זי איז געבליבען אַזוי זיצען מיט אַן אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט בעהאַלטען איהרע גערדאַנקען און געפיהלען, וואָס האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט אין איהר געזיכט. עס איז אָנגעקומען אַ רגע פון גענצ-ליכע שטילקייט, קיין בלעטעל האָט זיך ניט בעוועגט. עס איז געקומען יענער טיפער פרידליכער מאָמענט, ווען דער שלאָף פון דער אויסערליכער נאַטור מישט זיך צוזאַמען מיט דעם שלאָף פון די לעבעדיגע בעשעפעניסע, און די נאַכט זעהט אויס, ווי זי וואָלט זיך צוגעהערט צו דעם קלאַפען פון דער נאַטורס האַרץ: אין מיטען פון יענע רוהע, ווי אַ האַרמאָניע וואָס מאַכט די שטילקייט נאָך פאָלשטענדיגער, האָט זיך געהערט דער מורמלען פון ים.

און באַלד האָט זיך ווידער געהערט די שטימע:

„פרייליין!"

דערושעט האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן מיט איהר גאַנצען קערפער. און ווידער האָט די שטימע געזאָגט:

„איהר זענט שטיל!"

„וואָס ווילט איהר, זאָל איך זאָגען?"

„איך וואַרט אויף אייער ענטפער!"

„גאָט האָט איהם געהערט!"

דאַן האָט זיך ווידער געהערט די שטימע, וועלכע איז געוואָרען מיט אַ טאָן ערנסטער.

איהר זייט אַלזאָ מיין פער'קנס'טע! קומט צו מיר. לאָז דער בלויער הימעל מיט אַלע זיינע שטערען זיין אַן עדות פון די באַהעפטונג פון מיין זעעלע מיט דיינע און זאָל אונזער ערשטע אומאַרמונג זיין פאַרמישט מיט דיעזען הימעל.

דערושעט האָט זיך אויפגעהויבען און איז געבליבען פאַר אַ רגע בעוועגונגסלאָז. דאַן מיט לאַנגזאַמע טריט און מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, מיט די אָרעמס אַראָבגעלאָזען און מיט די פינגער פון איהרע הענד פאַ-

נאַנדער געשפּרייט, איז זי צוגעגאַנגען צו די בוימער, פון הינטער וועלכע די שטימע האָט גערעדט, און זי איז פערשוואונדען געוואָרען פון גיליאַטס אנגעזיכט.

אַ מינוט שפּעטער האָבען זיך געזעהען צוויי שאָטענס אין גאָרטען. גיליאַט האָט געזעהן, ווי דיזע צוויי שאָטענס האָבען זיך ארומגענומען.

אין געוויסע מאָמענטען פון אַ קריזיס, פליהט די צייט אַוועק ווי די זעמדעלאַך פון אַ שטונדע גלאָז, און מיר פיהלען גאָר ניט ווי זי געהט אַוועק. דיזע פּאָר פון איין זייט, וועלכע עס האָט זיך גאָר ניט גע'חלום'ט אַז אימיצער זעהט צו אַלעס, וואָס איז צווישען זיי פאָרגעקומען, און דער עדות פון דער אַנדערער זייט, וואָלטען בשום אופן ניט געקענט זאָגען, ווי לאַנג דאָס האָט אַלעס גענומען. פּלוצלונג האָט זיך געהערט אַ קלינגען מיט'ן גלאָק, און אַ שטימע וואָס האָט געשריען: „העלפט!" ווען אימיצער וואָלט געזוכט אין דיזע מינוט גיליאַט'ן לעבען פאַרקען פון לעטהיערס גאָרטען, וואָלט ער איהם שוין דאָרט ניט מעהר געפונען.

III.

פּלוצלונג האָט לעטהיער אויפגעהערט צו קלינגען. ער האָט דערזעהן פון הינטער דעם פאַרקען אַ מענש אַרויסקומען.

דאָס איז געווען גיליאַט.

לעטהיער איז צוגעלאָפען צו איהם, אָדער ריכטיגער, האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף איהם, האָט איהם געכאַפּט פאַר'ן האַנד, און האָט פאַר אַ רגע געקוקט איהם שטיל גלייך אין געזיכט אריין. דאָס איז געווען די שטילקייט פון אַן עקספּלאָזיאָן, וואָס האָט געזוכט צו געפינען אַן אויס-גאַנג.

דאַן שלעפּענדיג איהם און טרייסלענדיג איהם מיט זיין גאַנצען כח, צוקוועטשענדיג איהם באַלד אין זיינע אָרעמס, האָט ער איהם געצוואונגען אַריינצוגעהן אין דעם אונטערשטען צימער פון זיין הויז, האָט מיט'ן פוס אויפגעשטויסען די האַלב אָפענע טהיר, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול לעבען דעם גרויסען טיש, באַלויכטען פון די לבנה, די אָבשטראַהלונג פון וועלכע האָט געגעבען אַ מאָדנע בלאַסקייט אויף גיליאַט'ס פנים און מיט אַ שטימע, אין וועלכע עס זיינען געווען צוזאַמענגעמישט געלעכטער און טרערען, האָט ער אויסגעשריען:

„אַה, מיין זוהן! מיין שפּיעלער אויף די פייפלאַך, איך האָב עס גלייך געוואוסט, אַז דו ביסט עס געווען! דיין שיף איז עס! אָבער דערצעהל מיר

די געשיכטע, דו ביסט אַלזאָ אַוועק אַהין! ווייסטו אַז מיט אַ הונדערט יאָהר צוריק וואָלט מען דיר פֿערברענט פֿאַר אַזאַ זאַך, אַלס אַ כישוף מאַבער! דאָרט פֿעהלט דאָך ניט קיין שרייפֿעל! איך האָב שוין אַלעס בעטראַכט, וואונדערבאַר, ווי דו האָסט דאָס אַלעס געמאַכט! איך האָב דיר געזוכט אין די קליינע קאַיוטע, איך האָב געקלונגען דעם גלאָק, איך האָב דיר געזוכט, איך האָב געזאָגט צו זיך אַליין, וואו איז ער, דאָס איך זאָל איהם קענען אויפֿעסען. דו מוזט צוגעבען, דאָס די געשיכטע איז עפּעס אַ מין נס. דו האָסט מיר צוריק געבראַכט דעם לעבען מיינעם! דו ביסט אַ מלאך! יאָ, יאָ, דאָס איז מיין אינדזשין; קיינער וועט עס ניט גלויבען; מענשען וועלען עס זעהן און זאָגען, עס קען ניט זיין אמת, אַ שפּילקע קעפּעל פֿעהלט ניט! מיר דאַרפֿען איהם נור אַביסעל אויסאוילען, און מיין אינדזשין איז ווי אַ נייער. אָבער ווי האָסטו עס אויסגעפֿיהרט? צו דענקען, אַז די דוראַנד וועט ווידער שווימען אויף'ן וואַסער! גיב מיר דיין עהרענוואָרט, בין איך ניט משוגע?

ער איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון שטול, האָט אָבגעצויגען דעם אָטהעם פֿאַר אַ ווײַלע און האָט פֿאָרטגעזעצט:

זאָג דאָך עפּעס צו מיר; איך מוז מיך אַ קניפּ טהאָן, אום צו זיין זיכער, דאָס איך חלום ניט. דו ביסט מיין קינד, דו ביסט מיין זוהן, מיין רעטער, בראַווער יונג! צו געהן און ברייגנען מיין אינדזשען, און וואו? אין אָפֿענעם ים, צווישען די האַלז שניידענדע פֿעלזען. איך האָב שוין געזעהן מאָדנע זאַכען אין מיין לעבען, אָבער קיין זאַך ניט עהנליך צו דיזע. איך האָב געקאָנט פֿאַריזער, וועלכע זיינען געווען אמת'ע טייוואָלים, אָבער איך קען זיך וועטען מיט זיי, אַז דאָס וואָלטען זיי קיינמאָל ניט געקאָנט אויספֿיהרען. דאָס איז אַ פֿיעל גרעסערע שטיק אַרבייט, ווי דער שטורם'ן פֿון די באַסטיל. דו האָסט אויסגעפֿיהרט אַן אמת'ן וואונדער, אָה מיין יונג, קום לאָמיר דיר צודריקען צו מיין האַרץ! ווי וועלען זיי דערפֿון ריידען אין סאַן סאַמפּסאָן! איך וועל מיך גלייך נעהמען צו דער אַרבייט, צו בויען אַ שיף וואונדערבאַר, ווי קיין זאַך פֿעהלט ניט אין דעם אינדזשין! מיינע הערדען! ער איז געווען אויף די דאָווערס! איהר הערט, אויף די דאָווערס. ער איז אַוועק אַהין אַליין. איך פֿאָדער פֿון אייך צו צייגען מיר, וואו איז דאָ אַן ערגערער פּלאַץ אויף דער גאַנצער וועלט! ווייסטו, האָסטו שוין געהערט די נייעס, אַז קלובין האָט אומישנע געמאַכט דאָס שיף זינקען, אום צו גנב'ענען מיין געלד, וואָס ער האָט בעדאַרפֿט מיר ברייגנען? דאָס איז אַ לאַנגע געשיכטע, איך וועל זי דיר דערצעהלען אַן אַנדערס מאָל. אָבער דער לומפּ איז דאָ אַריינגעפֿאַלען אין זיין אייגענע פּאַסטקע. ער

האָט ניט געקאָנט זיך ראַטעווען. אַלזאָ, גילאַיט, מיר פֿאַנגען גלייך אָן צו בויען אַ נייע שיף, מיר וועלען איהר מאַכען צוואַנציג פֿוס לענגער, ווי די אַלטע דוראַנד. האָלץ וועל איך קויפֿען פֿון דאַנציג און ברעמען. איצט אַז איך האָב שוין דעם אינדושין וועל איך אויך קריגען קרעדיט.

לעטהיער איז געבליבען שטיל אַ ווײַלע, האָט זיך פֿערטראַכט, אַזוי ווי עטוואָס וואָלט איהם איינגעפֿאַלען, און האָט געמורמעלט:

„דאָך, פֿון אָנפֿאַנג, ווען איך וועל אָנפֿאַנגען בויען דעם שיף, וועט נויטיג זיין אַביסעל קעש. אַך, ווען איך וואָלט געהאַט די 75 טויזענד פֿראַנק, וואָס דער רויבער ראַנטאַין האָט צוריק געגעבען צו דעם גנב קלובין!

גילאַיט האָט שטילערהייט זיך אַ טאַפּ געטהאָן אין קעשענע, האָט פֿון דאָרט אַרויסגענומען עטוואָס און האָט עס אַוועקגעלעהגט אויף׳ן טיש. דאָס איז געווען דער לעדערנער גאַרטעל, וואָס ער האָט צוריק געבראַכט; ער האָט איהם אויפֿגעעפֿענט, און האָט צושפּרייט אַלעס, וואָס דאָרט איז געווען, איבערן טיש.

לעטהיער האָט בעטראַכט דעם גאַרטעל, די אייזערנע פּושקע און די באַנקנאָטען. עס איז געווען ליכטיג גענוג, דאָס לעטהיער האָט געקענט אויסמאַכען דעם וואָרט קלובין אויף׳ן גאַרטעל און די ציפֿער 1000 אויף יעדע פֿון די באַנקנאָטען, ער האָט גענומען די באַנקנאָטען, האָט זיי אַוועק-געלייגט איינע לעבען די אַנדערע, האָט געקוקט אויף זיי, האָט געקוקט אויף גילאַיט, איז געבליבען שטום אויף אַ ווײַלע און האָט דאַן ווידער אויסגע-בראָכען, ווי אַ וואולקאַן.

דיעזעס נאָך אויך! דו ביזט זיכער אַ מכשף! מיינע באַנקנאָטען, אַלע דריי! מיינע 75 טויזענד פֿראַנק! וואָס מיינט דאָס? דו האָסט דאָך געמוזט זיין אין גהינום, אום זיי צו קריגען. דער גאַרטעל איז דאָך קלובינס! איך קען לעזען זיין טרפה׳נעם נאָמען! דו האָסט אַלזאָ צוריקגעבראַכט דעם אינדושען און דאָס געלד דערצו. איך שטוים מיך אָן, ווי דאָס איז געווען, דו האָסט אוודאי געפֿונען זיין טויטען גוף. אָה, איצט וועלען מיר האָבען אַ שיף, וואָס די וועלט האָט נאָך ניט געזעהן; איצט וועל איך ניט דאַרפֿען זיך פֿערבאָרגען; איך האָב מיינע אייגענע געלד; האָט אימיצער געזעהן אַ מאָל אַזאַ מענשען, ווי גילאַיט? איך בין געלעגען טיעף אין דער ערד, איך בין געווען טויט. און ער קומט און מאַכט מיר צוריק לעבעדיג. און די גאַנצע צייט האָב איך גאָר ניט געטראַכט וועגען איהם. ער איז מיר גאָר פֿון זינען אַרויס; אָבער איצט דערמאָן איך מיר אַלעס; אָרימער יונג! אָבער פֿערבייגעהנדיג, ווייסטו, אַז דו האָסט חתונה מיט דערושעט?

גיליאַט האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט'ן רוקען צו דער וואַנד, ווי איינער וואס האַלט ביים אומפאַלען, און האָט געזאָגט אין אַ נידעריגע שטימע, אָבער דאָך שאַרף גענוג, אַז מען זאָל איהם קענען הערען:

„ניין!"

„וואָס הייסט ניין!" האָט לעטהיער אויסגעשריען.

„ווייל איך ליעב איהר ניט", האָט גיליאַט געענטפערט.

לעטהיער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, האָט איהם געעפענט און באַלד ווידער צוגעמאַכט, האָט גענומען די דריי באַנקנאָטען, האָט זיי אויפגעלייגט, האָט אויף זיי אַוועקגעשטעלט די אייזערנע פושקע, האָט זיך אַ קראַץ געטהאָן אין קאָפּ, האָט געכאַפּט קלובינס גאַרטעל און האָט איהם אַ שליידער געטהאָן אָן וואַנד, און האָט אויסגעשריען:

„דו מוזט זיין משוגע!"

ער האָט דאַן אַריינגעשטופּט די הענד אין די קעשענעס, און האָט וויטער געשריען.

„דו ליעבסט ניט דערושעט? וואָס? האָסטו עס צוליב מיר געשפּיעלט אויף די פּייפלאָך?"

גיליאַט, נאָך אימער אָנגעשפּאַרט אָן וואַנד, איז געוואָרען בלאַס, ווי איינער פאַרן טויט. וואָס גיליאַט איז געוואָרען בלאַסער, איז לעטהיער געוואָרען אַלץ רויטער:

„אָט האָסטו דיר אַן אידיאָט! ליעבט ניט דערושעט! זעהר שעהן! בעשלים זיך צו ליעבען איהר, וואָרום זי ועט קיינעמס ווייב ניט זיין אויסער דיינע; זעהר אַ שעהנע געשיכטע! און דו דיינקסט אַז איך גלויב דיר דאָס! אויב עס פעהלט דיר ווירקליך עטוואָס, טאָ שיק נאָך דעם דאָקטאָר, אָבער רעד ניט קיין נאַרישקייטען: דו האָסט ניט געקענט צייט האָבען זיך צו קריגען מיט איהר, אָדער אין כעס ווערען. עס איז אמת דאָס ליעבענדע זיינען גרויסע נאַרען מאַנכעס מאָל. אָבער הער נור, ערקלעהר וואָס דו מיינסט; איך האָב וואָל אין מיינע אויערען, פיליייכט האָב איך ניט דערהערט. זאָג מיר נאָך אַמאָל וואָס האָסטו געזאָגט."

„איך האָב געזאָגט ניין!"

„דו האָסט געזאָגט ניין? ער האַלט זיך דערביי, דער משוגע'נער! האָט ווער שוין געהערט פון אַזאַ אונזין! מענשען האָט מען אָבגעגאָלט דעם קאָפּ פאַר פיעל קלענערע משוגעת'ן. וואָס, דו ליבסט ניט דערושעט? וואָס דען? אוים ליעבע צו מיר, אַלטען מאַן, האָסטו געטהאָן דיזע אַלע זאַכען? פאַר מיר האָסטו עס געליטען פון היץ און קעלט, פון הונגער און דורשט, פון פאָג און פון רעגען? וואָס פאַר אַ שטורעם דאָס איז

געווען מיט דריי טעג צוריק! דענקסטו, אַז איך האב עס ניט אין זינען? ווי פֿיעל האָסטו עס זיך געמוזט אָנליידען? און אין מיטען פֿון דיזען גאַנצען עלענד האָסטו עס געשניטען, געהאַמערט, געזעגט, געבויט, געפּלאָנעוועט און געטהאָן מעהר וואונדער, ווי פֿיעל אַלע מלאכים צו־זאַמען! אָה דו האָסט מיר שוין גענוג דאַקוטשעט אַמאָל מיט דיינע פֿייפֿלאַך, מאַך מיר איצט ניט בייז. דו ליעבסט ניט דערוּשעט, זאָגסטו? איך ווייס גאר ניט, וואָס איז מיט דיר, איך דערמאָן מיך איצט אָן אַלעס. איך בין דאָ געזעסען אין ווינקעל, און דערוּשעט האָט געזאָגט: „ער זאָל זיין מיין מאַן!" און דאָס זאָלסטו אויך. דו ליעבסט איהר ניט? איינס פֿון דיביידע: אָדער איך אָדער דו זיינען משוגע. דו שטעהסט דאָ און רעדסט ניט קיין וואָרט. איך זאָג, אַז דו האָסט קיין רעכט ניט צו טאָהן די אַלע זאַכען, וואָס דו האָסט געטהאָן, און זאָגען נאָך אַלעם דעם, „איך ליעב איהר ניט". מענשען טוהען ניט קיין געפֿעליגקייטען פֿיר אַנדערע, אום צו מאַכען זיי בייז. גוט, אויב דו ווערסט מיט איהר ניט חתונה האָבען, וועט זי בלייבען אַליין איהר גאַנצען לעבען. ערשטענס וועל איך דיר טאַקע האָבען זעהר נייטיג. דו מוזט זיין דער קאַפּיטאַן פֿון די דוראַנד. דענקסטו אַז איך געה זיך אַזוי גיך צושיידען מיט דיר? ניין, ניין, מיין בראַווער יונג! איך וועל דיר ניט לאָזען געהן, איך האָב דיר איצט, און וויל מיך גאָר ניט איינהערען צו דיינע נאַרישקייטען. וואו ווערען זיי געפֿינען אַזאַ מאַטראָז, ווי דו ביסט עס! דו ביסט דער מאַן, וואָס איך בעדאַרף. אָבער וואַרום רעדסטו ניט?

IV.

דערווייל האָט דער האַפֿען־גלאָק אויפֿגעוועקט די צוויי דינסט־מייד־לעך אין לעטהיערס הויז, ווי אויך די גאַנצע נאַכבאַרשאַפֿט. די ביידע דיענסט מיידלעך זיינען נור וואָס אַריין אין דעם אונטערשטען צימער, גאַנץ ערשטוינט. איינע פֿון זיי האָט געהאַט אין איהר האַנד אַן אָנגעצונ־דענע ליכט. פֿיעלע שכנים זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפֿען, און מיט פֿער־וואונדערונג האָבען זיי געקוקט אויף דעם אינדזשען מיט'ן קוימען אין גי־ליאַטס שיף. איינינע, הערענדיג לעטהיערס שטימע, זיינען אַריינגעגאַנגען שטילערהייט דורך די האַלב־אָפֿענע טהיר. צווישען די גרופּע מענשען האָט זיך אויך געפֿונען דער דאָרף־שרייבער לאַנדראָ, וועלכען עס וואָלט שטאַרק פֿערדראָסען, ווען ער וואָלט האָבען פֿערפֿעהלט ביי צו זיין אַזאַ סצענע,

לעטהיער האָט באַלד בעמערקט, אַז עס זיינען דאָ מענשען אין שטוב, און ער האָט גלייך אָנגעהויבען ריידען צו זיי.

„אָה, איהר זייט דאָ, מיינע פריינד?

איך בין זעהר צופריעדען אייך דאָ צו זעהן. איהר ווייסט שוין די נייעס? דער מאַן איז דאָרט געווען, און האָט אַלעס צוריק געבראַכט. וואָס מאַכט איהר, הערר לאַנדאָ? ווען איך האָב מיר נור וואָס אויפגעכאַפּט, איז די ערשטע זאַך, וואָס איך האָב דערזעהן, איז געווען דער קוימען. ער האָט זיך געזעהן הינטער מיין פענסטער. אַ שפּילקענע קעפּעל פעהלט דאָרט ניט. זיי מאַכען בילדער פון נאַפּאָלעאָנס גרויסע העלדישקייטען, אָבער איך האַלט דיזעס פאַר אַ גרעסערע העלדישקייט, ווי די מלחמה פון אויסטערליץ.

איהר האָט נור וואָס פערלאָזען אייערע בעטען, מיינע גוטע פריינד. די דוראַנד האָט אייך געפונען שלאָפענדיג. וועהרענד איהר כראָפּעט, אַרבייטען אַנדערע און ברייגגען אַרויס העלדען טהאַטען. מיר זיינען אַלע פיינלינגע און טויגע-ניכטסען, מיר זיצען אין דער היים און ניאַנטשען זיך מיט אונזער רעמאַטעס, אָבער גליקליכערווייזע זיינען דאָ מענשען פון אַ גאַנץ אַנדער סאָרט. גיליאַט קומט פון די דאָווערס! ער האָט אַרויסגעפישט די דוראַנד פון דעם אָבגרונד פון ים; ער האָט אַרויסגעפישט מיין געלד פון קלובינס קעשענעס, וואָס זיינען נאָך פיעל טיעפער. אָבער ווי האָסטו דאָס אַלעס פאָלבראַכט? די אַלע קרעפטען פון דער פינסטערניש זיינען דאָך געווען געגען דיר. עס מוז זיין אמת, דו ביזט אַ מכשף. די, וואָס זאָגען עס, זיינען נאָך אַלעמען ניט אין גאַנצען פון וועג. מיינע פריינד! לאָמיר אייך זאָגען, אַז דער אינדזשען איז פונקט ווי ניי, אַ שרויפעל פעהלט דאָרט ניט. אַה, דו זאָלסט מיט איהר חתונה האָבען!"

„חתונה האָבען מיט'ן אינדזשין?" האָט הערר לאַנדאָ איבערגעפרעגט.

„ניין, מיט דערושעט! יאָ, איך מיין אויך מיט דעם אינדזשין. ער זאָל מיט זיי ביידע חתונה האָבען. ער זאָל זיין מיין דאָפּעלטער איידעם. ער זאָל זיין דערושעטס מאַן, און דוראַנדס קאַפּיטאַן. גוט מאָרגען, קאַפּיטאַן גיליאַט! מיר געהען ווידער טהון גרויסע געשעפטען! און אַט שטעהט דער בעשעפער פון דאָס אַלעס. איך זאָג אייך, דאָס איז אַ זעלטענע טהאַט! שבת וועט איהר עס לעזען אין אַלע צייטונגען. דעם אמת זאָגענדיג, ווייס איך ניט, ווי אַזוי ער האָט עס אַלעס אויסגעפיהרט. ער האָט געמוזט זיכער מאַכען אַ קאָנטראַקט מיט'ן טייוועל, און ווי קען איך מיר דען העלפען און ניט געבען איהם דערושעט פאַר זיין ווייב!

דערושעט איז שוין געווען אין צימער אייניגע מינוטען. זי האָט ניט גע-

רעדט און ניט אַ ריהר געטהון זיך פֿון פּלאַץ וויט זי איז אַריינגעגאַנגען אין צימער. הינטער איהר איז געשטאַנען אַ מאַן, אָנגעקליידט אין שוואַר-צען, האַלטענדיג זיין הוט אין האַנד. ער האָט זיך געהאַט מיט'ן אַקסעל אָנגעשפּאַרט אָן טהיר, און זיין לינקע האַנד האָט ער געהאַט צוגעלייגט צו זיין שטערן. אַן אויסדרוק פֿון אַנגסט און פֿורכט האָט זיך געזעהן אין זיינע צוזאַמענגעצויגענע ליפּען, ווען ער האָט זיך צוגעהערט צו לעטהיערס ווערטער מיט די טיעפּסטע אויפֿמערקזאַמקייט. די אַרומשטעהענדע, דער-קענענדיג אין דעם יונגען מאַן זייער רעווערענד קאָדריי, האָבען געמאַכט פּלאַץ פֿאַר איהם, ער זאָל קענען דורכגעהן. אָבער ער איז געבליבען שטעהן אויף'ן שוועל פֿון טהיר. גיליאַט איז געבליבען די גאַנצע צייט אין שאָטען.

אָנפֿאַנגס האָט לעטהיער ניט בעמערקט קאָדריי, ער האָט אָבער געזעהן דערושעט. ער איז צו איהר צוגעגאַנגען, האָט איהר געגעבען אַ הייסען קוש אויף'ן שטערן. דאַן האָט ער אויסגעשטרעקט זיין האַנד צו דעם ווינקעל, וואו גיליאַט איז געשטאַנען, און האָט געזאָגט:

„דערושעט! מיר זיינען ווידער רייך. און אָט איז דיין צוקונפֿטיגער מאַן!"

דערושעט האָט אויפֿגעהויבען איהר קאָפּ און האָט דערשראָקען אַ בליק געטהון אין די ריכטונג פֿון גיליאַט.

לעטהיער האָט פֿאָרטגעזעצט:

„די חתונה זאָל שטאַטפֿינדען גלייך און טאַקע שוין אויב מעגליך. זיי זאָלען האָבען אַ לייסענס. זיי מאַכען דאָ ניט פֿאָרמאַליטעטען; דער גלח קען דאָ טהון, וואָס ער וויל. דאָ האָבען מענשען חתונה, איידער זיי האָ-בען צייט זיך אומצוקוקען. עס איז ניט ווי אין פֿראַנקרייך. דערושעט! דו זאָלסט זיין פֿעהיג זיך צו בעריהמען און שטאָלצירען, דאָס דו וועסט זיין אַ ווייב פֿון אַ בראַווען מאַן. קיינער קען ניט זאָגען, אַז ער איז עס ניט. איך האָב עס מיר געטראַכט פֿון דעם טאָג אָן, ווען ער האָט געוואונען זיין שיף אין אַ וועטע. אָבער איצט קומט ער צוריק פֿון די דאָווערס מיט מיינעם און זיין פֿערמעגען. גיליאַט איז אַ מאַן, פֿון וועמען די וועלט וועט אַמאָל זעהר פֿיעל ריידען. דו האָסט דאָ אין דיזען צימער צוגעזאָגט, אַז דו וועסט חתונה האָבען מיט דעם, וואָס וועט צוריקברייננגען דעם אירנזי-שין, גיליאַט האָט עס אויסגעפֿיהרט, און דו זאָלסט מיט איהם חתונה האָבען. דו וועסט האָבען מיט איהם קינדער, און איך וועל זיין דער זיידע. דו וועסט האָבען דעם גרויסען גליק צו זיין די פֿרוי פֿון אַ גרויס-מוטהיגען מענשען, וואָס קען אַרבייטען, וואָס קען זיין ניצליך צו זיינע מיט-מענשען,

אַ מענש, וואָס איז מעהר ווערטה ווי הונדערט אַנדערע. יעדענפאַלס, די וועסט ניט חתונה האָבען ווי אַנדערע נאַרישע מיידלעך, מיט אַ סאָלדאַט אָדער אַ פּריסטער, פון וועלכע דער ערשטער איז אַ מערדער און דער צווייטער אַ ליגנער. אָבער וואָס טהוסטו דאָרט, גיליאַט? קיינער קען דיר ניט זעהן. אַה, ברייננט נור אַ ליכט אַהער! לאָזען אַלע זעהן מיין טהייערען איידעם! איך פערבינד אייך איינע מיט די אַנדערע, מיינע קינדער! דאָ שטעהט דיין מאַן, דערושעט, אַ נאָבעלער מענש, און דער גרעסטער העלד! קיין אַנדער איידעם וויל איך ניט, און דו קיין אַנדער מאַן! איך גיב נאָך אַמאָל מיין עהרען וואָרט. אַה, איהר זיינט דאָ, הערר פּריסט? גוט. איהר זאָלט זיי גלייך חתונה מאַכען.

לעטהיער האָט נאָר וואָס דערזעהן דעם יונגען רעווערענד קאָדריי.

די דינסטמיידלאַך האָבען געטהאָן, ווי לעטהיער האָט זיי באַפוילען. צוויי ליכט האָבען בעלויכטען איצט גיליאַט פון אויבען ביז אונטען.

„אָט האָט איהר פאַר זיך אַ שעהנעם מאַן," האָט לעטהיער אויסגעשריען.

גיליאַטס אויסזעהן איז געווען שרעקליך. ער איז געווען נאָך אַלץ אָנגעטהאָן אין זיינע טראַנטעס. זיינע נאַקעטע עלענבויגען האָבען אַרויסגעשטאַרטשעט פון די אַרבעל; זיין באָרד לאַנג, זיינע האָר ווילד און צופלאָנטערט, זיינע אויגען בלוטיג, זיינע הויט שוילענדיג זיך, זיינע הענד באַדעקט מיט וואונדען און זיינע פיס נאַקעט. לעטהיער האָט איהם בעטראַכט.

„דאָס איז מיין איידעם!" האָט ער געזאָגט. וואָס פאַר אַ שרעקליכען קאַמפּף ער האָט געהאַט מיט'ן ים! ער איז אָנגעטהאָן אין טראַנטעס. זעהט נאָר, וואָס פאַר אַ פּלייצעס, וואָס פאַר אַ הענד! דאָ האָט איהר פאַר זיך אַן אמת'ן מאַן! די דינסטמיידלאַך זיינען צוגעלאָפען צו דערושעט, וועלכע האָט אָנגעהויבען חלש'ן.

ווען עס איז טאָג געוואָרען, האָט גאַנץ סאַן סאַמפּסאָן געקאָכט מיט די מערקווירדיגע נייעס, און אַלע זיינען געקומען צולויפען צו זעהען דעם וואונדער. אַלע האָבען געוואָלט זעהן און באַטאַפּען דעם געראַטעוועטען אינדרושין, אָבער לעטהיער האָט באַלד אַוועקגעשטעלט צוויי מאַטראָזען, אָנזאָגענדיג זיי, קיינעם ניט אַרויפצולאָזען אויפ'ן שיף.

לעטהיער איז געווען אין זיין צימער, האָט געשריבען בריעף, מיט איין אויג קוקענדיג אויפ'ן פּאַפּיר, און מיט דעם אַנדערען אויפ'ן אינדרושין. ער איז אַזוי געווען פאַרטיפט אין געשעפטען, דאָס ער האָט פאַר די גאַנצע צייט בלויז איין מאָל געשיקט נאָך דער דינסטמיידעל, אום צו פרעגען איהר, וואָס מאַכט דערושעט. די מיידעל האָט געענטפערט, אַז דערושעט

איז אַרוים אום צו כאַפּען פרישע לופט. „דאָס האָט זי זעהר גוט געטהאָן".
האָט לעטהיער געמורמעלט, „די פרייד און איהר פערוואונדערונג זיינען געווען אַביסעל צופיעל פאַר איהר; דערפאַר אָבער וועט זי האָבען אַ מאַן, מיט וועמען זי וועט קענען שטאָלצירען, און ער האָט זיך ווידער גענומען צום שרייבען. ער האָט שוין געענדיגט און פאַרזיגעלט צוויי בריעף צו די וויכטיגסטע שיף־בויער אין ברעמען. איצט האָט ער געענדיגט שרייבען אַ דריטען בריעף.

דער געריוש פון אַ פערבייפאָהרענדען וואָגען האָט איהם געמאַכט אויפהויבען דעם קאָפּ, ער האָט אַ קוק געטהאָן דורכ'ן פענסטער, און האָט דערזעהן אַ אינגעל שטופענדיג אַ וועגעל, אויף דעם וועגעל איז געלעגען אַ גרויסער סעפעט פון ברוינעם לעדער.

לעטהיער האָט זיך געווענדעט צום אינגעל:

„וואוהין געהסטו, מיין גוטער יונג?

דער אינגעל איז געבליבען שטעהן און האָט געענטפערט: צו דעם „קאַשעמיר."

„צו וואָס?"

„אום אָפּצוגעבען דאָרט דיזען סעפעט."

„זעהר גוט; נעהם אויך מיט פאַר מיר דיזע דריי בריעף."

לעטהיער האָט געעפענט דעם שופליאָד פון זיין טיש, האָט אַרויסגענומען אַ שטיקעל פאָדעם, האָט די דריי בריעף צוזאַמענגעבונדען, און האָט דעם פּאַקעט צוגעוואָרפען צום אינגעל, וועלכער האָט איהם אויפגעכאַפּט מיט די הענד.

„זאָג דעם קאַפּיטאַן פון שיף, אַז דאָס זיינען מיינע דריי בריעף, און ער זאָל אויף זיי אַכטונג געבען. זיי געהען נאָך דייטשלאַנד, אויף דעם וועג פון לאָנדאָן."

„זעהר גוט, העררר לעטהיער."

„ווען געהט די קאַשעמיר אָב?"

„היינט צוועלף."

דאַן האָט לעטהיער אַריינגערופען די דינסטמיידעל, און האָט איהר געהייסען וואַרטען אַ רגע, ער האָט זיך געזעצט ביין טיש, און האָט אָנגעשריבען פאָלגענדע ציילען:

„איך האָב געשריבען נאָך ברעמען וועגען האָלץ, היינט מוז איך זיך זעהן מיט די קאַרפּענטערס. די זאַך מוז געטהאָן ווערען שנעל, דו מוזט אַליין געהן נאָך אַ לייסענס. עס איז מיין וואונש, אַז די חתונה זאָל שטאַטפינדען אַזוי שנעל, ווי מעגליך. אַט שוין וואָלט געווען נאָך בעסער.

איך בין זעהר בעשעפטיגט מיט די דוראַנד, באַשעפטיג זיך דו מיט דערושעט.

ער האָט אונטער דיזען בריעף אונטערגעשריבען זיין נאָמען. ער האָט איהם נור אויפגעלייגט אין פיער, און האָט איהם דערלאַנגט צו דער דינסטמיידעל, זאָגענדיג „נעהם עס צו גיליאַט.“

„אין די בי דע לאַ רי?“

„יאָ, צו גיליאַט.“

V.

עס איז געווען עטוואָס פאַר צעהן אין דער פריה. דער עולם אין סאַן קאַמפסאָן איז געוואָרען גרעסער פון מינוט צו מינוט. די נייעס פון דעם דוראַנד־וואונדער האָט זיך פערשפרייט מיט די שנעלקייט פון אַ בליץ און פון איבעראַל זיינען מענשען געלאָפען ווי פערשמייעט, אָנצוקוקען דעם אינדזשין. דערפאַר איז דער קליינער האַפען פון סאַן פיטער געווען אַן אמת'ע וויסטע, קיין לעבעדיגער נפש איז ניט געווען צו זעהן, אויסער אַ שיפער מיט זיין שיפעל, וואָס האָט אויסגעזעהן, אַזוי ווי ער וואָלט אויף אימיצען געוואַרט.

דאָך, ניט וויט פון דעם שיפער־מאַן, גאַנץ טיף צווישען די פעלזען, וואו דער אויג פון דעם איבער־שיפער האָט זיי ניט געקאָנט דערגרייכען, זיינען געגאַנגען אַ יונגע פאָר. דאָס איז געווען דער רעווערענד קאָדריי און דערושעט.

זיי זיינען געשטאַנען געזיכט צו געזיכט, קוקענדיג אין איינער דעם אַנדערענס אויגען, און האַלטענדיג זיך פאַר די הענד. דערושעט האָט געוויינט, און קאָדריי איז געווען שטיל. אַ טרעהר איז געהאַנגען אויף זיין אויגען־ברעם און איז ניט אַרונטער געפאַלען.

זאָרג און ליידענשאַפט זיינען געווען אויסגעקריצט אין זיין רוהיגען געזיכט. אַ שמערצפולע ענטזאַגונג איז דאָרט געווען צו בעמערקען, דע־רושעט האָט געזאָגט:

„דו דאַרפסט מיך ניט פערלאָזען. איך וועל עס ניט אויסהאַלטען. איך האָב געטראַכט, דאָס איך וועל קענען זיך זעגענען מיט דיר. וואָרום ביזטו נעכטען צו מיר געקומען, אויב דו ווילסט מיר אַזוי שנעל פערלאָזען? איך האָב דיר געליעבט, אָבער האָב עס ניט געוואוסט. נור יענעם טאָג, ווען דער רעווערענד העראָד האָט אונז פאָרגעליינט די ערציילונג פון רבקה, און ווען דיינע אויגען האָבען זיך געטראָפען מיט מיינע, זיינען מיינע באַ־

קען געווען ווי פייער. און איך האָב נור געטראַכט, אַז אויך רבקה'ס פּנים האָט געמוזט אַזוי אָנגעצונדען ווערען, ווי מיינער. און דאָך, ווען אימיצער וואָלט מיר נעכטען געזאָגט אַז איך ליעב דיר, וואָלט איך מיך אויסגע-לאַכט. דאָס איז, וואָס איז אַזוי שווידערליך. דאָס איז עפּעס ווי אַ פערראַטה· איך האָב ניט גענוג אַכטונג געגעבען אויף זיך. איך בין געגאַנגען אין קירכע, האָב דיר דאָרט געזעהן, איך האָב געטראַכט, אַז יעדער פיהלט דאָרט אַזוי ווי איך. איך מאַך דיר קיינע פאָרווירפע. דו האָסט קיין זאַך ניט געטהאָן, אום צו מאַכען, דאָס איך זאָל דיר ליעב האָבען. דו האָסט קיין זאַך ניט געטאָהן אויסער וואָס דו האָסט געקוקט אויף מיר. עס איז ניט דיין שולד, וואָס דו קוקסט אַזוי אויף מענשען. און דאָך דאָס האָט מיר געמאַכט דיר אַזוי ליעב צו קריגען... איך האָב עס אָבער אַליין ניט געוואוסט; ווען דו האָסט גענומען דעם בוך, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז דו האָסט אין האַנד אַ ים פון ליכטיגקייט, און ווען אַנדערע האָבען עס גענומען אין האַנד, איז עס געווען בלויז אַ בוך. מאַנכעס מאָל פלעגסטו אויפהויבען דיינע אויגען, דו האָסט גערעדט פון מלאכים; אָה! דו ביזט געווען מיין מלאך. וואָס דו האָסט געזאָגט, האָט גלייך דורכגע-דרונגען מיין מוח. איידער דאָס האָט פּאַסירט, ווייס איך זאָגאַר ניט, אויב איך האָב אַמאָל געגלויבט אין גאָט. צייט איך האָב דיר דערקענט, האָב איך זיך אויסגעלערענט תּפילה צו טהאָן. איך פלעג זאָגען צו מיין דינסט-מיידעל: „קלייד מיך גיך אָן, איך קען נאָך פערשפּעטיגען די תּפילה, און איך פלעג גלייך לויפען אין קירכע. איך האָב ניט געוואוסט די אורי-זאַכע. איך פלעג צו מיר זאָגען, ווי פרום בין איך עס געוואָרען די לעצטע צייט! ערשט פון דיר האָב איך זיך דערוואוסט, דאָס איך בין ניט גע-גאַנגען אין קירכע פון גאָטס וועגען. עס איז אמת! איךבין אָהין געגאַנגען פון דיינטוועגען. דו האָסט גערעדט אַזוי גוט! און ווען דו פלעגסט אויפ-הויבען די הענד צום הימעל, האָט מיר געשיינט, אַזוי ווי דו וואָלסט געהאַלטען מיין האַרץ אין דיינע צוויי ווייסע הענד. איך בין געווען נאַריש. אָבער איך האָב עס ניט געוואוסט... זאָל איך דיר זאָגען, אין וואָס דו ביזט שולדיג? דו ביזט שולדיג דערמיט, וואָס דו האָסט מיר אויסגעזוכט אין גאָרטען, דאָס וואָס דו האָסט צו מיר דאָרט געזאָגט. וואָלסטו צו מיר ניט גערעדט, וואָלט איך גאָר ניט געוואוסט. וואָלסטו אַוועק, וואָלט איך מיך געפיהלט אַביסעל טרויעריג בלויז, אָבער איצט וועל איך שטאַרבען. צייט איך ווייס, אַז איך ליעב דיר, טאָרסטו מיר ניט פערלאָזען. פון וואָס דענקסטו? עס זעהט אויס, אַזוי ווי דו וואָלסט גאַר ניט געהערט וואָס איך האָב גערעדט!

קאַדריי האָט געענטפערט:

„אָבער דו האָסט דאָך געהערט, וואָס איז געזאָגט געוואָרען לעצטע נאַכט!"

„אָה, יאָ!"

„וואָס קען איך אַלוא טהאָן געגען דאָס?"

זיי זיינען געבליבען שטיל פאַר אַ רגע. קאַדריי האָט ווייטער גערעדט:

„פאַר מיר איז דאָ איין פליכט. און דאָס איז צו שיידען זיך מיט דיר."

„און מיין פליכט איז צו שטאַרבען. אָה, ווי איך וואָלט עס געוואונשען, אז עס זאָל גאָר קיין ים ניט זיין, נור בלויז דער הימעל! עס שיינט מיר, אַז דאָס וואָלט שוין אַלעס רעכט געמאַכט. מירביידע צוזאַמען וואָלטען געקאָנט מאַכען אַהין אונזער רייזע. דו ביזט געווען אונגערעכט, וואָס דו האָסט אָנגעהויבען ריידען צו מיר. וואָרום האָסטו צו מיר גערעדט? געה ניט! וואָס וועט פון מיר ווערען? איך זאָג דיר, איך וועל שטאַרבען. דו וועסט זיין ווייט אַוועק, ווען איך וועל זיין אין מיין קבר. אָה, מיין האַרץ וועט אין מיר צוזאַמענברעכען. איך בין זעהר אונגליקליך, און דאָך מיין פעטער איז ניט שלעכט צו מיר."

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין לעבען, דאָס דערושעט האָט אָנגערופען לעטהיער מיט'ן נאָמען „פעטער". ביז דאַן פלעגט זי איהם אימער רופען „פאָטער."

קאַדריי איז צוריקגעגאַנגען אַ טריט און האָט געמאַכט אַ צייכען צום איבער־שיפער. דערושעט האָט עס פערשטאַנען און האָט אויסגעשריען:

„ניין, ניין!"

„עס מוז אַזוי זיין, דערושעט!" האָט קאַדריי געענטפערט.

„ניין, קיין מאָל ניט! צוליעב אַן אינדזשען — אונמעגליך, האָסטו געזעהן יענעם שרעקליכען מענשען לעצטע נאַכט? דו קענסט מיר ניט פערלאָזען. דו ביזט קלוג, דו קענסט עפּעס אויסקלערען. עס איז אונמעגליך, דאָס דו האָסט מיר גערופען היינט צו טרעפען זיך דאָ מיט דיר, אום צו פערלאָזען מיר. איך האָב קיין שלעכטעס דיר ניט געטהאָן, דאָס דו זאָלסט מיר אַזוי בעהאַנדלען. דו קענסט מיר קיינע פאָרווירפע ניט מאַכען; דאָס איז מיט יענעם שיף, וואָס שטעהט דאָרט אין מיטען ים, וואָס דו רעכענסט צו פאָהרען? איך וועל דיר ניט לאָזען; דו זאָלסט ניט פערלאָזען מיר! דער הימעל עפענט זיך ניט אַזוי, אום ער זאָל אַזוי גיך ווידער פערשלאָסען ווערען! איך ווייס דו וועסט דאָ בלייבען. אויסער דעם דו האָסט נאָך צייט גענוג. אָה, ווי איך ליעב דיר!

און צודריקענדיג זיך צו איהם מיט איהר גאַנצען קערפּער האָט זי פֿערוואָרפֿען איהרעביידע הענד הינטער זיין נאַקען, אַזוי ווי זי האָט געוואָלט איהם מאַכען אונמעגליך אַוועקצוגעהן פֿון איהר. מיט פֿיעל צערטליכקייט האָט ער אַראָבגענומען איהרע הענד פֿון זיין האַלז. דערושעט איז אַנידערגעזונקען אויף אַ פֿעלז, בעדעקט מיט גראָז. קאָדריי האָט געהאַלטען איהר קאָפּ צווישען זיינע הענד. ער האָט אָנגעריהרט איהרע האָר, האָט אויף איהר פֿעסט געקוקט פֿאַר אייניגע מאָמענטען, דאַן האָט ער איהר געגעבען אַ הייסען קוש אויף'ן שטערן, און מיט אַ ציטערענדע שטימע, אין וועלכע עס האָט זיך געהערט זיין גאַנצע זעעלע, האָט ער אויסגעשטאַמעלט:

„זיי געזונד."

דערושעט האָט אויסגעבראָכען אין אַ געוויין.

אין דיעזע מינוט האָבען זיי געהערט אַ שטימע, וועלכע האָט געזאָגט ערנסט און איבערלייגט.

„וואַרום זאָלט איהר ניט ווערען מאַן און ווייב?"

קאָדריי האָט אויפֿגעהויבען זיין קאָפּ. דערושעט האָט אויפֿגעבליקט. גיליאַט איז געשטאַנען לעבען זיי.

גיליאַט האָט שוין איצט אַביסעל אַנדערש אויסגעזעהן, ווי אין דער פֿאָריגער נאַכט. זיינע האָר זיינען געווען פֿערקעמט, דער באָרד אָבגעגאָלט; זיינע פֿיס זיינען געווען אָנגעטהאָן אין נייע שיך, ער איז געווען אָנגעטהאָן אין אַ ווייסע העמד מיט אַן אָבגעלייגטען קאָלנער. ער האָט זיך אויך אָנגעטהאָן אין אַ מאַטראָזען אַנצוג, אָבער אַלעס ניי. אַ גאָלדענער רינג האָט זיך געזעהן אויף זיין קליינעם פֿינגער. ער האָט אויסגעזעהן זעהר רוהיג. זיין זונן־פֿערברענטע הויט איז איצט געווען בלאַס.

דערושעט און קאָדריי האָבען אויף איהם געקוקט מיט פֿערוואונדערונג. האָטש ער האָט זיך אַזוי שטאַרק אומגעענדערט אין זיין אויסזעהן, דאָך האָט דערושעט איהם דערקאָנט. זי אָבער, ווי אויך קאָדריי, זיינען אַזוי שטאַרק געווען פֿערנומען מיט זייערע אייגענע געדאַנקען, דאָס גיליאַט'ס ווערטער האָבען כמעט גאָר קיין איינדרוק ניט געמאַכט אויף זיי.

גיליאַט האָט נאָך אַמאָל געזאָגט:

„וואַרום זאָלט איהר זיך צושיידען? ווערט מאַן און פֿרוי און געהט צוזאַמען."

דערושעט האָט זיך אַזוי ווי אויפֿגעכאַפּט ווי פֿון אַ חלום, אַ ציטער איז דורכגעלאָפֿען איהר גאַנצען קערפּער. גיליאַט האָט פֿאָרטגעזעצט:

„פֿריילין לעטהיער איז שוין ניט מעהר קיין קינד, זי איז אַן ערוואַק־

סענע פּרויענצימער, אַלעס ווענד זיך אָן איהר. איהר פֿעטער איז דאָך ניט מעהר, ווי איהר פֿעטער. איהר ליעבט איינע די אַנדערע."

דערושעט האָט איהם אונטערבראָכען מיט אַ שטילע שטימע און האָט געפֿרעגט:

„ווי אַזוי זייט איהר געקומען אַהער?"

„האָט חתונה", האָט גיליאַט נאָך אַמאָל ווידערהאָלט.

דערושעט האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבען צו בעגרייפֿען די מיינונג פֿון גיליאַט'ס ווערטער, און זי האָט אַרויסגעשטאַמעלט:

„מיין אָרעמער פֿעטער!"

„וואָלט די חתונה נאָך ערשט בעדאַרפֿט זיין", האָט גיליאַט איהר אונטערבראָכען, „וואָלט אייער פֿעטער עס געוויס ניט צוגעלאָזען; ווען אַלעס וועט אָבער שוין זיין אָבגעטהאָן, וועט ער ענדליך איינוויליגען. אויסער דעם, איהר פֿערלאָזט דאָך דיעזען פּלאַץ ניט אויף אייביג. ווען איהר וועט צוריק קומען וועט ער אייך פֿערגעבען."

און דאַן האָט גיליאַט צוגעלייגט מיט אַ בייגעשמאַק פֿון ביטערקייט:

„אויסער דעם, דענקט ער איצט נור איין זאַך, פֿון דעם איבערבויען פֿון זיין שיף. דאָס וועט בעשעפֿטיגען זיינע געדאַנקען אין אייער אַבוועזענהייט. די דוראַנד וועט זיין אַ גוטער טרייסט פֿאַר איהם."

„איך קען ניט", האָט דערושעט געענטפֿערט, „איך דאַרף איהם ניט פֿערלאָזען אַן אונגליקליכען."

„דאָס וועט דאָך אָבער זיין בלויז פֿאַר אַ קורצע צייט", האָט גיליאַט געענטפֿערט.

קאָדריי און דערושעט האָבען פֿריהער, ווי מען זאָגט עס, ניט גע-וואָלט גלויבען זייערע אייגענע אויגען און אויערען. ענדליך זיינען זיי געקומען אַביסעל צו זיך, זיי האָבען אָנגעהויבען אַלץ מעהר און מעהר פֿערשטעהן, וואָס גיליאַט האָט פֿון זיי געוואָלט. קאָדריי האָט געמורמעלט, אַזוי ווי ער וואָלט געווען שטאַרק פֿערטיעפֿט אין געדאַנקען:

„אַ פֿעטער איז ניט קיין טאַטע."

זיין בעשלוס איז אומגעענדערט געוואָרען פֿון די פּלוצלונגע און גליקליכע ווענדונג אין זיינע אידעען. אַלעס, וואָס האָט פֿריהער בעאונרו-היגט זיין געוויסען, איז פֿערשוואונדען און איז צושמאָלצען געוואָרען אין די הייסע ליעבע, וואָס ער האָט געפֿיהלט צו דערושעט.

גיליאַט האָט ווידער אָנגעפֿאַנגען.

„איהר מוזט ניט לאַנג טראַכטען. עס מוז געטהאָן ווערען אונגעזאַמט. איהר האָט צייט, אָבער ניט קיין איבעריגע צייט. קומט!"

קאָדריי האָט איהם אויפמערקזאַם בעטראַכט, און האָט פּלוצלונג אויסגעשריען:

„איך דערקען אייך! איהר זייט עס געווען, וואָס האָט מיר געראַטעוועט מיין לעבען!"

גיליאַט האָט געענטפערט:

„איהר מוזט האָבען אַ טעות."

„דאָרט איז עס געווען", האָט קאָדריי אָנגעצייגט אויף אַ פעלז אין מיט'ן ים.

„איך קען ניט דעם פּלאַץ", האָט גיליאַט געענטפערט.

„דאָס האָט פּאַסירט דעם זעלבען טאָג, וואָס איך בין אַהער אָנגעקומען."

„לאָמיר ניט פערלירען קיין צייט", האָט איהם גיליאַט אונטערבראָכען.

„און אויב איך האָב ניט קיין טעות, זיינט איהר דערזעלבער, וועמען מיר האָבען געזעהען לעצטע נאַכט."

„פיליייכט."

„ווי רופט מען אייך?"

גיליאַט האָט אויפגעהויבען זיין שטימע:

„שיפערמאַן! איהר זאָלט דאָ וואַרטען אויף אונז. מיר קומען באַלד צוריק. איהר האָט מיר געפרעגט פרייליין לעטהיער, ווי אַזוי איך בין אַהער געקומען. דער ענטפער איז זעהר איינפאַך, איך בין געגאַנגען הינטער אייך. איהר זייט איין און צוואַנציג יאָהר אַלט, איהר קענט גלייך חתונה האָבען. לאָמיר געהן ביים ברעג, דער וועג איז אַ קורצערער. אָבער לאָמיר ניט פערלירען קיין צייט, קומט מיט מיר!"

דערושעט און קאָדריי האָבען אויסגעזעהן צו בעראַטהען זיך מיט די אויגען. זיי זיינען געשטאַנען איינע לעבען אַנדערען בעוועגונגסלאָז. זיי זיינען געווען בערוישט פון ענטציקונג. זיי האָבען פערשטאַנען, ניט רעדענדיג.

„זיין נאָמען איז גיליאַט", האָט דערושעט געזאָגט שטילערהייד צו קאָדריי.

„וואָס שטעהט איהר דאָ? איך הייס אייך דאָך געהן נאָך מיר!" האָט גיליאַט זיך געבייזערט.

„וואו הין?" האָט קאָדריי געפרעגט.

„אַהין", און גיליאַט האָט אָנגעצייגט אויף'ן טורם פון די ווייט שטעהענהע קירכע.

גיליאַט איז געגאַנגען אויף פאָראויס, און דערושעט און קאָדריי זיינען איהם נאָכגעגאַנגען.

ווען זיי זיינען צוגעקומען נאָהענט צו דער קירכע, האָט זיך אויף

זייערע שעהנע געזיכטער געצייגט אַן אויסדרוק, וועלכער איז באַלד געוואָרען אַ שמייכעל. אין די אויסגעהוילטע אויגען אָבער פֿון גיליאַט איז געווען די פֿינסטערנים פֿון דער נאַכט. קאָדריי און דערושעט האָבען קוים געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך מיט זיי. זיי האָבען ניט געקענט בעגרייפֿען פֿון וואַנען נעהמט זיך צו דיעזען מענשען אַזאַ מאכט; און ווי ער וועט עס מאַכען דעם רעווערענד הערד, וואָס איז שוין יעצט אַ בישאָפּ, ער זאָל זיי פֿערבינדען צו מאַן און פֿרוי. זיי האָבען איהם נאָכגעפֿאָלגט גאַנץ ווי בלינדע, האָפֿענדיג אַז אַלעס וועט זיין נאָך זייער וואונש.

עס האָט געשלאָגען צעהן, ווען זיי זיינען אַריין אין קירכע; קיינער איז דאָרט ניט געווען. דאָך אין אַ ווינקעל ביי אַ טיש זענען געזעסען דריי פּערזאָנען. דאָס איז געווען דער בישאָפּ, זיין עוואַנגעליסט און דער רעדזשיסטראַר. אַ בוך איז געלעגען אויף'ן טיש.

בישאָפּ הערד האָט זיך אויפֿגעהויבען פֿון זיין פּלאַץ, זעהענדיג קאָדריי צוקומען.

„איך האָב אייך ערוואַרטעט" האָט ער געזאָגט, אַלעס איז פֿערטיג".

קאָדריי האָט געקוקט אויף גיליאַט, מיט אַ בליק פֿון פֿערוואונדערונג, ווי איינער זאָגט: „וואָס געהסטו דאָ מאַכען?"

בישאָפּ הערד האָט באַלד ווידער אָנגעפֿאַנגען צו ריידען: „איך גראַטוליר אייך, מיין קאָלעגע. איהר געהט חתונה האָבען. פֿרייליין לעטהיער איז געבאָרען געוואָרען אין דיעזען דאָרף. זי איז שוין ניט מעהר מינדער־יעהריג, און זי קען טהאָן וואָס זי וויל. אויך איז איהר פֿעטער מרוצה. איהר ווילט אַז די פֿעראייניגונג זאָל גלייך שטאַטפֿינדען, איך האָב שוין טאַקי אַלעס פֿערטיג אָנגעגרייט. עס איז אפילו אַביסעלע צוגעאיילט זיך, און עס טהוט זיך ניט אַזוי געוועהנליך, אָבער איך נעהם אין אַנבעטראַכט, דאָס איהר מוזט גלייך אַוועקפֿאָהרען, איך פֿאַנג גלייך אָן די צערעמאָניע. מיין עוואַנגעליסט וועט זיין דער עדות פֿאַר דעם חתן, און וואָס אַנבע־לאַנגט דער כלה —

דער בישאָפּ האָט זיך געווענדעט צו גיליאַט. גיליאַט האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

„דאָס איז גענוגענד", האָט דער בישאָפּ באַמערקט.

קאָדריי איז געווען ווי פֿערשטיינערט. דערושעט איז געווען גליקליך, אָבער אויך זי האָט זיך ניט געקאָנט אַ ריהר טהאָן מיט אַן אבר.

„דאָך איז נאָך דאָ אַן אָבהאַלט", האָט דער בישאָפּ געזאָגט, „דער שליח דאָ פֿון לעטהיער האָט פֿערלאַנגט אַ לייסענס צו אייער פֿערבינדונג. דיעזער מענש, אָנצייגענדיג מיט'ן פֿינגער אויף גיליאַט, האָט מיר היינט

אין דער פריה מיטגעטהיילט, דאָס אַזוי ווי לעטהיער איז צו באַשעפטיגט צו קומען אַליין, ווינשט ער, אַז די פערבינדונג זאָל גלייך שטאַטפינדען. דיעזער וואונש, אויסגעדריקט ניט געשריעבענערהייד איז אָבער נאָך ניט גענוג. איך מוז האָבען זיין אונטערשריפט; ווי גרויס מיין וואונש זאָל ניט זיין אייך צו דיענען, מוז איך זעהן דעם וואונש פון הערר לעטהיער שוואַרץ אויף ווייס."

„דאָס דאַרף אונז ניט צוריק האַלטען", האָט גיליאַט בעמערקט, און האָט דערלאַנגט דעם בישאָפ אַן אָנגעשריבענעם בויגען. דער בישאָפ האָט דאָרט פאָלגענדעס איבערגעלעזען אין דער הויך: „געה צום בישאָפ נאָך אַ לייסענס. איך ווינש דאָס די חתונה זאָל שטאַטפינדען אַזוי שנעל, ווי מעגליך, גלייך וואָלט געווען נאָך בעסער. אייניגע ציילען האָט דער בישאָפ איבערגעהופּט, אַלס ניט וויכטיג.

„דער בריעף איז אונטערשריבען פון הערר לעטהיער", האָט דער בישאָפ בעמערקט, „און איך בין איצט פערטיג צו פעראייניגען אייך מיט אייער כלה, מיין קאָלעגע".

קאָדריי האָט געקוקט אויף גיליאַט. קאָדריי האָט געפיהלט, אַז דאָ איז עפּעס אַ שווינדעל, אַז ניט איהם האָט עס לעטהיער געמיינט אין בריעף, אָבער ער האָט ניט געהאַט ניט די שטאַרקייט פון ווילען, און ניט בדעה עס אויפצודעקען. זאָל עס זיין, ווייל ער האָט אָנגעהויבען איינזעהן, וואָס פאַר אַ גרויסער העלד שטעהט איהם אַנטקעגען, אָדער ווייל דער גליק האָט אויף אַ מינוט טויב געמאַכט זיין געוויסען, ער האָט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט.

די צערעמאָניע האָט זיך גלייך אָנגעפאַנגען. עס איז געווען אַ מערקווירדיגער מאָמענט. קאָרדיי און דערושעט זיינען געשטאַנען זייט ביי זייט אַנטקעגען דעם בישאָפ. גיליאַט איז געשטאַנען אַביסעלע אָן אַ זייט.

„דזשאָזעף עבענעזער קאָדריי" האָט דער בישאָפ אָנגעפאַנגען, „ווילסטו נעמען דיעזע פרוי, אַלס דיין געזעצליכעס ווייב?"

קאָדריי האָט געענטפערט „איך וויל".

„דוראַנד דערושעט לעטהיער, ווילסטו האָבען דיעזען מענשען אַלס דיין געזעצליכען מאַן?"

„איך וויל!" האָט דערושעט געענטפערט.

„ווער גיט דיעזע פרוי צו דיעזען מאַן?" האָט דער בישאָפ ווייטער געפרעגט.

„איך!" האָט גיליאַט געענטפערט.

„וואו איז דער רינג?"

דיזע פֿראַגע איז געווען גאַניץ אונערוואַרטעט. קאָדריי האָט קיין רינג ניט געהאַט. אָבער גיליאַט האָט עס אַלעס פֿאָראויסגעזעהן. ער האָט אַראָבגענומען דעם רינג פֿון זיין קליינעם פֿינגער. דער בישאָף האָט איהם דערלאַנגט צו קאָדריי. דיזער האָט איהם אָנגעטהאָן אויף דערושעטס דריטען פֿינגער, און האָט נאָכגעזאָגט דעם בישאָף:

„מיט דיזען רינג נעהם איך דיר אַלס מיין ווייב.“

„אמן!“, האָט געענטפֿערט דער וואַנגעליסט.

„לאָמיר תפילה טהאָן“, האָט דער בישאָף געזאָגט. קאָדריי און דערושעט האָבען זיך אַוועק געשטעלט אויף די קניע. גיליאַט האָט בלויז אייגעבויגען זיין קאָפּ.

VI.

ווען זיי האָבען פֿערלאָזען די קירכע, האָבען זיי געקענט זעהן פֿון וויטען ווי די שיף קאַשעמיר מאַכט שוין פֿאָרבערייטונגען צו פֿערלאָזען דעם האַפֿען.

„איהר זייט פּונקט אין צייט,“ האָט גיליאַט געזאָגט.

דיזעס מאָל זיינען קאָדריי און דערושעט געגאַנגען פֿאָראויס און גיליאַט הינטער זיי. זיי זיינען געווען ווי נאַכט־וואַנדלער. זייער ערשטוינונג האָט זיי נאָך ניט פֿערלאָזען. זיי האָבען ניט געזעהן וואוהין זיי זיינען געגאַנגען. זיי זיינען געגאַנגען מעכאַניש, קוים געדענקענדיג וואָס עס איז, בלויז פֿיהלענדיג, דאָס זיי זיינען געווען פֿעראייניגט אויף אייביג.

די טריט פֿון גיליאַט הינטער זיי, האָבען זיי דערמאָהנט צייטענווייז אָן איהם. זיי זיינען ביידע געווען שטאַרק גערירט, אָבער זיי האָבען ניט געקענט געפֿינען קיין ווערטער. צופֿיעל געפֿיהל ענדיגט זיך מאַנכעס מאָל אין שטומפֿזיניגקייט. זיי זיינען געווען מאַן און פֿרוי; יעדע אַנדערע אידעע איז פֿערשטויסען געוואָרען פֿון דיזער איינציגער. וואָס גיליאַט האָט געטהאָן, איז געווען גוט — דאָס איז געווען דאָס איינציגע, וואָס האָט זיך דורכגעשפּאַרט אין זייערע געדאַנקען.

עס איז געווען בעשיינפערלעך, דאָס דעם גאַנצען פֿריהמאָרגען האָט גיליאַט ניט געהאַט קיין אַנדער בעשעפֿטיגונג, ווי אָנצוגרייטען אַלעס נויטיגעס פֿאַר זייער חתונה: ער האָט געטהאָן אַלעס; ער האָט געענטפֿערט אָנשטאָט לעטהיער, ער האָט זיך געזעהן מיט'ן בישאָף, האָט אַרויסגענומען אַ לייסענס, האָט אונטערגעשריבען די נויטווענדיגע ערקלעהרונג, און אויף אַזאַ אופן האָט זייער פֿעראייניגונג געקענט אויסגעפֿיהרט ווערען. אָבער דע-

רושעט האָט ניט פֿערשטאַנען די אורזאַכע פֿון אַלעם דעם. אַלע דריי זיינען געגאַנגען שטיל ניט איבערבייטענדיג זיך מיט אַ וואָרט.

אין איניגע מינוטען זיינען זיי צוגעקומען צום פּלאַץ, וואו די קליינע שיפֿעל האָט אויף זיי געוואַרט, וועלכע האָט זיי געזאָלט צופֿיהרען צו די גרויסע שיף קאַשעמיר.

קאָדריי איז אַריין אין שיפֿעל דער ערשטער. ווען דערושעט האָט איהם געוואָלט נאָכפֿאָלגען, האָט זי דערפֿיהלט אַ צערטליכע בעריהרונג אָן איהר אַרבעל. דאָס איז געווען גיליאַט.

„מאַדאַם", האָט ער געזאָגט, „איהר מאַכט איצט אַ רייזע גאַנץ אונ־ערוואַרטעט. עס איז מיר איינגעפֿאַלען, דאָס איהר וועט זיך נויטיגען אין קליידער, וועש; איהר וועט געפֿינען אויף דעם קאַשעמיר אַ קופֿערט, אין וועלכען עס זיינען דאָ פֿערשיעדענע פֿרויען־קליידער. דיעזער קופֿערט קומט צו מיר פֿון מיין מוטער. ער איז געמיינט געוואָרען פֿאַר די, מיט וועלכע איך זאָל חתונה האָבען. ערלויבט מיר אייך צו בעטען עס אָנצונעהמען."

דערושעט, טהיילוויז אויפֿגעוועקט פֿון איהר חלום, האָט זיך אַ קעהר געטהאָן צו איהם מיט'ן פּנים. גיליאַט האָט וויטער גערעדט אין אַ שטימע, וועלכע מען האָט קוים געהערט:

„איך ווינש ניט אייך לאַנג אָבצוהאַלטען דאָ, אָבער איך פֿיהל, אַז איך דאַרף אייך געבען איינִיגע ערקלערונגען. אין דעם טאָג פֿון אייער אונגליק זיינט איהר געזעסען אין דעם אונטערשטען צימער. איהר האָט אַרויסגערעדט געוויסע ווערטער. עס איז לייכט צו פֿערשטעהן, דאָס איהר האָט זיי פֿערגעסען. מיר זיינען ניט געצוואונגען צו געדענקען יעדען וואָרט, וואָס מיר זאָגען אַרויס. הערר לעטהיער איז געווען אין אַ שרעקליכען טרויער. געוויס איז דאָס געווען אַ פּראַכטפֿאָלע דאַמפּף שיף. דער אונגליק איז נאָר וואָס געשעהען, און אַלע האָבען זיך געפֿיהלט גערירט. די שיף איז צו־שמעטערט געוואָרען צווישען די פֿעלזען. מען האָט דאַן געזאָגט אַז קיינער וואָלט ניט געוואָלט אַהין געהן. איך בין געגאַנגען. זיי האָבען געזאָגט, אַז דאָס איז געווען אונמעגליך, אָבער עס איז ניט אַזוי. איך דאַנק אייך, וואָס איהר הערט מיך אויס. איהר קענט פֿערשטעהן, מאַדאַם, דאָס געהענדיג אַהין, האָב איך ניט געהאַט אין זינען צו דערצערנען אייך. דאָס איז אָבער אַ זאַך דער פֿערגאַנגענהייט. איהר איילט זיך. וואָלט צייט געווען, וואָלטען מיר געקאָנט רעדען וועגען דעם אַזוי, דאָס איהר זאָלט עס פֿילייכט געדענ־קען, אָבער איצט איז עס נוצלאָז: די געשיכטע האָט זיך אָנגעפֿאַנגען אין דעם טאָג, ווען שנעה איז געפֿאַלען; אָט יעמאָלט, ווען איך בין פֿערבייגע־גאַנגען לעבען אייך, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, דאָס איהר קוקט אויף מיר

מיט פריינדליכקייט; אָט ווי עס איז געווען. וואָס אָנבעלאַנגט לעצטע נאַכט, האָב איך ניט געהאַט קיין צייט צו געהן אַהיים. איך בין געקומען פון מיין אַרבייט; איך בין געווען צוריסען, צו וואונדערט און אָנגעטהאָן אין שמאַטעס. איך האָב אייך איבערגעשראָקען און איהר האָט גע'חלש'ט; דאָס איז געווען מיין שולד. מענשען דאַרפען ניט קומען, מיט אַזאַ אויסזעהן אין פרעמדע הייזער; איך בעט אייך אום פערצייהונג. דאָס איז כמעט אַלעס, וואָס איך האָב צו זאָגען. איהר דאַרפט זיך שוין זעצען אויף'ן שיף, איהר וועט האָבען אַ גוטע רייזע, דער וועטער איז שעהן. זייט געזונד, איהר וועט ניט פערי־בעל האָבען אויף מיר פאַר דאָס וואָס איך האָב אייך איצט געזאָגט. דאָס איז די לעצטע מינוט."

„איך דענק פון דעם קופערט מיט די זאַכען, וועגען וועלכע איהר האָט גערעדט", האָט דערושעט געענטפערט, „וואָרום האַלט איהר עס ניט פאַר אייער פרוי, ווען איהר וועט חתונה האָבען."

„עס איז העכסט מעגליך, דאָס איך זאָל שוין קיינמאָל ניט חתונה האָבען" האָט גיליאַט געענטפערט."

„דאָס וואָלט געווען אַ שאָד, איהר זייט דאָך אַזוי גוט", האָט דערו־שעט בעמערקט.

דערושעט האָט געשמייכעלט, און גיליאַט האָט געענטפערט מיט אַ שמייכעל. ער האָט איהר געהאָלפען אריינצוגעהן אין שיפעל.

אין נאָך ווענינער, ווי אין אַ פערטעל שטונדע, זיינען קאָדריי און דערושעט געווען אויף'ן גרויסען שיף קאַשעמיר.

VII.

גיליאַט האָט שנעל פערלאָזען דעם ברעג און האָט זיך אַ נעהם גע־טהאָן אין די ריכטונג פון סאַן סאַמפסאָן. ער האָט אויסגעמידען די גרויסע גאַסען, זייענדיג אין גרויסער אַנגסט צו בעגעגען אירגענד וועלכען בעקאַנ־טען פנים. איבעראַל האָט מען פון איהם גערעדט.

דאַן און וואַן האָט ער זיך אומגעדרייט אום צו כאַפען אַ בליק אויף די קאַשעמיר, וועלכע האָט אָנגעהויבען אויסצוציהען איהרע זעגלען. דער ווינד איז געווען אַ גאַנץ קליינער. גיליאַט איז געגאַנגען שנעלער, ווי די קאַשעמיר. פלוצלונג האָט ער זיך אָבגעשטעלט. דאָס איז געווען דער פלאַץ, וואו דערושעט האָט געשריבען דעם נאָמען גיליאַט אויף'ן שנעה. פיעלע טעג זיינען שוין אַוועק, זייט דער שנעה איז צושמאָלצען געוואָרען. גיליאט האָט

באַלד ווידער אָנגעהויבען געהן, ביז ער איז געשטאַנען לעבען זיין הויז בי-דע-לאַ-רי.

זיין הויז איז געווען אין דעמזעלבען צושטאַנד, אין וועלכען ער האָט זי פערלאָזען היינט אין דער פריה. אַ פענסטער איז געווען אָפען, און מען האָט געקענט זעהן זיין פייפעל הענגענדיג אויף'ן וואַנד. אויף'ן טיש איז געלעגען די קליינע ביבעל, וועלכע קאָדריי האָט איהם געגעבען צום אַנדענקען פאַר ראַטעווען איהם פון אַ זיכערען טוידט. דער שליסעל האָט געשטעקט אין טהיר. גיליאַט איז צוגעגאַנגען צום טהיר, האָט אומגעדרייט דעם שליסעל צוויי מאָל, האָט איהם אַריינגעלייגט אין קעשענע און איז אַוועק. ער איז אַוועק צום ים צו.

אָנקומענדיג דאָרט, האָט ער ווי אַ ריעז אָנגעהויבען קלעטערען איבער די פעלזען, ביז ער איז צוגעקומען צו דעם פעלז, אויף וועלכען ער האָט מיט אַ פאָר מאָנאַטען פריהער געטראָפען דעם רעוורענד קאָדריי. דאָס איז געווען דער פעלז, אויף וועלכען עס איז סכנות נפשות איינצושלאָפען.

אַ פישער פרוי, דערקענענדיג איהם דאָרט האָט צו איהם געשריען: „נעהם זיך אין אַכט, דער ים האַלט זיך אין אויפהויבען."

אָבער ער איז געבליבען, ווי פערשטיינערט אויף יענעם פלאַץ.

דער ים איז געווען אַזוי בלוי, ווי נור מעגליך. אַ מילדער ווינטעל האָט געבלאָזען, און פון דערווייטענס האָט זיך דערזעהן די קאַשעמיר, בעוועגענדיג אין די ריכטונג, וואו גיליאַט איז געזעסען.

גיליאַט האָט ניט אַראָבגענומען פון איהר די אויגען. די קאַשעמיר איז געקומען אַלץ נעהענטער און נעהענטער מיט די לאַנגזאַמקייט פון אַ שאָטען.

מיט אַ מאָל האָט אַ געפיהל פון נאַסקייט און קאַלטקייט געמאַכט גיליאַט'ן אַרונטערקוקען. דער ים האָט דערגרייכט זיינע פיס.

די קאַשעמיר איז געווען גאַנץ נאָהענט פון איהם. מען האָט געקאָנט זעהן דעם קאַפיטאַן, די מאַטראָזען, אָבער גיליאַט האָט זיי קיינעם ניט בעמערקט. זיין בליק איז געווען געריכטעט אויף איין פלאַץ אויף'ן שיף. דאָרט זיינען געזעסען ווי צוויי טייבעלעך קאָדריי און דערושעט, זיי זיינען געזעסען צוגעטולעט איינער צום אַנדערן. זי האָט געהאַלטען איהר קאָפּ ביי איהם אויף'ן ברוסט; ער האָט געהאַלטען זיין האַנד אַרום איהר טאַליע. זייערע הענד געשלאָסען איינע אָן די אַנדערע.

אַ מערקווירדיגע שטילקייט האָט געהערשט אַרום און אַרום און צו גיליאַטס אויער האָבען זיך צוגעטראָגען דערושעטס ווערטער. „זעה נור, דאָרט זיצט דאַכט זיך עמיצער!"

גיליאַט האָט דערפֿיהלט, דאָס דער וואַסער האָט דערגרייכט שוין זיינע קניע. אָבער ער איז געבליבען אַזוי אונבאַוועגליך ווי פֿריהער; די שיף איז שוין פֿערבייגעגאַנגען דעם פלאַץ, וואו ער איז געזעסען, און ער האָט איהם אַלץ נאָכגעקוקט, ווי זי האָט געשוועבט איבערן וואַסער. די חוואַליעס האָבען דערגרייכט זיין בוזעם.

אַ שטונדע איז אַוועק, זייט ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם פלאַץ. די קאַשעמיר איז פֿערשוואונדען געוואָרען אויף אַ רגע הינטער אַ פֿעלז אָבער זי האָט זיך באַלד ווידער בעוויזען. אַ קורצע צייט שפּעטער איז די שיף געוועז בלויז אַ קליין פינטעל, וואָס האָט געבלישצעט אין דער זונן.

די ים פֿויגעל זיינען געפֿלויגען איבער גיליאַטס קאָפּ, אַרויסלאָזענדיג קורצע געשרייען. עס האָט אויסגעזעהן, אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען די פֿויגעל פֿון די דאָווערס, וועלכע האָבען איהם דערקענט. דער אָווענד האָט געהאַלטען אין אָנקומען. דאָס וואַסער האָט זיך שוין כמעט אויפֿגעהויבען אין זיין גאַנצע הויכקייט.

גיליאַטס אויגען זיינען נאָך אימער געווען געריכטעט אויף די שוואַכע פֿינטעל אין האָריזאָנט. דער אויסדרוק אין זיי האָט געהאַט אין זיך גאָר ניט אירדישעס. אַ מאָדנע ליכט האָט געשיינט אין זייערע רוהיגע טראַגישע טיעפֿענישען. עס האָט זיך אין זיי געזעהן דער פֿרידען פֿון די פֿערשוואונדענע האָפֿנונגען, די רוהיגע אָננעהמונג פֿון רעזולטאַטען, וועלכע זיינען געווען זעהר, זעהר ווייט פֿון דאָס ערוואַרטעטע. שטופֿענווייז האָט זיך אין גיליאַטס אויגען אָבגעשפּיגעלט די דונקעלהייט פֿון הימעל. און דער פֿלעק, וואָס האָט זיך געזעהן אויף'ן האָריזאָנט איז געוואָרען אַלץ קלענער און קלענער, ביז ער איז ענדליך פֿערשוואונדען געוואָרען.

צו דערזעלבער צייט, ווען די שיף איז פֿערשוואונדען געוואָרען, האָט דאָס וואַסער אויך צוגעדעקט גיליאַטס קאָפּ. מען האָט קיין זאַך ניט געזעהן אויף די אויבערפֿלעכע פֿון ים.

ע נ ד ע.